STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00454

AVRAHAM GOLDFADEN UN ZIGMUNT MOGULESKO

Zalmen Zylbercweig

Permanent preservation of this book was made possible by
Harold & Belle R. Schlossberg
in memory of
Sarah Rosenblatt

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן זילבערצווייג

אברהם גאָלדפאַדען
און
זיגמונט מאָגולעסקאָ

פארלאג „אלישבע"

בוענאָס איירעס 1936

ZALMEN ZYLBERCWEIG

ABRAHAM GOLDFADEN
Y
ZIGMUND MOGULESCO

BUENOS AIRES 1936

PRINTED IN ARGENTINE

אַבֿרהם גאָלדפאַדען

1

מען האָט שוין געשריבן פּיעסעס פאַרן יידישן טעאַטער אַ סך פריער פאַר אים, מען האָט שוין געדרוקט טעאַטער־שטיק איידער זיין נאָמען איז פאַרבונדן געוואָרן מיטן יידישן טעאַטער. מען האָט שוין אפילו געשפּילט יידיש טעאַטער פאַר אים. אַ סך פון זיינע פּיעסעס האָט ער גענומען פון פראַנצויזישע און דייטשע מחברים און פון אַ העברעאישן סוזשעט. אַליין איז ער נישט געווען קיין אַקטיאָר, די אָפּיציעלע שפּראַך פון מוזיק — נאָטן האָט ער נישט געקענט. קיין רע־זשי האָט ער נישט שטודירט, קיין מאָלעריי אויך נישט — און דאָך איז ער, אבֿרהם גאָלדפאַדען, געווען דער ערשטער גרויסער אָריגינעלער יידישער טעאַטער־שרייבער, טעאַטער־קאָמפּאָ־זיטאָר, טעאַטער־רעזשיסער, לערער און דעקאָראַטאָר און זיין נאָמען פאַרבלייבט אין דער יידישער געשיכטע אַלס דער גרינדער פון יידישן טעאַטער, אַלס דער פאָטער פון דער יידישער בינע.

די יידישע טעאַטער־היסטאָריקער, וועלכע ווילן אונזער טעאַטער אָנהענגען אַ יחוס פון אַ סך דורות צוריק, הייבן געוויינלעך אָן צו רעכנען די עקסיסטענץ פון יידישן טעאַטער פון דער צייט ווען די יידן אין דייטשלאַנד און אין מעהרן האָבן אין זייערע דיאַלעקטן זיך באַטייליקט אין מאַניפעסטאַציעס אָדער אין גאַסן־צערעמאָניעס. אַלנפאַלס הייבט מען אָן דאַטירן דעם יסוד פון יידישן טעאַטער פון די בראָדערזינגער און בדחנים־אַקטיאָרן, וואָס זענען געווען פאַר גאָלד־פאַדענען און זיין יידיש טעאַטער. לעצטע אויספאָרשונגען האָבן אַנט־דעקט פאַקטן און דאַטעס וועגן יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין וואַרשע אַ סך יאָרן פריער פאַר גאָלדפאַדענען, און אין מערבֿ־אייראָ־פּע זאָל מען האָבן אין אַן אָרטיקן יידישן דיאַלעקט געשפּילט טעאַ־

טער נאָך אַ סך פריער, אָבער ווען מען וויל באמת אָנהייבן רעכנען די געשיכטע פון לעבעדיקן יידישן טעאַטער, דאַרף מען אוועקשטעלן פון איין זייט די דאַטע — 1876, און פון דער אַנדערער זייט דעם נאָמען אברהם גאָלדפאַדען.

אַלע אַנדערע פאָרשטעלונגען און אַנדערע פּערזאָנען פריער זענען געווען קלענערע אָדער גרעסערע עפּיזאָדן מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג. דער גרויסער אָנהייב, די פאַרפלאַנצונג פון פעסטן, איינגעפונדעוועטן בוים „יידיש טעאַטער" איז געשען דורך אברהם גאָלדפאַדען און איז פאָרגעקומען אין רומעניע אין יאָר 1876.

אָבער אברהם גאָלדפאַדענס נאָמען אין דער געשיכטע פון דער יידישער קונסט האָט נאָך אַ פריערדיקע דאַטע. ווען גאָלדפאַדען איז געקומען צום יידישן טעאַטער, איז ער שוין געווען אַ גענוג פּאָפּולערער העברעאישער און שפּעטער יידישער דיכטער און טאַקע דידאָזיקע פּאָפּולאַריטעט זיינע האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דער גרינ־דונג און געדייאונג פון יידישן טעאַטער.

זיין אמתער נאָמען איז געווען נישט גאָלדפאַדען, נאָר גאָלדענ־פאָדעם, עכט יידיש, און געבוירן געוואָרן איז ער דעם 12־טן יולי 1840 אין דער עכט־יידישער שטאָט אַלט־קאָנסטאַנטין, וואָלינער גו־בערניע, וואָס האָט דאַמאָלט געהערט צו רוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַ זייגערמאַכער, אָבער נישט סתם אַ בעל־מלאכה, וואָס ווייסט נאָר פון זיין בענקל און טישקעסטל צו דער אַרבעט, נאָר ער איז גע־ווען דער איינציקער בעל־מלאכה אין שטעטל, וועלכער האָט געהאַט הנאה אַריינצוקוקן אין אַ יידיש ספר. אָט די דאָזיקע ליבשאַפט צום בוך האָט ער אויך איבערגעטראָגן אויף זיינע קינדער, און באַזונדערס צו זיין עלטסטן זון, אברהם, און דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער האָט נישט געשפּאָרט זיין לעצטן גראָשן צו לערנען זיין זון לשון הקודש, וואָס זאָל אים עפענען די טויערן צום תנ"ך און צו די ספרי השכלה, וועלכע זענען דאַמאָלט געווען ביי די רוסישע יידן די איינציקע פענסטער צו דער גרויסער וועלט.

און ווי אַלע משכילים פלעגט גאָלדפאַדענס פאָטער אויך פּרובן זיין טאַלאַנט אַלס שרייבער, און פון צייט צו צייט האָט ער אין דער דאַמאָלטיקער העברעאישער פּרעסע אויך אָפּגעדרוקט, אין דער פאָרם

פון בריוו אין רעדאקציע, קאָרעספּאָנדענציעס פון יידישן לעבן אין שטעטל און אין דער סביבה. די שטוב ביי זיי איז געווען אַזאַ, וואו עס האָט זיך לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד אויפגעהאַלטן דער פונק פון גע־ווּיסע קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. דעם פאָטערס נייגונ־גען זענען אויך אַריבער צו די קינדער, און איינער פון זיי, יוסף, האָט אין 1868 געדרוקט אין „קול מבשר" קאָרעספּאָנדענציעס און באַאַרבעטונגען פון דער דייטשער און רוסישער ליטעראַטור.

אברהם גאָלדפאַדען האָט געלערנט אין חדר ביי אַ גמרא־מלמד, אָבער אַזוי ווי דער פאָטער איז געווען אַ משכיל און אים געוואָלט אויפציען אַלס מאָדערנעם ייד, האָט ער צוגענומען צו זיין זון אין שטוב אַריין אַ לערער, וועלכער האָט אים געלערנט דייטש, רוסיש און תנ"ך מיט אַ דייטשער איבערזעצונג. עס קאָן זיין, אַז זיין פאָטער וואָלט אים נישט דערצויגן פאַר קיין בעל־מלאכה, כאָטש זייגערמאַ־כעריי איז שוין אין יענער צייט באַטראַכט געוואָרן ביי יידן אַלס אַ פיינע, אַריסטאָקראַטישע אַרבעט, און מען האָט אויף אַ זייגערמאַכער געקוקט נישט פון אויבן אַראָפּ, נאָר ווי אויף אַ שטיקל קינסטלער. אָבער די יידישע גאַס איז דאַמאָלט געווען שטאַרק אָפּגעשראָקן פון דער גזרה, אַז מען וועט נעמען קליינע קינדער פאַר סאָלדאַטן, און עס איז דעריבער געווען קלאָר פאַר אברהמס פאָטער, אַז וויבאַלד זיין זון וועט אַביסל אונטערוואַקסן, וועט מען אים דאַרפן אַרויסשמוגלען פון רוסלאַנד כדי אויסצומיידן, אַז ער זאָל ווערן אַ סאָלדאַט, און כדי אַזאַ בחור זאָל זיך קאָנען מפרנס זיין אין דער פרעמד, אין אויס־לאַנד, איז נויטיק צו האָבן אַ פאַך אין דער האַנט, צו קאָנען אַ מלאכה. טאָ ווי דאַרף מען אַ בעסערע מלאכה ווי זייגערמאַכעריי, איבערהויפּט נאָך, אַז מען האָט עס אין דער אייגענער שטוב?

דערווייל אָבער דערשיינט אַן „אוקאַז" (באַפעל), אַז די רעגי־רונג גרינדעט „יידישע מלוכה־שולן" און די שילער פון דידאָזיקע שולן וועלן זיין באַפרייט פון דינען אין מיליטער. אויך אויף דידאָ־זיקע שולן האָבן דאָס רוב יידן געקוקט ווי אויף אַ גזרה, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז די יידישע תלמידים דאָרט וועלן נישט אויסוואַקסן קיין יידן. די משכילים האָבן אָבער געהאַט אַן אַנדערע באַציאונג צו

דידאַזיקע שולן, און גאָלדפאַדענס פאָטער האָט זיין 15־יאָריקן זון אברהם באַלד פאַרשריבן אין אזא שול.

דער פון יענער צייט באַקאַנטער העברעאיש - יידישער שריפטשטעלער אברהם־בער גאָטלאָבער, וועלכער איז געווען אַ לע־רער אין יענער שול, דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז צווישן אַנדערע תלמידים איז געווען אַ יינגעלע גאָר אַ יונגס, אברהמעלע. דאָס יינגעלע האָט אַ חוץ דער שול, געלערנט ביי אים אין שטוב פּרי־וואַט, און פלעגט זיך זייער צוקוקן ווען ער האָט געשריבן „זשאַר־גאָן". דאָס איז פשוט געווען דעם יינגעלס לײדנשאַפט.

אין 1857, אין עלטער פון 17 יאָר, ענדיקט גאָלדפאַדען די שול מיט אַן אויסצייכענונג און טרעט אריין אין דער זשיטאָמירער ראַ - בינער־שול.

אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז די ראַבינער־שול האָט די אויפ־גאַבע צוצוגרייטן ראַבינער און לערער, אָבער פאַקטיש פלעגן אין דער שול אויך אַריינטרעטן אַזעלכע, וואָס האָבן דאָרט געוואָלט באַקומען וועלטלעכע בילדונג און געוויסע יידישע למודים „כדי פאָרטצוזעצן די יידישע טראַדיציע". כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז געשטאַנען וויים פון דער ראַבינער־שול און האָט זיך מיט איר נישט אינטערעסירט. אין דער שול גופא האָט געהערשט אַ „מאָדערנער גייסט". אויף זייער בקשה האָבן די תלמידים באַקומען אַ דערלויבע־ניש צו טאַנצן און פלעגן, זייענדיק אָנגעטאָן אין אויפפאַלנדע קאָסט־יומען, אויך באַזוכן מאַסקן־בעלער אין זשיטאָמירער טעאַטער. איינער פון די תלמידים, וואָלף קאַמראַש, האָט נאָך אין 1853 אָנגעשריבן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם אַ בייסנדע סאַטירע אויף קהל, אָבער דער קיעווער צענזור־קאָמיטעט האָט דאָס פאַרווערט, ווייל ס׳איז „ניהי - ליזם".

אין 1862 איז אין דער שול, וואו ס׳איז דאַמאָלט געווען אינס־פּעקטאָר דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון „הצפירה" חיים־זעליג סלאָנימסקי (דער זיידע פון איצטיקן משומד שריפטשטעלער אַנטאָני סלאָנימסקי) פאָרגעקומען אַ מערקווירדיק געשעעניש. די פרוי פון אינספּעקטאָר, מאַדאַם סלאָנימסקי, אַליין אַן אינטעליגענטע דאַמע, האָט געבראַכט אַ יידישע פּיעסע, די קאָמעדיע „סערקעלע" פון דר.

שלמה עטינגער. מאדאם סלאָנימסקי איז געווען באַגייסטערט פון דער קאָמעדיע און זי האָט די פּיעסע אויפגעפירט אין דער שול מיט די שילער. צו דער פאָרשטעלונג זענען געקומען די איבעריקע שילער, די לערער און די גאַנצע זשיטאָמירער יידישע אינטעליגענץ. די טיטל־ראָל „סערקעלע" האָט געשפּילט טאַקע אברהם גאָלדפאַדען, און ווי אַן עדות פון דער פאָרשטעלונג דערציילט, איז גאָלדפאַדען אין דער דאָזיקער פרויען־ראָל געווען דער בעסטער פון אַלע אַנדערע מיטשפּי־לער.

גאָלדפאַדען אַליין פלעגט זיך שפּעטער באַרימען, אַז ער איז גע־ווען די רעכטע האַנט ביי מאַדאַם סלאָנימסקי. ער האָט באַזאָרגט די דעקאָראַציעס און ביים איינשטודירן די ראָלן מיט די שילער איז ער געווען דער גאַנצער קנאַקער.

אייניקע סאָוויעטישע ליטעראַטור־קריטיקער ווילן פון דער פאָר־שטעלונג דרינגען, אַז דאָ האָט זיך גאָלדפאַדען דאָס ערשטע מאָל גע־לערנט צופּאַסן זיך צו די מינימאַלע סצענישע מעגלעכקייטן פון אַן אימפּראָוויזירטן טעאַטער. יעדנפאַלס האָט גאָלדפאַדען פון דעם אוונט גוט געדענקט ווי אַזוי זיך צו באַגנוגענען מיט די קנאַפּסטע סצע־נישע מיטלען, צו באַגיין זיך אָן אַ פרויען־פּערסאָנאַל אין דער טרופּע און אָן די נויטיקע שפּיל־מאַטעריאַלן. דאָס זענען אַלץ געווען זאַכן, וועלכע גאָלדפאַדען האָט געמוזט אָנווענדן אַביסל שפּעטער, אין דער ערשטער צייט ווען ער האָט געגרינדעט דאָס יידישע טעאַטער אין רומעניע.

האָט גאָלדפאַדען ערשט אין דער ראַבינער־שול דעביוטירט אויפן געביט פון קונסט, אָדער האָט ער עס שוין פריער געטאָן?

גאָלדפאַדען אַליין האָט שפּעטער דערציילט דעם העברעאיש־יידישן שרייבער זילבערבוש, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן גראַמען נאָך אַלס קינד פון 7 — 6 יאָר. דער פאָטער פלעגט אים דער־פאַר רופן „אברהמעלע בדחן". נאָך איידער גאָלדפאַדען איז אַריין אין דער מלוכה־שול, ווען ער האָט נאָך געאַרבעט ביי זיין פאָטער, איז צו זיי אָנגעקומען אַלס געזעלן (אַרבעטער) אַ בחור נחמן פון בראָדי. דער יונגערמאַן איז נאָך אין דער היים געווען אַ משורר, און האָט אויך אין אַלט־קאָנסטאַנטין געזונגען שבת ביים חזן. נחמן

פלעגט ביי דער ארבעט זינגען חזנישע שטיקלעך און יידישע לידער פון בערל בראָדער און וועלוועל זבאַרזשער. דאָס קליינע אברהמעלע האָט פאַר דעם געזעלן נחמן געזונגען זיינע אייגענע פאַרפאַסטע לידער, זענען די לידער דעם בחור אַזוי געפעלן, אַז ער האָט זיי נאָכגעזונגען מיט אַ באַזונדערער מתיקות. דאָס ווידער האָט ביי גאָלדפאַדענען אַרויסגערופן חשק צו שאַפן נייע לידער און נייע ניגונים, וועלכע זענען באַלד איבערגענומען געוואָרן פון אַנדערע משוררים. קורץ דערויף האָבן די לידלעך אָנגעהויבן צו זינגען די מיידלעך און ווייבלעך פון אַלט־קאָנסטאַנטין און שפּעטער אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך, אָבער גאָלדפאַדען האָט זיך נישט אָנגעגעבן אַלס מחבר פון זיי. ערשט ווען גאָלדפאַדען האָט אַמאָל געפּאַקט ביי נחמנען אַ העפט פאַרשריבן מיט זיינע, גאָלדפאַדענס, לידלעך, און אויפן העפט איז געווען אויפגעשריבן „לידער און לידלעך פאַרפאַסט און צו זיי געמאַכט אייגענע ניגונים פון נחמן בראָדער”, ערשט דאַמאָלט האָט גאָלדפאַדען באַשלאָסן מער נישט צו מאַכן קיין סוד פון זיין שרייבן און האָט זיך אָנגעהויבן אומעטום אָנצוגעבן אַלס דער אמתער פאַרפאַסער פון די לידער.

אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, וואו גאָלדפאַדען איז געווען אַ זייער פלייסיקער שילער, האָט ער שוין געשריבן לידער אין פאָלקס־טאָן, וועלכע מען האָט באַלד נאָכגעזונגען אַפילו אין דער פּראָווינץ און אַזוי איז אברהם גאָלדפאַדען, נאָך זיצנדיק אויף דער שול־באַנק, געוואָרן אַ פּאָפּולערער און באַליבטער פאָלקס־דיכטער. עס איז שווער צו גלייבן, אַז די דאָזיקע לידער האָט גאָלדפאַדען געשריבן, זייענדיק אָפּגעשלאָסן פון יידישן כלל, ווי עס האָט זיך געפונען די זשיטאָמירער ראַבינער־שול. מען דאַרף גיכער רעכנען, אַז גאָלדפאַדען איז געווען פון די געציילטע שילער, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן, אין וועלכער ס'איז פאָרם, צו האָבן אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, זען ווי עס לעבט די ברייטע יידישע מאַסע, זען אירע געשטאַלטן און לעבנס־שטייגער, ווייל דאָס האָט ער אָפּגעשפּיגלט אין זיינע לידער.

עס זענען נישטאָ קיין גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן די באַגעגנישן פון גאָלדפאַדען מיט די אינטעליגענטע קרייזן אין זשיטאָמיר.

עס איז נאָר באַוואוסט, אַז ער איז געווען אַן איינגייער אין הויז פון וואַרשאַוסקי, דער פאָטער פון שפּעטער באַרימטן פאָלקס־דיכ־טער מ. וואַרשאַווסקי (דער מחבר פון „טייערע מלכה", „דער פּאָ־ראָם" א. א.), וואו עס האָט געהערשט אַ קולטורעלע סביבה. אין זשי־טאָמיר האָט זיך גאָלדפאַדען אויך געטראָפן מיט זיין געוועזענעם לע־רער אַ. ב. גאָטלאָבער, ביי וועמען אין הויז עס פלעגן פאָרקומען מו־זיקאַלישע אָוונטן. דאָ האָט זיך גאָלדפאַדען אויך באַקענט מיטן דאַ־מאָלטיקן באַרימטן שריפטשטעלער י. י. ליניעצקי (דער מחבר פון „פוילישן יונגל"), מיט וועלכן ער האָט שפּעטער אין זיין לעבן אַזוי פיל דורכגעמאַכט. עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז גאָלדפאַדען האָט זיך דאָ געטראָפן מיטן זיידע מענדעלע מוכר ספרים, וועלכער האָט געוואוינט אין בערדיטשעוו און פלעגט גאַנץ אָפט באַזוכן זשי־טאָמיר.

און אָט טרעט אברהם גאָלדפאַדען ענדלעך אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט זיינע לידער. אין 1862 פאַרעפנטלעכט ער אַ העב־רעאיש ליד אין „המליץ" און אַ יאָר שפּעטער הייבט ער אָן דרוקן יידישע לידער אין „קול מבשר".

כאָטש גאָלדפאַדען האָט זיך אין דער ראַבינער־שול פליסיק גע־לערנט, פונדעסטוועגן האָט ער אין געוויסע למודים, ווי מאַטעמאַטיק א. א. געהאַט אַ קנאַפּן דערפאָלג, אָבער דערפאַר האָבן זיינע העברע־אישע שירים מכפר געווען ביי די לערער זיינע זינד — אַ העברעאי־שער משורר, מעג ער אַביסל נישט קענען...

אָבער גאָלדפאַדען האָט געהאַט פּאַרטיק ביי זיך מער לידער ווי־פיל ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע, און אין 1865 האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ערשט ביכל לידער — אין העברעאיש אונטערן נאָמען „ציצים ופרחים" (שפּראָצן און בלומען), און אונטערגעשריבן איז געווען אברהם בן חיים־ליפּא גאָלדפאַדען. דאָס ביכל איז געווען געווידמעט צו זיין פאָטער, טאַקע דעם, וועלכער האָט אים גע־געבן אַ העברעאישע דערציאונג.

אַ יאָר שפּעטער (1866) ענדיקט גאָלדפאַדען די ראַבינער־שול און גיט באַלד דערויף אַרויס זיין ערשט ביכל לידער אין יידיש אונ־טערן נאָמען „דאָס אידעלע", און דאָסמאָל ווידמעט ער זיין ביכל צו

זיין מוטער, ווי ער וואָלט דערמיט אונטערגעשטראָכן, אַז זיין מוטער־שפּראַך איז יידיש. און פּונקט אַזוי ווי זיין העברעאיש ביכל האָט גע־מאַכט אַ קנאַפּן איינדרוק, פּונקט אַזוי גרויס איז געווען דער רושם פון זיין יידיש ביכל, וואָס האָט באַלד אַרויסגערופן צום מחבר די באַציאונג ווי צו אַ גרויסן פאָלקס־דיכטער.

מען האָט באַלד געגומען זינגען די לידלעך איבער שטעט און שטעטלעך און גאָלדפאַדענס נאָמען אַלס פאָלקס־דיכטער איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

כאָטש אין דעם ביכל האָבן נישט געפעלט קיין לידער פון נאַ־ציאָנאַליסטישער באַגייסטערונג, איז אָבער דער גרעסטער טייל לידער געווען געווידמעט סאָציאַלע מאָטיוון, וואָס זענען געווען גענומען פון סאָציאַלן לעבן, דורכגעדרונגען מיט די דאַמאָלטיקע געפאַלענע שטי־מונגען פון יידישן מיטלשטאַנד, און איבערגעגעבן אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט אויך געקאָנט זיין נאָנט צו די ברייטע, אָרעמע יידישע מאַסן.

דאָס איז אויך געווען זיין איינציק ביכל מיטן נאָמען גאָלדענ־פאָדעם. עס הייסט, אַז אַ לערער פון דער ראַבינער־שול האָט אים גע־ראָטן צו ענדערן דעם נאָמען אויף גאָלדענפאַדען כדי פון אים אָפּצורייבן דעם פּראָסט־יידישן קלאַנג. נאָך שפּעטער האָט ער שוין אַליין פאַרקירצט דעם נאָמען אויף גאָלדפאַדען.

אַ יאָר נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די ראַבינער־שול (1867) איז גאָלדפאַדען געוואָרן לערער אין סימפעראָפּאָלער רעגירונגס־שול, אָבער דאָ האָט ער זיך אויפגעהאַלטן נאָר אַ קורצע צייט און אין 1868 האָט ער זיך אַריבערגעטראָגן קיין אָדעס.

דאָ האָט זיך גאָלדפאַדען אָפּגעשטעלט ביי זיין פעטער, דעם גביר יידל קעסעלמאַן, ביי וועלכן ער האָט דערוואַרט צו באַקומען אַ מאַטעריעלע שטיצע. די ערשטע צייט איז ער טאַקע געווען אַ זייער אָנגעלייגטער גאַסט. אַזוי ווי ער איז שטענדיק געווען אַ פריילעכער און אַן אויפגעלייגטער, איז ער געוואָרן דער ליבלינג אין דער משפחה. באַזונדערס וואַרם האָבן אים אויפגענומען קעסעלמאַנס קינדער. איי־נער פון זיי, יוסף, איז געווען אַ גוטער פּיאַניסט, און, ווי ס'ווערט דערציילט, האָט ער טאַקע אַ סך מיטגעהאָלפן גאָלדפאַדענען ביים

צוקליבן מעלאָדיעס צו זיינע לידער. אָבער אויב די קינדער האָבן שטאַרק ליב באַקומען גאָלדפאַדענען, האָבן אָבער דער פעטער מיט דער מומע אָנגעהויבן צו ווערן פון אים איגגיכן אומצופרידן. גאָלד־פאַדען האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן צו זיין אַ מענטש מיט גרויסע השגות און פאָדערונגען פון לעבן. ער האָט גערעכנט, אַז אַזוי ווי ער האָט אַ רייכן פעטער ביי דער זייט, וועט ער קאָנען אַ לעב טאָן פריי און זאָרגלאָז אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט. פאַר דער צייט, וואָס גאָלדפאַדען איז געווען ביי די קעסעלמאַנס, איז די גאַנצע שטוב גע־גאַנגען כאָדאָראָם. זיין זינגען און טאַנצן האָט גאָרנישט געהאַט קיין שיעור, און דער פעטער האָט זיך גענומען צו אים טענהנען פאַרוואָס ער זאָרגט נישט עפּעס וועגן אַ תכלית. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער זיצן מיט די שרייבער ליניעצקי און בערנשטיין און שרייבן לידלעך, און אין די אָוונטן פלעגט ער אַרומגיין איבער די טעאַטערס און אַרום 2 אָדער 3 אַזייגער ביינאַכט פלעגט ער זיך קומען צופאָרן אויף אַן איזוואָש־טשיק (וואָגן) און ערשט אָנהייבן טומלען אין שטוב ווי ס'וואָלט שוין געווען אין מיטן העלן טאָג.

דער פעטער און די מומע האָבן אין אָנהייב אַלץ פאַרליב גענומען, ווייל זיי האָבן געהאַט עפּעס אין אויסזיכט. פאָרט איז דער בחור געווען אַן איינגענער, אַ געלערנטער, אַ שיינער, מיט אַלע מעלות, און זיי האָבן דעריבער געקוקט אויף אים ווי אויף אַ צוקונפטיקן חתן פאַר זייער טאָכטער. ווייבאַלד אָבער זיי האָבן דערשמעקט, אַז פון דעם שדוך וועט גאָרנישט ווערן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו קוקן קרום אויף זיין פירונג און האָבן אים אָנגעהויבן מוסרן.

גאָלדפאַדען האָט זיך באַליידיקט, האָט פאַרלאָזט זייער הויז און האָט אָנגעהויבן אָפּט באַזוכן די פאַמיליע פון דעם העברעאישן דיכ־טער אליהו־מרדכי ווערבעל, אַן אָדעסער אינטעליגענט, וואָס האָט געשטאַמט פון גאַליציע, האָט זיך געדרוקט אין פאַרשידענע העברע־אישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ זאַמ־לונג העברעאישע לידער. און אָט די באַזוכן אין דעם הויז ווערבעל האָבן זיך טאַקע יאָ געענדיקט מיט אַ שדוך. גאָלדפאַדען האָט חתונה געהאַט מיט ווערבלס טאָכטער, פּאַולינאַ, אַן אינטעליגענט מיידל,

וועלכע האָט אים שפּעטער געהאָלפן דורך איבערזעצן פּאַרסן און קאָמעדיעס פון פראַנצויזיש.

די סביבה אין וועלכער גאָלדפאַדען האָט זיך איצט געפונען, איז געווען אַ ריין קינסטלערישע. אויסערדעם איז אין אָדעס דערשינען די דאַמאָלטיקע איינציקע יידישע צייטשריפט „קול מבשר", און דאָס אַליין האָט אים צוגעגעבן מוט צו שרייבן. און אַזוי איז דאָ, אין אָדעס, אין 1869, דערשינען די צווייטע יידישע זאַמלונג פון גאָלד־פאַדענס לידער אונטערן נאָמען „די יידענע". דידאָזיקע זאַמלונג האָט אַנטהאַלטן נישט נאָר לידער, נאָר אויך איינציקע דראַמאַטישע פּרובן, ווי דער דראַמאַטישער עסקיז „צוויי שכנות" און אַ שטייגער־קאָמע־דיע „די מומע סאָסיע". דאָס ביכל האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז דריי יאָר שפּעטער איז עס אַרויס אין אַ צווייטער אויפלאַגע.

וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער קאָמעדיע זענען פאַרהאַן פאַר־שידענע מיינונגען: דר. שאַצקי האַלט, אַז זי איז אַ פאַריידישונג פון אַ פראַנצויזישער קאָמעדיע, ב. גאָרין מיינט, אַז זי איז געשריבן אונ־טערן איינדרוק פון עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע", וועלכע גאָלד־פאַדען האָט איינציקע יאָר פריער געשפּילט, אָבער דער רוסיש־יידישער זשורנאַליסט יאַמפּאָלסקי איז אין דער מיינונג, אַז דאָס ביכל מיט דער קאָמעדיע האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג אין אָדעס, ווייל די טיפּן פון דער קאָמעדיע זיינען גענומען פון אָדעסער יידישן לעבן. אַ סאָ־וויעטישער ליטעראַטור־פאָרשער, רימיניק, געשטיצט אויף עדות האַלט אַז די קאָמעדיע איז דורך גאָלדפאַדענען פּשוט אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן יסוד פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען ביי זיין פעט־טער יידל קעסעלמאַן אין שטוב: די טיפּן פון דער קאָמעדיע זענען פּערזאָניפיצירט פון די בני־בית, אַריינגענומען אויך גאָלדפאַדענען אַליין אַלס אַ העלד. צו די ווירקלעכע פּאַסירונגען זענען צוגעגעבן גע־וואָרן אַ טייל איבערגעטריבענע פּרטים, וואָדעוויל־מעסיק, דערביי מערקט זיך אויך אַ געוויסע השפּעה פון עטינגערס „סערקעלע". דעם בעסטן סימן, אַז דאָס איז אַן עכטער אָדעסער פּראָדוקט קאָן מען זען אין דעם, אַז ווען גאָלדפאַדען איז שפּעטער געקומען אין אָדעס מיט זיין טרופּע, האָט ער די דאָזיקע קאָמעדיע נישט געשפּילט, די טיפּן פון דער קאָמעדיע האָבן זיך געפונען אין דער שטאָט און זיי

וואָלטן זיך זיכער געפּילט באַליידיקט ווען זיי זעען ווי מען חוזקט פון זיי אָפּ אויף דער בינע.

נאָכדעם ווי די „מומע סאָסיע" איז אַזוי גוט אויפגענומען גע־וואָרן, האָט גאָלדפאַדען אָפּגעדרוקט אין „קול מבשר" אַ פראַגמענט פון אַ פּיעסע. דער פראַגמענט האָט געהייסן „פּאַליגע שכור". „פּאַל־גע" האָט מען אין יענער געגנט גערופן אַ שניידער. דער פראַגמענט האָט געזאָלט זיין פון אַ קאָמעדיע „די וויבאָרעס (וואַלן) פון גור־בערנסקן רב", אָבער גאָלדפאַדען האָט די קאָמעדיע קיינמאָל נישט פאַרענדיקט.

אָדעס צו יענער צייט האָט געהאַט אַ סביבה פון שרייבער: ש. בערנשטיין, אולריך קאָלמוס, ש. טראַכטמאַן. זיי און דאָס וואָס גאָלד־פאַדען האָט געהאַט אַ דערפאָלגרייכן עפנטלעכן אַרויסטריט פאַרן אינטעליגענטן אָדעסער יידישן עולם, פאַר וועלכן ער האָט פאָרגע־לייענט זיינע ווערק, האָבן געשטאַרקט ביי אים דעם ווילן צו שרייבן, אָבער פּרנסה האָט מען דערפון נישט געקאָנט האָבן. בכלל איז גאָלד־פאַדענס מאַטעריעלע לאַגע אין אָדעס געווען אַ שווערע. ער האָט אַרום און אַרום פון לערערײַ פאַרדינט 18 רובל אַ חודש, און דאָס איז גע־ווען אַ צו באַשיידענע סומע פאַר אַ פאַרהייראַט פּאָרל, האָט ער אַוועקגעוואָרפן דאָס לערערײַ און איז צוערשט געוואָרן אַ קאַסירער אין אַ הוט־מאַגאַזין, דערנאָך האָט ער אַליין געעפנט אַ הוט־מאַגאַזין, האָט אַ געוויסע צייט געהאַנדלט גרוים און לסוף אָנגעזעצט.

יצחק ליבּרעסקאָ, גאָלדפאַדענס רעכטע האַנט אין די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין רומעניע און אין רוסלאַנד, דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז גאָלדפאַדען האָט באַנקראָטירט אויף 80 טוי־זנט רובל. דאָס איז זיכער אַ שטאַרק איבערגעטריבענע ציפער, אָבער פון דער אַנדערער זייט לאָזט זיך גלייבן וואָס ליבּרעסקאָ דערציילט, אַז ווען ס'פּלעגן צו גאָלדפאַדענען קומען בעלי־חובות מאָנען, פלעגט ער זיי זינגען לידלעך, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט, ווייל די מידה פון זינגען לידלעך האָט גאָלדפאַדען נאָך געהאַט בעת ער האָט געלערנט אין דער ראַבינער־שול. און ווי ליבּרעסקאָ באַהויפּטעט פלעגט גאָלד־פאַדען זינגען אין דער ראַבינער־שול פּאַראָדישע לידלעך אויף די

לערער, אָבער אָפט פלעגט ער אויך פאַרפאַסן און זינגען פּאָרנאָגראַ־פישע לידער.

פאַרשטייט זיך, אַז גאָלדפאַדענס בעלי־חובות האָבן זיך מיט די לידלעך נישט באַגנוגנט, זיי האָבן געמאָנט זייער געלט, און אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט זיי דאָס נישט געקאָנט געבן און ער האָט געזען, אַז זיי ווערן ערנסטער און דראָענדער פון טאָג צו טאָג אין זייער מאָנען, האָט ער פשוט געמאַכט פּיס פון רוסלאַנד.

2

אין 1875 איז גאָלדפאַדען געפאָרן קיין מינכען, דייטשלאַנד, וואו ער האָט געוואָלט שטודירן אַלס דאָקטאָר, אָבער צוליב געוויסע שטע־רונגען האָט ער באַלד אָוועקגעוואָרפן דאָס שטודירן און איז געפאָרן קיין לעמבערג, דאַמאָלט עסטרייך, צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייי־בער.

אין לעמבערג האָט גאָלדפאַדען, ווי ער דערציילט אַליין אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, געהאַט גענוג געלעגנהייט זיך אָנצוזעזן און אָנצו־לערנען מיט די בעסטע דראַמעס און אָפּערעס: פּוילישע, רוסישע, דייטשע, פון אַלע קלענסטע אָפּערעטעס ביז די באַרימטסטע אָפּערעס פון ווערדי, מייערבער, הלוי, אָבער דערפון קאָן מען קיין פּרנסה נישט האָבן און אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט זיך דאָ באַגעגנט מיט זיין יוגנט־פריינט י. י. ליניעצקי, האָבן זיי זיך צונויפגערעדט און אין 1876 הייבן ביידע דאָ אָן אַרויסצוגעבן דאָס יידישע וואָכנבלאַט „ישראַליק״. דער חשבון איז, אַז די יידן אין רוסלאַנד קאָנען פאַרדייען נאָך אַ וואָכנ - בלאַט אַ חוץ דעם „קול מבשר״, וואָס איז געווען זייער קאָנסערוואַטיוו, בעת „ישראַליק״ איז געווען מער מאָדערן און האָט אָנגענומען אַ ראַ־דיקאַלע שטעלונג צו דער פראַגע וועגן העברעאיש און יידיש, וואָס איז דאַמאָלט געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג. עס איז אָבער געווען וויכטיק צו דרוקן דאָס וואָכנבלאַט אין עסטרייך: ערשטנס דערפאַר ווייל גאָלדפאַדען האָט זיך נישט געקאָנט צוריק באַזעצן אין רוסלאַנד, פון וואו ער איז אַנטלאָפן צוליב זיין באַנקראָט, צווייטנס, איז די פּרעסע־פרייהייט אין עסטרייך געווען באַדייטנד גרעסער ווי אין רוס־לאַנד, און מ׳האָט דאָרט געקאָנט דרוקן אַזעלכע זאַכן, וועלכע מען

האָט אין רוסלאַנד נישט געטאָרט, אָבער פון די אַבאָנענטן אין רוס־לאַנד אַליין האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט עקסיסטירן, מען האָט זיך געניויטיקט אין אויסלענדישע אַבאָנענטן, און גאָלדפאַדען האָט זיך דעריבער געלאָזט קיין רוסלאַנד דאָרט שאַפן אַבאָנענטן. בעת אַזאַ באַזוך אין זשיטאָמיר זאָל גאָלדפאַדען האָט באַזוכט 2 „יידישע קאָנצערטן״ פון די בדחנים און פאָלקסזינגער אברהם פישזאָן און ישראל גראָדנער, און זאָל אַלס אויסדרוק פון צופרידנקייט זיי האָבן געגעבן זיין פעליע־טאָן (?) „די מומע סאָסיע״, וועלכן פישזאָן האָט באַלד דערויף אויפ־געפירט אַלס טעאַטער־שטיק.

פישזאָן דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות, אַז נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען האָט געזען זיין קאָמעדיע אויף דער בינע, האָט ער מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: „אַ דאַנק גאָט, וואָס איך האָב דערלעבט צו זען מיינע שטומע ווערטער לעבעדיק. ס'איז ביי מיר דער גרעסטער יום־טוב אין לעבן. זיי וועלן לעבן. איצט ווייס איך שוין, אַז מיינע ווערטער וועלן לעבן. איר האָט אַריינגעבלאָזן אין זיי אַ רוח חיים״.

צו פישזאָנס געשיכטע דאַרף מען זיך באַציען מיט אַ גרויסן רע־זערוו, ווייל דערמיט וויל ער אייגנטלעך אָנווייזן, אַז ער האָט געשפילט יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד נאָך פאַר גאָלדפאַדענען, און אויף זיינע בריוו־בויגן פלעגט ער טאַקע פון אויבן אָן שטעלן זיין בילד, אַרומגע־נומען אין אַ לאָרבער־קראַנץ, און פון אונטן איז געווען אויפגעשריבן אין רוסיש „דער גרינדער פון יידישן טעאַטער״. דער חשד אויף דער פינקטלעכקייט פון פישזאָנס דערציילן איז באַגרינדעט מיט פאָלגענ־דעם: ערשטנס, ווייסן מיר, אַז די „מומע סאָסיע״ איז ניט געווען קיין פעליעטאָן, נאָר גאָלדפאַדען האָט עס באַלד געשריבן אַלס קאָמעדיע, צווייטנס — האָט עס גאָלדפאַדען נישט געדאַרפט מיטברענגען, ווייל נאָך אַ סך יאָר פריער איז עס געווען געדרוקט אין רוסלאַנד אין זיין בוך „די יידענע״, דריטנס—האָט גאָלדפאַדען געהערט „שפילן״ יידישע לידלעך אין רומעניע און טאַקע דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל גע־זען דעם בראָדערזינגער ישראל גראָדנער. וואָלט ער גראָדנערן פריער געזען אין זשיטאָמיר און דערצו נאָך שפילן זיינע אַ קאָמעדיע, וואָלט ער אים זיכער דערקענט אַ יאָר שפעטער אין יאַסי, און נישט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פנים חדשות.

אָבער אַ פּנים, אַז קיין גרויסע גליקן אַלס אַבאָנענטן־זאַמלער האָט גאָלדפאַדען אין רוסלאַנד נישט געמאַכט. ער איז דעריבער צוריקגעקו־מען אין לעמבערג און פון דאָ האָט ער מיט ליניעצקין איינגיכן זיך אַריבערגעטראָגן מיט זייער וואָכנבלאַט קיין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע), וואָס האָט דאַמאָלט אויך געהערט צו עסטרייך. דאָ גייט זיך גאָלדפאַדען פונאַנדער מיט ליניעצקין. גאָלדפאַדען האָט דידאַזיקע שיידונג גע־פּרובט פאַרענטפערן מיט אַ וויץ: „איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז יצחק־יואל ליניעצקי איז אַ מיוחסל, אַ רבניש קינד, דער זון פון וויני־צער רב, און איך אַברהמעלע גאָלדענפאַדעם, בין אַ פּשוטער בשר ודם, דאָס קינד פון אַ בעל־מלאכה", אָבער לעצטע פאָרשונגען שטעלן פעסט, אַז דער שרוך צווישן ביידען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען צוליב געלט־סכסוכים און נישט־עטישע באַשולדיגונגען פון איין צו קעגן אַנדערן.

גאָלדפאַדען הייבט אַליין אָן דאָ אַרויסצוגעבן אַ בלאַט אונטערן נאָמען „דאָס בוקאָווינער איזראַעליטישע פאָלקס־בלאַט". קיין גרויס נחת האָט ער דערפון נישט, ווייל ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט: „האָט די וויניקע בוקאָווינער יידן דער זשאַרגאָן וויניק געשמעקט", און ווען נישט איינציקע גוטע פריינט, וועלכע האָבן זיך אַליין פאַרגע־לייגט אַלס נישט־באַצאָלטע אַגענטן און האָבן פאַרשפּרייט דאָס וואָכנ־בלאַט אין אַנדערע לענדער, וואָלט דאָס וואָכנבלאַט באַלד געמוזט אויפ־הערן אַרויסצוגיין.

איינער פון דידאָזיקע איבערגעגעבענע אומזיסטע אַגענטן איז געווען אַ געוויסער יצחק ליבערעסקאָ, אַ געוועזענער שמש אין אַ שול און דערנאָך אין אַ טעמפּעל אין יאַסי, רומעניע, אַ משכיל, אַ באַגייס־טערטער אָנהענגער פון דיכטער גאָלדפאַדען. ער פלעגט דורכשניטלעך מאַכן יעדן טאָג אין יאַסי אָן אַבאָנענט און עס איז געווען אַ צייט ווען מיט דעם צונעשיקטן געלט פון די יאַסער אַבאָנענטן פלעגט ער ממש אויפהאַלטן גאָלדפאַדענס שטוב.

ווען גאָלדפאַדען האָט געזען וואָס פאַרע אַגענט ער האָט אין אים, האָט ער אין אַ געוויסן טאָג — ווי ליבערעסקאָ דערציילט אין זיינע זכ־רונות — אים אָנגעשריבן בערך אַזאַ בריוול:

„אומבאַקאַנטער פריינט ליבערעסקאָ!

מיין בלאַט וואָלט זייער גוט אַוועק, נאָר דאָס וואָס יעדעס

מאָל מוז איך ענדערן דעם נאָמען, דערהרגעט דאָס געשעפט. ווידער אַרויסגעבן כסדר אונטער איין נאָמען קאָן איך נישט מחמת כ׳האָב נישט קיין 3000 גולדן אויף אַריינצוטראָגן קויציע, אָבער אַזוי ווי אין יאַסי איז נישטאָ קיין געזעץ, אַז מען מוז אַריינטראָגן 3000 גולדן אויף קויציע, דאָרט קאָן מען פריי אַרויסגעבן אַ בלאַט, בעט איך אייך, אַז איר זאָלט מיר שרייבן אויב עס איז נישט גלייך דאָס צו טאָן, און אפ־שר וואָלט איר מיך אַראָפּגעבראַכט קיין יאַסי״.

פאַרשטייט זיך, אַז ליברעסקאָ איז געווען אין זיבעטן הימל צו האָבן ביי זיך אין שטאָט זיין באַליבטן דיכטער. ער האָט באַלד אַרויס־געשיקט גאָלדפאַדענען אויף הוצאות און אין הערבסט 1876 איז גאָלד־פאַדען געקומען אין יאַסי, וואו ער איז ביי דער באַן אויפגענומען גע־וואָרן מיט גרויס פּאַראַד דורך אַ גרעסערער גרופּע משכילים. קורץ דער־רויף איז אין יאַסי געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראיין „חוטי הזהב״ (גאָל־דענפאָדעם), און מען האָט גאָלדפאַדענען אויסגעקליבן אַלס ערן־פּרע־זידענט.

עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז דער ניי־געגרינדע־טער פאַראיין וואָלט געוואָרן אַ צו שטאַרקער קאָנקורענט פאַרן שוין פון פריער עקסיסטירנדן קולטור־פאַראיין „לבנון״, איז דעריבער דער ניי־געגרינדעטער פאַראיין אַנולירט געוואָרן און גאָלדפאַדען איז נאָ־מינירט געוואָרן אַלס ערן־פּרעזידענט.

ליברעסקאָ האָט נישט געלאָזט גאָלדפאַדענען פאַרפאָרן ערגעץ אַנ־דערש וואו ווי נאָר ביי זיך אין שטוב. דאָ האָט מען אים געקעכלט און צוגעזען ווי אַ בן־יחיד. אָבער נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען איז דאָ אָפּגע־זעסן צוויי וואָכן צייט, האָט מען אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן תכלית, איבערהויפּט, אַז גאָלדפאַדענס פרוי איז געבליבן זיצן אין טשערנאָוויץ אָן אַ פּרוטה.

רומעניע איז באַרימט מיט אירע ווייַן־קעלערס און גערטנער, וואו דער עולם פאַרברענגט אונטערן פרייען הימל ביי געזאַנג און ווייַן. אין איינעם פון אַזעלכע גערטנער, ביי שמעון מאַרקס, פלעגן דעם עולם פאַרווייַלן נישט קיין גוייִשע זינגער אָדער זינגערינס, נאָר צוויי יידישע יונגעלייט, אַזוי גערופענע בראָדערזינגער, ישראל גראָדנער און משה פינקל, וועלכע פלעגן זינגען,—צומאַכנדיק דערביי מימיק און אָפּט

איבערטועגדיק זיך (אין דער קעגנוואַרט פון עולם) אין פאַרשידענע קאָסטיומען, — לידער פון יידישע פאָלקס־דיכטער, צווישן זיי אויך פון אברהם גאָלדפאַדען.

ווען שמעון מאַרקס האָט געהערט, אַז דער מחבר פון די לידער איז אַליין געקומען אין יאַסי, האָט ער אים פאַרגעלייגט 100 פראַנק פאַר אויפטרעטן איין מאָל אין זיין גאָרטן. גאָלדפאַדען האָט זיך אָנגע־כאַפּט אָן דעם פאָרשלאָג, אָבער די ערפאַרונג, וואָס ער האָט געהאַט יע־נעם אָוונט, איז געווען אַ שרעקלעכע.

גאָלדפאַדען אַליין שילדערט עס אַזוי אין זיינע זכרונות: „מאַרקס האָט זיך אָבער אויך נישט גענאַרט. ער האָט געמאַכט אַ גוט געשעפט. ער האָט די נאַכט געשטעלט אַ גרויסן „ענטרע" (פרייז פאַרן אַריינ־גאַנג) און זיין גאָרטן איז געווען פול, איבערפול, אָנגעשטאָפּט מיט... זעט איר, מיט וואָס קאָן איך אייך נישט זאָגן — צי מיט מענטשן, צי מיט בהמות, צי מיט חיות, ווייל קוים בין איך דערשינען אויף דער בי־נע, איך האָב אָנגעפאַנגען צו דעקלאַמירן מיין באַקאַנטע פּאָעמע „דאָס פינטעלע ייד", האָט אין גאָרטן געהערשט אַ טיפע טויט־שטילקייט. וואַרשיינלעך, טראַכט איך מיר, ווייל אָנשטאָט אַ לידל־זינגער מיט שיך און זאָקן, האָבן זיי פּלוצלונג געזען שטיין פאַר זיך עפּעס אַן עלעגאַנטן „פריץ" אין אַ פראַק, און מיין ערנסטע מינע האָט זיי וואַרשיינלעך איינגעפלעסט אַ מין רעספּעקט און זיי האַלטן איין דעם אָטעם זיך אויפ־מערקזאַם צוצוהערן צו די ווערטער. איך האָב דעקלאַמירט הויך, אָנ־גענעם, מיט עקסטאַז, איך ענדיק דאָס געדיכט, דער עולם שווייגט. איך פאַרנייג זיך, מען שווייגט. איך גיי אַוועק, מען שווייגט! נאַ — האָב איך געטראַכט — אפשר איז דעם עולם שווער צו באַגרייפן אָדער אפשר האָט ער קיין לוסט נישט צו ערנסטע פּאַטריאָטישע געדיכטע. איך וועל אַרויסגיין דעקלאַמירן איינס פון מיינע געלונגענסטע הומאָריסטיש־סאַ־טירישע געדיכטע „דער מלאך". איך זאָג אָפּ די ערשטע אָפּטיילונג „די יונגע נשמה" — מען שווייגט. איך זאָג אָפּ „די אַלטע נשמה" — מען שווייגט ווייטער. דאָס שווייגן וואָלט שוין גוט געווען, איך נייג מיך און גיי אַוועק... ברידער, מען פייפט!".

גאָלדפאַדען דערציילט, אַלזאָ, אַז מען האָט אים קאַלט אויפגענו־מען און לסוף אויסגעפיפן. אין דער אמתן איז דער קבלת־פנים געווען

אַ סך ערגער. ליבּרעסקאַ שילדערט אַזוי דאָס ערשטע פּנים אל פּנים־באַגעגניש פון גאָלדפאַדענען מיט זיין „ליב פּובּליקום״:

„דער אָוונט ווען גאָלדפאַדען איז אויפגעטראָטן, איז דער גאָרטן טאַקע געווען פול, אָבער גאָלדפאַדען האָט געהאַט אַ גרויסן מאָראַלישן דורכפאַל. גאָלדפאַדען אַליין האָט וועגן זיין דורכפאַל געשריבן, אָבער נישט דערציילט די ריכטיקע סיבה פון דורכפאַל. באמת איז עס געקו־מען צוליב גאָלדפאַדענס שולד. ער האָט נישט געהאַט קיין קול צו זינ־גען פאַר אַ פּובּליקום, און ער האָט זיך געשטעלט זינגען אייגענע לידער, וועלכע גראָדנער פלעגט זינגען פריער פאַרן זעלבן עולם מיט חן און אַ גוטן טעם. דער עולם איז געווען דעריבּער זייער בייז. ערשטנס, וואָס זיי האָבן געצאָלט טייערע פּרייזן פאַר די בילעטן. דאָס האָט שוין שמעון מאַרקס געמאַכט כדי אָפּצונעמען די 100 פראַנק, וועלכע ער האָט געגעבן גאָלדפאַדענען עקסטרע, והשנית, האָט דער עולם געקוקט אויף גאָלדפאַדענען ווי אויף איינעם, וואָס שפּעט אָפּ פון אים, דעם עולם; און דעריבּער איז ביי אַ טייל דער כעס געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אים געוואָלט שלאָגן. גראָדנער מיט מיר האָבן קוים אָפּגעראַטעוועט גאָלדפאַדענען פון קלעפּ און איך האָב אים אַרויפגעזעצט אויף אַ דראָש־קע (וואָגן) און אָפּגעפירט צו זיך אַ היים״.

וויפל ס׳זאָל ניט שטימען גאָלדפאַדענס צי ליבּרעסקאָס באַריכט וועגן דעם אופן ווי אַזוי דער עולם אין שמעון מאַרקס גאָרטן האָט אויפגענו־מען גאָלדפאַדענען, איז אָלנפאַלס קלאָר, אַז קיין באַגייסטערונג צו קו־מען מיטן עולם ווידער אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט האָט גאָלדפאַדען נישט באַקומען, און דעריבּער איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז גאָלדפאַדען איז איצט ענערגיש צוגעטראָטן צו זיין אייגנטלעכן פּלאַן צוליב וועלכן ער איז געקומען אין יאַסי — אַרויסצוגעבן דאָ זיין יידיש וואָכנבלאַט. אָבער נאָך איידער ער איז אַרויס זאַמלען אַבּאָנענטן, האָט זיך פונאַנ־דערגעוויקלט דער פּלאַן פון גרינדן אַ יידיש טעאַטער.

מיר וויסן שוין פון פריער, אַז אינגאַנצן איז דער ענין פון אַ יידיש טעאַטער נישט געווען פרעמד צו גאָלדפאַדענען. ער האָט נאָך אַלס קינד געשריבן לידלעך, וועלכע מען האָט געזונגען, ער האָט שפּעטער, אַלס בחור, אַליין געשפּילט אין דער ראַבּינער־שול און — ווי פישזאָן פאַר־זיכערט — אויך געזען אויפירן זיין אייגענע קאָמעדיע אין זשיטאָמיר.

און דאָ אין יאַסי האָט ער געזען ווי די בראָדערזינגער „שטעלן פאָר" זיינע לידער, אָבער דער קבלת־פּנים, וואָס דער עולם האָט אים געגעבן בעת זיין אייגענעם אויפטריט, האָט אים אָפּגעשטויסן פון טעאַטער. ביי ליברעסקאָ אין שטוב האָט מען אָבער כסדר דעבאַטירט די פראַגע וועגן דעם ווער עס איז שולדיק געווען אין זיין דורכפאַל, און אַזוי ריידנדיק איז מען געקומען צום פּלאַן, אַז מען וואָלט גאָר געדאַרפט מאַכן אַן אמתדיק טעאַטער אויף יידיש.

ליברעסקאָ דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות: „גאָלדפאַדען איז שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין צילינדער און גענומען דעם שטעקן אין האַנט אַרויסצוגיין אין גאַס אריין, רופט זיך פּלוצלונג אָן מיין פרוי צו אים:

— מאַסיע גאָלדפאַדען, אין בוקאַרעסט איז שוין פאַראַן אַ בלאַט „היועץ", שטאַרבט דער רעדאַקטאָר זיבן מאָל אין טאָג פון הונ־גער. וואָס וועט איר אויפטאָן? איר וועט אויך אַרויסגעבן אַ בלאַט, וועט איר ביידע שטאַרבן פון הונגער. איך פאָלגט מיך בעסער, האַקט אָפּ פון דער משוגעת. יידן פעלט אַ טעאַטער, נעמט זיך בעסער דערצו. איך האָב געלעזן פון אייך „די מומע סאָסיע" אין 4 אַקטן. עס איז אַקוראַט ווי צום שפּילן, נאָר איר האָט עס געמאַכט בלויז צום לייענען, קאָנט איר עס דאָך מאַכן טאַקע צום שפּילן. איך מיין אַ יידיש טעאַטער, אַקוראַט ווי ביי גויים, נישט אַזוי ווי גראָדנער און פינקל מאַכן.

ווען מיין ווייב האָט געענדיקט ריידן, האָט גאָלדפאַדען אַוועקגע־שטעלט דעם שטעקן, אויסגעטאָן דעם הוט און געזאָגט צו מיר:

— איר ווייסט, ליברעסקאָ, אייער ווייב האָט מיר געגעבן אַן אידעע. מ'וועט שאַרן „נאַפּאָלעאָנס" (פראַנקן) מיט לאָפּעטעס...

מיר האָבן געשיקט רופן גראָדנערן און אים דערציילט דעם פּלאַן וועגן שפּילן טעאַטער. גראָדנער האָט מסכים געווען און געזאָגט, אַז רומענישע אַקטיאָרן, וואָס פלעגן אים קומען הערן, האָבן אים אָפט גע־קושט און געבעטן, אַז ער זאָל מאַכן אַ טעאַטער ווי ביי לייטן, נאָר ער האָט דאָס נישט געטאָן, וואָרום ער האָט נישט געהאַט וואָס צו שפּילן.

גראָדנער האָט באַלד געבראַכט אַ גאַנצע חברה. ווער זיי זענען גע־ווען, געדענק איך ניט. גראָדנער אַליין האָט זיך אָפּגעגאָלט די וואָנסעס. עס איז אויך אונטערגעקומען אַ שיין יונגל, שכר גאָלדשטיין. אויב

פינקל איז אויך געווען, געדענק איך נישט. אָבער ער איז זיכער אויך געווען פון די ערשטע. ער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט גראַדנערן אין מאַרקס גאָרטן, נאָר, דאַכט זיך, אַז שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן און ער איז נישט געווען ביי דער גרינדונג פון יידישן טעאַטער.

גאָלדפאַדען אַליין האָט זיך באַלד באַגייסטערט פון דעם נייעם פּלאַן. ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז איינגעטלאָפן געקומען קיין יאַסי, און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי מיר אין שטוב שרייבן אַ טעאַטער־שטיק. ער האָט שוין דאַמאָלט געהאַט פאַרטיק איי־ניקע לידער פון דער שפּעטערדיקער פּיעסע „די באָבע מיטן איינִיקל", און ער האָט געמאַכט פון די לידער אַ גאַנץ טעאַטער־שטיק".

מען האָט טאַקע באַלד גענומען דאָס שטיק איינשטודירן ביי ליב־רעסקאָן אין שטוב. גאָלדפאַדען האָט שטודירט דעם טעקסט, די מוזיק איינצושטודירן האָט מען איבערגעגעבן אַן אָרטיקן קלעזמער וועלוועל דער גרויסער.

גאָלדפאַדען אַליין שילדערט אַביסל אַנדערש דעם געבורט פון יידישן טעאַטער: „אין יענער צייט האָט זיך דאָס יאַסער יידישע פּובלי־קום אונטערהאַלטן מיט די לידערזינגער, וועלכע פלעגן אין געוויסע סאַלאָנען (ביר־פלעצער) פאָרטראָגן יידישע לידער, און אַזוי ווי די זינ־גער פלעגן אויך זינגען פיל פון מיינע לידער, האָט מיך די נייגירדע גע־טריבן צו זען וואָס פאַרע פּנים די לידער האָבן ביי יענעם אין מויל. און זיצנדיק איינמאָל אין אַזאַ סאַלאָן, איז מיר דאָס ערשטע מאָל גע־קומען אויף מיין מחשבה צו פאַרבינדן די אייגענע לידער מיט פּראָזע און מיט אַ קליינעם אינהאַלט אַלס טעאַטער־שטיק פאָרצושטעלן פאַר דעם פּובליקום. איך האָב שוין פאַרגעסן, אַז דער צוועק פון מיין קומען דאָ אַהער איז גאָר צו גרינדן אַ יידישע צייטונג, און מיינע געדאַנקען און געפילן זענען נאָר געווען באַשעפטיקט מיט איין וואונטש: אַז איך זאָל זיין אומשטאַנד און האָבן די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן מיין חלום. מיין פּלאַן איז פאַרטיק געוואָרן און אום חול־המועד סוכות האָב איך געלייגט דעם גרונטשטיין פון יידישן טעאַטער".

ווייטער דערציילט גאָלדפאַדען, אַז ער האָט זיך איבערגעשמועסט מיט גראַדנערן, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז ער מיט נאָך איניקע לידערזינגער האָבן שוין געפּרובט צונויפשטעלן אַזאַ מין זאַך, דאָס

הייסט — לידער מיט פּראָזע. זיי האָבן שוין אַפילו געשפּילט „דעם טאַבאַק־מאַכער", „דאָס אָדעסער ווייבל" און „דער רעקרוט", אָבער ס'האָט דעם עולם זייער ווייניק באַגייסטערט. גאָלדפאַדען האָט זיך אָבער דערפאַר נישט אָפּגעשטעלט, און ער האָט באַלד מיט גראַדנערן איבערגערעדט די אידעע פון אַ צוויי־אַקטיק שטיק.

און אָט ווי אַזוי גאָלדפאַדען שילדערט אַליין דאָס דאָזיקע שטיק מיט וועלכן ער האָט געעפנט זיין טעאַטער, און ווי אַזוי עס איז גע־שפּילט געוואָרן:

„איך דריק מיך אויס „איבערגערעדט", נישט אָנגעשריבן, ווייל שרייבן אַ שטיק אָדער אַ ראָלע איז נישט געווען וואָס און פאַר וועמען. אַבי מען האָט אויסנווייניק געוואוסט די אידעע; האָט מען שוין גע־קאָנט קנאַקן דערנאָך וואָס עס איז געקומען אין מויל אַריין פאַרע ווער־טער — אַבי דאָס וויכטיקסטע, דער קערן איז נאָר געווען. און דאָס האָט געמיינט — דאָס פּאַרטיקע לידל מיטן טאַנץ. איך האָב גראַדנערן פאָרגעלייגט, אַז אויב צו רייד עפּעס פּראָזע אויף דער בינע, מוז מען האָבן מיט וועמען צו ריידן; צו זיך אַליין קאָן מען דאָך נישט ריידן. עס דאַרפן זיין כאָטש נאָך אַ פּאָר מענטשן אַ חוץ אים. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ חבר, וועלכער העלפט אים אַרויס פון צייט צו צייט. ער איז אַ בעל־מלאכה, אָבער ער דענקט, אַז ער האָט אַביסל טאַ־לאַנט. ער איז אַוועק און האָט מיר געבראַכט אַ יונגל מיטן נאָמען שכר גאָלשטיין. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט דעם יונגל אַוועקגערופן פון דער אַרבעט (ער האָט געאַרבעט ביי אַ זאָטלמאַכער). איך האָב דעם יונג באַטראַכט און האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז לויט זיין יונג פּנימל וואָלט ער געקאָנט טויגן צו פרויען ־ ראָלן. און צוזאַמען מיט שכר גאָלדשטיין האָט ער מיר געבראַכט נאָך אַ גאַסן־יונגל, אָן אַ נאָמען. איך האָב באַלד אַוועקגעזעצט גראַדנערן און גאָלדשטיינען נעבן מיר, זיי אָנגעשריבן עטלעכע ערנסטע און קאָמישע לידלעך וואָס זיי האָבן זיי טאַקע באַלד איינשטודירט, און איך האָב זיי אָנגעזאָגט וואָס זיי האָבן צו טאָן און וואָס זיי האָבן צו ריידן. וועלן זיי נישט געדענקען אַקוראַט מעגן זיי צולייגן זייערע ווערטער, וואָס ס'וועט זיי קומען אין מויל אַריין. זיי דאַרפן נאָר וויסן ווען זיך צו קושן, ווען זיך צו שלאָגן און ווען זיך איבערבעטן און טאַנצן.

מיר האָבן באַלד, שוין טאַקע אין שטוב, געמאַכט פּראָבע און ס'איז אַרוים צו מיינע צרות, אַ צוויי אַקטיקעס שטיק, אַ שטיק... איך ווייס אַליין נישט וואָס! אַ מין דולעניש, אַן אומזין, אַ קאַלאַטובע, אַז איך געדענק אַפילו נישט וואָס פאַרע נאָמען דאָס האָט געהאַט".

ווי מיר זעען, אַלזאָ, האָט גאָלדפאַדען אָנגעהויבן זיין טעאַטער נישט מיט זיין פּאַרטיקער קאָמעדיע „די מומע סאָסיע", נאָר מיט עטלעכע לידער, וועלכע ער האָט פאַרבונדן מיט אַן אינהאַלט, אין וועלכן די אַקטיאָרן האָבן געהאַט דאָס פרייע רעכט צו ריידן אַביסל דערפון וואָס ער האָט זיי אָנגעזאָגט און אַביסל דערפון וואָס עס וועט זיי קומען אין קאָפּ אַריין.

דאָס שטיק, וואָס האָט קיין נאָמען נישט געהאַט, איז געווען אינגאַנצן פאַר צוויי פּערזאָן — גראַדנער און גאָלדשטיין, און איז געשפּילט געוואָרן 2 טעג, בערך דעם 5 ביזן 8 אָקטאָבער 1876.

און די דאַטע ווערט באַטראַכט אַלס דער אָנהייב פון איצטיקן, מאָדערנעם, יידישן טעאַטער איבער דער גאַנצער וועלט.

3

דער עולם האָט אָנגעקוואָלן פון גאָלדפאַדענס ערשטע פּיעסע און ער האָט זיך באַלד גענומען אויפפירן אַ צווייטע פּיעסע. אויך זי האָט געהאַט נאָר צוויי ראָלן, וואָס זענען אויפגעפירט געוואָרן דורך גראַדנערן און גאָלדשטיינען. די פּיעסע האָט גאָלדפאַדען צונויפגעשטעלט פון זיינע צוויי לידער „די חסידה" און „שלאָף מיין קינד", אָבער אַזוי ווי ס'איז שוין געווען נאָך סוכות און אין גאָרטן פון שמעון מאַרקס האָט מען שוין נישט געקאָנט שפּילן, איז די גאַנצע זאַך געוואָרן אַביסל שווערער. אמת, אַז אין יאַסי איז געווען אַ געשלאָסענער זאַל, וואָס האָט געהערט צו אַ געוויסן זעליג ריישער, אָבער דער ערדאָזיקער ריישער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו „לאָזן באַשמוצן זיין סאַלאָן מיט יידישע זינגער".

האָט גאָלדפאַדען מיט זיין „טרופּע" געמוזט אָנהייבן טראַכטן וועגן וואַנדערן, און ס'איז דעריבער געבליבן, אַז זיי זאָלן פאָרן קיין באָטושאַן, אַ קלענערע שטאָט פון יאַסי, אָבער דערפאַר אַן עכט יידישע. דאָרט האָט די געזעלשאַפט „לבנון", פון וועלכער גאָלדפאַדען איז גע־

ווען ערן־פּרעזידענט, געהאט אן אָפּטיילונג, און זי האָט עס אונטערגע־נומען איינצואָרדענען די פאָרשטעלונגען. אָבער נאָך איידער גאָלדפאַדען האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין, איז זיין טרופּע שוין פארגרע־סערט געוואָרן מיט נאָך נייע קרעפטן. ס'זענען צוגעקומען אהרן ראָ־זענבלום (דער פאָטער פון די שפּעטערדיקע אקטעריסעס ליזאַ זילבערט און רבקה לעש), אַ געוויסער איינבינדער שווארץ און נאָך אייניקע, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז אָבער באַלד אוועק פון יידישן טעאַ־טער.

אין באָטושאַן האָבן דאַמאָלט געלעבט אַ גרויסע צאָל גאַליציאַ־נער יידן, וועלכע האָבן שוין פריער געהאַט די געלעגנהייט צו הערן די בראָדערזינגער, און גאָלדפאַדען האָט אויף אַזעלכע לייט געקוקט ווי אויף אַ גוט טעאַטער־פּובליקום, דעריבער האָט ער דאָ געדונגען אַ גרויס טעאַטער פאַר זיינע פאָרשטעלונגען. אָבער ביז מען האָט זיך אַ ריר געטאָן, איז אויסגעבראָכן אין שטאָט אַ גרויסע מהומה: מען האָט אָנגעהויבן אין שטאָט צו נעמען רעקרוטן. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ צושטאַנד איז קיינעם נישט געלעגן אין זינען צו גיין אין טעאַטער, און גאָלדפאַדען אַליין האָט אויך געמוזט אין דעם פאַרגעסן. נאָר אַזוי ווי אַ טייל פון זיינע אַקטיאָרן האָבן זיך געשראָקן, אַז מען זאָל זיי אַליין אויך נישט נעמען פאַר קיין רעקרוטן, האָבן זיי זיך אַלע באַהאַלטן אויף אַ בוידעם און באַשלאָסן דאָרט אָפּצוואַרטן ביז ס'וועט אַריבער די בהלה, אין וואָס אַלע זענען געווען זיכער.

זיצנדיק אַזוי אויפן בוידעם, האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַרבעט נאָך דער „רעקרוטירונגס־בהלה". גאָלדפאַדען האָט דאָ דער־ציילט די אַקטיאָרן דעם סוזשעט פון „די קאַץ און דער ברונעם". דאָס איז געווען דער סוזשעט פון „שולמית", וואָס ער האָט גענומען פון זיין שווער, וואָרבלס, העברעאישע דערציילונג „עדים נאמנים". ער האָט געוואָלט מאַכן פון דער מעשה אַ פּיעסע, אָבער ער האָט באַלד איינגעזען, אַז דאָס איז אַ צו שווערער ענין פאַר זיין טרופּע. דערנאָך האָט ער פאָרגעלייענט פאַר זיי די קאָמעדיע „די מומע סאָסיע", אָבער אַזוי ווי די קאָמעדיע האָט געפאָדערט אַ פּערסאָנאַל פון 4 פרויען און 12 מענער, האָט ער זיך אויך פון דערדאָזיקער אויפירונג געמוזט אָפּ־זאָגן. מ'האָט דאָך אָבער פאָרט געמוזט צוגרייטן נייעם רעפּערטואַר,

און אַזוי ווי אויף דער טאָג־אָרדנונג איז געשטאַנען דער ענין רעקרוטן, האָט גאָלדפאַדען באַשלאָסן אָנצושרייבן אָ פּיעסע מיט אַ רעקרוט אַלס הויפּט העלד.

די קאָמעדיע האָט געזאָלט זיין — אויפן הייַנטיקן לשון גערופן — אַ מאָנאָקאָמעדיע, דאָס הייסט פאַר איין פּערזאָן, און ווי גאָלדפאַדען שרייבט אין זיינע זכרונות „קאָן אין דער ראָל אַ טיכטיקער קאָמיקער באַווייזן זיין טאַלאַנט איינער אַליין און עס זאָל דויערן פאַסט [כמעט] אַ שטונדע, ווערנד ער מאַכט נאָך די אומגעלומפּערטקייטן פון אַ רויען, ווילדן בויער, ווערנד מען פאַנגט אים אָן צו לערנען די אָנפאַנג־רעגולן פון דער דיסציפּלין".

תיכף ווי גאָלדפאַדען האָט דערציילט וועגן זיין פּלאַן פון דער קאָמעדיע, האָט גראַדנער אים געזאָגט, אַז ער קען אַזאַ טיפּ און ער האָט באַלד פאַר אים „פאָרגעשטעלט" אַ קאָמישן טיפּ פון אַ יידישן רעקרוט. גראַדנער ווי די אַנדערע בראָדערזינגער פלעגן דאָס ליד, וואָס איז אייגנטלעך געווען וועלוועל זבאַרזשערס הומאָריסטיש ליד „דער יידישער סאָלדאַט", זינגען, פאַרקליידעט אַלס סאָלדאַט מיטן נאָמען חיים־שעיה קאַטער. אין דעם ליד, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ סאַטירע אויף דער יידישער מורא און ווידערווילן צו דינען אין מיליטער, האָט דער סאָלדאַט אויסגערעכנט זיין יחוס און זיך באַקלאָגט, אַז אַזאַ כשר קינד פון אַזאַ משפּחה דאַרף זיין אַ סאָלדאַט.

גאָלדפאַדען האָט די אידעע פון דעם ליד אויסגעברייטערט אין אַ דריי־אַקטיקע אָפּערעטע מיטן נאָמען „די רעקרוטן", אין וועלכער ס'פיגורירן אויך אַ פרוי און איניקע נעבן־ראָליסטן. צו דער אָפּערעטע האָט גאָלדפאַדען אויך צוגענוצט איניקע פון זיינע פריערדיקע לידער ווי „דאָס חסידישע מיליטער", „דער יידישער טשאַסאָוואָי" און „חטא אידיאָט". אין משך פון די איניקע וואָכן, וואָס עס האָט אָנגעהאַלטן די בהלה, האָט גאָלדפאַדען אָנגעשריבן די לידער צו דער אָפּערעטע, אַ מאָנאָלאָג אין צווייטן אַקט פאַרן הויפּט העלד און דאָס איבעריקע האָט ער די אַנטיילנעמער ד ע ר צ י י ל ט.

באַלד נאָכדעם ווי די בהלה האָט זיך איינגעשטעלט, איז די קאָמעדיע „די רעקרוטן" אויפגעפירט געוואָרן אין באָטושאַן אין טעאַטער. גאָלדפאַדען אַליין שילדערט אַזוי די פאָרשטעלונג: „דאָס טעאַטער

איז געווען פול. איך אליין בין געשטאנען אמאל הינטער די קוליסן, אמאל האב איך מיך אריינגעכאפט אין סופליר־שטיבל און האב סופלירט, אלץ פון אויסנווייניק. דער עולם האט אפלאדירט, איבערהויפט דעם לעצטן טאניץ. דאס טעאטער — האב איך געזאגט — איז געווען פול, אבער געלט איז געווען זייער ווייניק. נאך אלע חשבונות און רעכנונגען זענען מיר אונזער ווירט נאך שולדיק געבליבן אייניקע הונדערט פראנק. אין טעאטער האט מען מער נישט געקאנט שפילן, ווייל עס האבן זיך אנגעהויבן אזעלכע שרעקלעכע רעגנס און בלאטעס, אז צום טעאטער איז נישט געווען מעגלעך צוצוקומען. איך האב געמוזט איבערלאזן אין דער אכסניה פאר א משכון מיין טרופע, וועלכע איז באשטאנען, מ׳שטיינס געזאגט, פון די בידנע צוויי (אויב מען מעג זיי אנרופן) אקטיארן גראדנער און גאלדשטיין, און איך בין אריינגעפארן קיין גאלאץ צו דינגען א לאקאל און בארגן געלט צו באציען אהין מיין טרופע״.

א רעכט ביסל אנדערש שילדערט די ערשטע פארשטעלונג אין באטושאן יצחק ליברעסקא. ער דערציילט: „עס האט נישט לאנג געדויערט האב איך באקומען א בריוו פון גאלדפאדענען, אז זיי זענען אומגליקלעך. אמת, אז בינו לבינו איז אויסגעבראכן אין לאנד א גרויסע מהומה צוליב דער רוסיש־טערקישער מלחמה, אבער איך מיין, אז דער דורכפאל אין באטושאן איז נישט געווען צוליב דעם, נאר ווייל דאס פובליקום איז געווען אומצופרידן פון דער טרופע. גאלדפאדען האט מיך אנגעהויבן צו באמבארדירן מיט בריוו, וואס ער זאל טאן. ער האט געבעטן נאר אן עצה, ווארום געלט, האט ער געוואוסט, קאן ער ניט באקומען. איך האב באלד דערויף געמאכט א זיצונג פון דער יאסער צענטראלע פון „לבנון״, און מיר האבן אוועקגעשריבן אין אונזער פאראיין אין גאלאץ, אז אזוי ווי גאלדפאדען, א זייער באגאבטער מענטש, איז אין באטושאן אויף גרויסע צרות, וואלט געווען זייער גלייך, אז ער זאל קומען אין גאלאץ דארט שפילן, און מיר בעטן, אז מען זאל אים דארט אונטערשטיצן. מ׳האט אויך ארויסגעשיקט גאלדפאדענען מיט דער טרופע אייניקע הונדערט פראנק אויף הוצאות און די גאנצע טרופע איז געקומען קיין גאלאץ״.

אין גאלאץ איז גאלדפאדען טאקע זייער ווארם אויפגענומען גע־

וואָרן פון פאַראיין „לבנון". מיט זייער הילף איז אין „האָטעל צוקער" אויפגעבויט געוואָרן אַ צייטווייליקע בינע מיט דעקאָראַציעס. די דעקאָראַציעס האָבן געמאָלן אַ 80 יאָריקער דעקאָראַטאָר משה באַם און גאָלדפאַדען אַליין. בערך פּורים 1877 האָט מען זיך דאָ אוועקגעשטעלט שפּילן „די רעקרוטן" און דער דערפאָלג איז געווען זייער גרויס. דאָ האָט גאָלדפאַדען אויך אָנגעשריבן זיין איינאַקטיקן וואָדעוויל „דאָס בינטל האָלץ", אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט געוואָלט באַגנוגנען. ער האָט אָנגעהויבן וועלן אויפפירן גרעסערע פּיעסעס, און דערצו איז געווען אַ גוואַלדיקע מניעה — מען האָט געדאַרפט האָבן כאָטש איין פרוי, וואָס זאָל מסכים זיין צו ווערן אַ יידישע אַקטריסע.

מען דאַרף נעמען אין אַכט ווי אַזוי עס האָט דאַמאָלט אויסגעזען דאָס יידישע לעבן, וואָס פאַרע אַנשויאונגען עס האָבן דאַמאָלט געהערשט וועגן טעאַטער בכלל און וועגן אַ פרוי־אַקטריסע בפרט, כדי צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן.

אָט אַ שטייגער ווי גאָלדפאַדען כאַראַקטעריזירט איינע פון די ערשטע יידישע אַקטריסעס גאָלדיצע: „דאָס נייע אַקטריסעלע האָט שנעל פּראָגרעסירט אויף דער בינע, ווייל אַלס ה פ ק ר ־ ק י נ ד (אונטערגעשטראָכן פון אונז. — ז. ז.) נאָך פאַר דער בינע, איז זי געוואוינט געווען נישט צו שרעקן זיך פאַר מענטשן און האָט געהאַט מוט און חוצפּה". אַן אַנדערע פרוי, ראָזע פרידמאַן, איז געוואָרן אַ יידישע אַקטריסע ערשט נאָכדעם ווי זי איז געווען אַ שאַנטאַן־זינגערן אין רומענישע קרעטשמעס און האָט שוין געהאַט איבערגעבראָכן אַלע ראַמען פון דער אָנגענומענער מאָראַל.

דעריבער איז דידאָזיקע פראַגע געווען זייער אַ שווערע, און געלעזט האָט מען זי דורכדעם, וואָס אַקטיאָרן פלעגן זיך באַקענען מיט מיידלעך, וועלכע זיי האָבן געפונען פּאַסיק פאַר דער בינע, און האָבן מיט זיי חתונה געהאַט און געמאַכט פאַר אַקטריסעס.

אַזוי איז אויך געשען מיט דער ערשטער יידישער אַקטריסע שרה סיגאַל, וועלכע האָט צו 16 יאָר חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר שכר גאָלדשטיין דערפאַר ווייל איר מוטער האָט מורא געהאַט זי צו לאָזן פאָרן אַליין מיט מענער. שפּעטער ווען גאָלדשטיין איז געשטאָרבן, האָט זי חתונה געהאַט מיט מ. קאַרפּ און איז אויפגעטראָטן אין אַמעריקע אַלס

פרימאַדאָנע אונטערן נאָמען סאָפּיע קאַרפּ. אויך איר טאָכטער ראָזע איז אַ געוויסע צייט געווען אַ יידישע פּרימאַדאָנע אין אַמעריקע.

איצט, אַז גאָלדפאַדען האָט שוין באַקומען אַ דאַמען־ראָליסטין, האָט ער באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ דראַמע: „איר קאָנט אייך גאָרנישט פאָרשטעלן, ליבע לעזער — שרייבט גאָלדפאַדען אין זיין אויטאָביאָ־גראַפיע — ווי איך האָב מיך דאַמאָלט מחיה געווען נישט — מיט דער מויד, נאָר מיט דער אידעע פון דעם נייעם שטיק, וואָס איז מיר איינגעפאַלן צו שרייבן. איך האָב מיך געוואָלט אין דעם פּובליקום פּאָק־טיש נוקם זיין זיך מיט דעם שטיק, ווייל איך בין שרעקלעך געווען בייז אויפן עולם, וואָס ער צווינגט מיך מיט גוואַלד איך זאָל מאַכן אַ באַלאַ־גאַן פון מיין בינע. ניין, ברידער! אַז איך האָב יאָ אין מיינע הענט באַ־קומען אַ בינע, זאָל זי זיין אַ שולע פאַר אייך. איר, וואָס האָט קיין צייט נישט געהאַט אין אייער יוגנט צו לערנען, צו בילדן זיך, זאָלט איר קו־מען צו מיר און זען ווי איך מאָל אייך אָפּ געטרייע בילדער פונם לעבן, איר זאָלט אייך אַליין אַרויסזען ווי אין אַ שפּיגל מיט גוטע און שלעכטע זייטן, און איר זאָלט אייך נעמען אַ מוסר און אַליין אויסבעסערן אייע־רע פעלער, וואָס איר מאַכט צווישן זיך אין פאַמיליע־לעבן, סיי צווישן זיך יידן און סיי צווישן זיך און די קריסטן, וואָס איר וואוינט שטענדיק מיט זיי אין איינעם. ווען איר האָט געשמאַק געלאַכט און איר האָט אייך אונטערהאַלטן פון מיינע קאָמישע וויצן, האָט מיר דאַמאָלט דאָס האַרץ געוויינט אויף אייך קוקנדיק. יעצט, ברידער, נאָט אייך אַ דראַמע, אַ טראַגעדיע פונם לעבן. ווינט איר און מיין האַרץ וועט זיך דאַמאָלט פרייען".

אין דער דראַמע האָט גאָלדפאַדען אויך שוין געהאַט אַ פרויען־ראָל, נאָר אַזוי ווי די אַקטעריסע שרה סיגאַל האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום בינע־פּראַקטיק, איז די ראָל, וועלכע זי האָט געדאַרפט שפּילן, געווען אַ נעבן־ראָל, כמעט מער צו „דערשיינען אויף דער בינע" ווי צו שפּילן. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער דערציערישער צוגאַנג פון גאָלדפאַדענען: ער האָט נישט אַרויפגעלייגט אויף אַן אַקטיאָר קיין צו גרויסע משא, וועלכע ער קאָן נישט דערטראָגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווי פעיק אַזאַ מיידל זאָל נישט זיין, מוז מען זי זיך צוערשט צוגע־וואוינען צו דער בינע, און דעריבער האָט ער אין דער ערשטער צייט מער

געלייגט געוויכט אויף איר א ר ו י ס ק ו מ ע ן אויף אַ בינע, אַ ר ו י ס ט ר ע ט ן פאַר אַן עולם ווי ש פּ י ל ן.

אָבער כאָטש גאָלדפאַדען האָט זיך פאַרמאָסטן אָנצושרייבן אַ דראַמע, און שוין געהאַט פאַר איר אַ פּאַרטיקן נאָמען „די אינטריגע, אָדער, דוואָסיע די ספּלעטניצע" (די פּליאָטקע־מאַכערין, רכילותניצע), פונדעסטוועגן האָט ער די פּיעסע אַלס דראַמע נישט אויפגעפירט, נאָר האָט זי באַאַרבעט אַלס קאָמעדיע. ער האָט אַריינגעשטעלט פאַר זיין נייער אַקטעריסע עטלעכע לייכטע געזאַנגס־נומערן ווי „אַ קוש־דועט" און „אַ ליד" און אַן איבערזעצונג פון דעם דאַמאָלט פּאָפּולערן קופּלעט „מאַדאַם אַנגאָ" פון לעקאָקס אָפּערעטע „די טאָכטער פון גהינום" און אַזוי איז ער צוגעטראָטן אויפצופירן די קאָמעדיע אין גאַלאַץ.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש מיט וועמען גאָלדפאַדען האָט די קאָמעדיע אויפגעפירט, פון וועמען זיין פערסאָנאַל איז באַשטאַנען. אין גאָלדפאַדענס אויטאָביאָגראַפיע געפינען מיר אַזוי פאַרצייכנט די פּרעמיערע פון דער פּיעסע:

יאָזעף — גראַדנער (דער ליטוואַק)
רחל'ה — דאַס מיידל
הערשעלע — מיר וועלן זען.
גוטמאַן — אַ גאַסן־יונגל.
דוואָסי — גאָלדשטיין
חיים — אַ גאַסן־יונגל.

ווי מיר זעען, זענען אין דעם פערסאָנאַל אָנגערופן בלויז צוויי נעמען: גראַדנער, וועלכער ווערט אויך גערופן „דער ליטוואַק" און גאָלדשטיין. בנוגע די איבעריקע ראָלן ווערן אָנגעגעבן בלויז סמנים. שרה סיגאַל אָדער די שפּעטערדיקע באַרימטע פּרימאַדאָנע סאָפיע קאַרפּ, איז נאָך דאַמאָלט געווען גאַנץ אומבאַקאַנט נישט נאָר ביים טעאַטער־עולם, נאָר אַפילו ביי גאָלדפאַדענען אַליין האָט זי נאָך נישט געהאַט קיין נאָמען, און ער האָט זי גערופן „דאָס מיידל". ווען ס'איז צוגעקומען צו דער ראָל „הערשעלע", האָט גאָלדפאַדען באַמערקט „מיר וועלן זען", וואָס דאַרף באַדייטן „מען וועט שוין זען ווי עס איז אָפּ־צוזוכן וועמען וואָס זאָל שפּילן די ראָל", און בנוגע די אַנדערע צוויי ראָלן באַמערקט ער „אַ גאַסן־יונגל", וואָס דאַרף ווידער באַדייטן, אַז

מען וועט שוין ווי עס איז געפונען אין גאס א יונגל אָדער א בחור, וואָס וועט „שפּילן“ די ראָל. ווידער באַמערקן מיר, אַז די איינציקע גרעסערע פּרויען־ראָל אין דער־פּיעסע, די טיטל־ראָל „דוואָסיע“ שפּילט נישט קיין פרוי, נאָר אַ מאַן — שכר גאָלדשטיין, אַט דער, וועלכער האָט אויסערלעך געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ פרוי און איז געווען זייער צאַרט אין זיינע באַוועגונגען און אין טאָן.

דאָס פּובליקום איז אין אַלגעמיין געווען צופרידן פון דער פּאָר־שטעלונג, און אויך גאָלדפאַדען איז — צום ערשטן מאָל — געווען צו־פרידן.

אַזוי שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „גאַלאַץ, קאָן איך זאָגן, איז די ערשטע שטאָט אויף אונזער רייזע, פון וועלכער מיר זענען אַרויסגעפאָרן בשלום. דאָס הייסט: אויסער אַלע שפּעזן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין פאַרלויף פון דעם מאָנאַט, בעלי־חובות באַצאָלט, געמאַכט די בינע און די גרויסע סומע, וואָס די ערשטע פּרימאַדאָנע, די כלה, האָט אונז געקאָסט, האָבן מיר נאָך יעדער במזומן אַ פּאָר פראַנק אין קעשענע; ווייל די קאַסע און קאָנטראָל זענען איינגעשטאַנען אין די הענט פון אונזערע בראַווע פאַראיינס־ברידער „לבנון“, וועלכע האָבן געזוכט צו מאַכן די גרעסטן עקאָנאָמיע כדי עס זאָל אונז עפּעס בלייבן“.

ענלעך איז אויך ליבערסקאָס באַריכט וועגן דעם שפּילן אין גאַ־לאַץ: „דאָ האָט די טרופּע געשפּילט אין אַ גרויס טעאַטער און געהאַט דערפאָלג. די רומענישע פּרעסע האָט זייער געלויבט די פאָרשטעלונגען. די קריסטלעכע אַקטיאָרן פון רומענישן טעאַטער האָבן זיך זייער וואַרם אָפּגערופן אין דער פּרעסע“.

די טרופּע האָט אין גאַלאַץ געשפּילט אַ שטיקל צייט און איז פון דאָ געפאָרן קיין בראַאילאַ, אָבער שוין אָן זייער איינציקער פרויען־אַקטעריסע, וועלכע איר ברודער האָט נישט געלאָזט מיטפאָרן צוליב געוויסע פאַרמאַליטעטן.

אין בראַאילאַ האָט מען אין דער ביר־האַלע פון „האָטעל ווייבל“ געמאַכט אַ קליינע, פּראָוויזאָרישע בינע, און אויפגעפירט די פּיעסע „די רעקרוטן“, וועלכע האָבן אין אָנהייב אויסגענומען, אָבער נאָך אין זעלבן אָוונט איז געקומען צו אַ געשלעג צווישן פּובליקום. געשען איז דאָס צוליב אַ דיסקוסיע, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן עולם אי־

בער דער פראַגע וואָס דער מחבר מיינט מיט דער קאָמעדיע. מען האָט באהאנדלט די פראַגע וועגן גאָלדפאַדענס כונה מיט דער קאָמעדיע און דער גרעסטער טייל פון עולם איז געקומען צום באשלוס, אַז מיט דער קאָמעדיע שטרעבט גאָלדפאַדען צו מאַכן חוזק פון י י ד י ש ן רעקרוט, און דעריבער טאָר מען אַזאַ קאָמעדיע נישט שפּילן.

עס איז אָבער געווען אַ שאָד זיך צוריקצוציען פון בראַאילאַ, און גאָלדפאַדען האָט צוגעגרייט אַן אָוונט מיט אַן אַנדער פּראָגראַם, וואָס איז באַשטאַנען אין דריי טיילן:

1) גאָלדפאַדען האָט געהאַלטן אַ וויכטיקע רעדע צום פּובליקום.

2) מ׳האָט געזונגען פאַרשידענע נאַציאָנאַלע לידער.

3) מ׳האָט געשפּילט אַ נייע קאָמעדיע אין 2 אַקטן „די באָבע מיטן איינִיקל".

דעם סוזשעט פאַר דער נייער קאָמעדיע האָט גאָלדפאַדען גענומען פון אַ פּאָפּולער רוסיש ליד, אין וועלכן אַ יונג רוסיש מיידל גיסט אויס פאַר איר געטרייער אַם די געפילן פון איר געהיימער ליבע. גאָלדפאַדען האָט פאַריידישט די גאַנצע מעשה. די ראָל פון דעם מיידל האָט ער געלאָזט, נאָר זי איז געוואָרן אַ יידישע, און פון אַט דער אַם האָט ער געמאַכט אַ יידישע באָבע. אין דער פּיעסע האָבן געשפּילט דריי פּער־זאָן: די צוויי פרויען און דער יונגערמאַן, וואָס האָט ליב דאָס מיידל. די איינציקע מענער־ראָל, פון דעם יונגערמאַן, האָט געשפּילט דער ניי־צוגעקומענער ישראל וויינבלאַט. (וויינבלאַטס זון, טשאַרלי, איז שפּע־טער געוואָרן אין אַמעריקע אַ טעאַטער־מענעדזשער און טעאַטער־אַד־וואָקאַט, און וויינבלאַט טאָכטער, סאַבינאַ, איז געוואָרן אַן אַקטריסע און חתונה געהאַט מיטן באַקאַנטן אַקטיאָר מאַקס ראָזענטאַל). די צוויי פרויען־ראָלן זענען געשפּילט געוואָרן דורך די אַנדערע צוויי מענער־אַקטיאָרן: גראַדנער און גאָלדשטיין.

די פּיעסע, צו וועלכער גאָלדפאַדען האָט צוגעשריבן אַביסל פּראָזע, האָט זייער אויסגענומען. שפּעטער האָט זי גאָלדפאַדען שטאַרק באַ־אַרבעט און ס׳איז דערפון געוואָרן אַ באַרימטע קאָמעדיע.

2 וואָכן האָט די טרופּע געשפּילט אין בראַאילע און די לעצטע שורה איז געווען, אַז זי איז ווידער אַריין אין חובות. דאָס וואַנדערן איבער די קליינע שטעט איז גאָלדפאַדענען שוין נמאס געוואָרן, און

ער האָט באַשלאָסן צו פּרובן זיך אין דער הויפּט־שטאָט פון לאַנד — אין בוקאַרעסט. ער האָט איבערגעלאָזט זיין טרופּע אין האָטעל און איז אַליין געפאָרן קיין בוקאַרעסט כדי דאָרט איינצואָרדענען די פאָרשטע־לונגען און אויך זיך פאַרשאַפן די מיטלען אַהינצוברענגען די טרופּע.

ליבערעסקאָ דערציילט, אַז נישט גאָלדפאַדען איז געפאָרן קיין בור־קאַרעסט, נאָר, אַז אַ געוויסער לאַזאַר, אַן אייגנטימער פון אַ קאַפע־הויז אין בוקאַרעסט, איז ספּעציעל געקומען אין בראַאילאַ און אָפּגע־פירט אויף זיינע הוצאות די טרופּע מיט גאָלדפאַדענען קיין בוקאַרעסט.

ווי ס'זאָל נישט זיין, איז אַ פאַקט, אַז נאָך פּסח 1877 האָט גאָלד־פאַדען אָנגעהויבן צו שפּילן אין בוקאַרעסט אויף אַן אָמתער בינע ביי לאַזאַר קאַפעדשוי אין סאַלאָן אויף סטראַדאַ קאַלעיאַ וואַקאַרעשט.

גאָרין דערציילט, אַז די ערשטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין אַן אַנדער פּלאַץ: לויט אַ רעקאָמענדאַציע איז גאָלדפאַדען געקומען צו אַ געוויסן אהרן שנאַפּ, וועלכער האָט אים געהאָלפן קריגן דאָס טעאַ־טער „זשיגניצאַ" און דאָרט האָט מען געשפּילט „די רעקרוטן". גע־שפּילט האָט מען דאָרט נאָר איין מאָל, און ביי יענער פאָרשטעלונג איז צוגעקומען דער נייער אַקטיאָר פּנחס שאַפּיראָ. ערשט נאָך דער פאָר־שטעלונג האָט גאָלדפאַדען גענומען דעם זאַל ביי לאַזאַרן.

גאָלדפאַדען האָט דאָ אויפגעפירט אַ וואָדעוויל „האָט זשע מיר און זייט זשע מיר געזונט", נאָר עס איז אַ סברא, אַז עס איז שוין אַ פריערדיקע קאָמעדיע נאָר מיט אַ נייעם נאָמען.

די געשעפטן זענען אַוועק זייער גוט און גאָלדפאַדען האָט באַ־שלאָסן דאָ צו פאַרבלייבן און פאַרשטאַרקן זיין טרופּע. אָבער אין דער צייט, וואָס זיינע ערשטע צוויי אַקטיאָרן האָבן געשטאַמט פון די פאָלקס־זינגער, האָט גאָלדפאַדען איצט גענומען זוכן נייע כחות צווישן די משוררים.

„אין יעדער שטאָט און שטעטל — שרייבט גאָרין — זענען די משוררים געווען די פרייליכסטע קונדסים. אין אַ לוסטיקער געזעל־שאַפט האָבן זיי נאָכגעקרומט און איבערגעמאַכט די תנועות און העויות פון די אָנגעזעענסטע בעלי־הבתים ווי אויך פון די חזנים. קיי־נער איז פאַר זיי נישט געווען צו חשוב, קיין זאַך איז פאַר זיי נישט גע־ווען צו הייליק. ווען גאָלדפאַדען איז אָנגעקומען אין בוקאַרעסט, איז

דאָרט דער חזן געווען דער באַוואוסטער קופּער. צווישן זיינע משוררים זענען געווען זעליג מאַגולעסקאַ, לייזער צוקערמאַן, משה זילבערמאַן און שמחה דינמאַן. אין דער זעלבער צייט, וואָס מאַגולעסקאַ, דאַמאָלט אַ יונגל פון 17 יאָר, און צוקערמאַן, מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער, זענען געווען אָנגעשטעלט אַלס משוררים ביי קופּערן, האָבן זיי אויך געזונגען אין אַ קירך. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער חזן און די בעלי־הבתים האָבן דערפון נישט געטאָרט וויסן.

זיי האָבן אויך שוין געהאַט געלעגנהייטן צו זינגען אַלס כאָריסטן אין אָפּערעס, און דאָס שפּילן, וואָס זיי האָבן געזען ביי דידאָזיקע געלעגנהייטן, האָט געמאַכט אויף מאַגולעסקאַן אַזאַ איינדרוק, אַז ווען מ'פלעגט צו אַ שמחה פאַררופן די משוררים, פלעגט מאַגולעסקאַ אונטערהאַלטן דעם עולם נישט נאָר מיט זינגען, נאָר אויך מיט נאָכמאַכן געוויסע רומענישע אַקטיאָרן. אויך פלעגט ער אַזעלכע שטיקלעך ווייזן ביים חזן אין הויז ווען די משוררים און פיינע בעלי־הבתים פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן ביי אים אַ שבת צו נאַכט, און דער עולם האָט פון זיי געלעקט די פינגער.

דאָס האָט דערגרייכט צו גאָלדפאַדענען, און ער האָט תיכף נאָך זיין קומען אין בוקאַרעסט געשיקט רופן צו זיך די אויבנדערמאָנטע פיר משוררים״ .

אַז גאָלדפאַדען האָט זיי געהערט זינגען, האָט ער באַלד באַשלאָסן, אַז זיי זענען די ריכטיקע פאַסיקע עלעמענטן פאַר זיין טעאַטער, און ער האָט זיי אַלע באַלד צוגענומען צו זיך אין טרופּע. אָבער דאָס אריינציען משוררים אין יידישן טעאַטער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקער קעגנערשאַפט מצד די מתפללים. נישט קאָנענדיק באַשטראָפן די משוררים, האָט קהל אָפּגעזאָגט דעם חזן קופּער, וועלכער האָט נישט נאָר דערלאָזט, אַז זיינע משוררים זאָלן זינגען אין יידישן טעאַטער, נאָר ער פלעגט אַליין אויך באַזוכן די פאָרשטעלונגען אין יידישן טעאַטער.

אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. די משוררים זענען שוין פאַרבליבן ביי דער יידישער בינע, און אייניקע פון זיי האָבן שפּעטער, סיי אין גאָלדפאַדענס טרופּע, סיי אין די אַנדערע יידישע טרופּעס, געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע.

אָבער מיט נייע מענער־כחות אַליין האָט גאָלדפאַדען זיך נישט באַ־גנוגענט. עס איז פאַר אים שוין קלאָר געווען, אַז זיין טעאַטער, זיין רע־פּערטואַר, מוזן אויסגעברייטערט ווערן, און צו דעם צוועק מוז מען האָבן פרויען, וואָס זאָלן ווערן אַקטריסעס און אויך שפּילן גרעסערע ראָלן.

וואו נעמט מען אָבער אַזעלכע כחות?

מענער האָט מען נאָך געקאָנט געפונען צווישן די בראָדערזינגער און פאָלקסזינגער אָדער צווישן די משוררים.

דאָס פּראָבלעם פון פרויען־אַקטריסעס איז אָבער געווען זייער אַ שווערעס. מיר האָבן שוין אין אַ פריערדיק קאַפּיטל אָנגעוויזן ווער עס זענען געווען די ערשטע אַקטריסעס און אונטער וועלכע באַדינגונגען מ׳האָט זיי רעקרוטירט פאַר דער יידישער בינע. אויך איצט האָט גאָלד־פאַדען צובאַקומען אַ נייע אַקטריסע דורכדעם, וואָס זיינער אַן אַקטיאָר האָט זיין פרוי אַרויפגענומען אויף דער בינע. „שפּעטער — דערציילט גאָלדפאַדען אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — איז שוין אַליין געקומען נאָך אַ פיין מיידל און האָט זיך אַנגאַזשירט, כאָטש אויך אומוויסנד און רוי, האָב איך שוין געהאַט דריי פרויען־פּערזאָנען, אַן אַקטיאָר איז אויך צוגעקומען".

גאָלדפאַדען הייבט זיך אָן צו פּאַרפּעסטיקן אין בוקאַרעסט. ער פירט דאָ אויף זיין אַלטן רעפּערטואַר, דערביי מאַכט ער אָבער ענדע־רונגען אין די פּערסאָנאַלן.

אַזוי אַ שטייגער שפּילט ער „די באָבע מיטן איייניקל" מיט נייע צוגעגעבענע ראָלן, גראַדנער שפּילט „די באָבע" און נעמט אַזוי שטאַרק אויס אין דער ראָל, אַז מיט יאָרן שפּעטער ווען די יידישע בינע האָט שוין געהאַט פיל פרויען־כחות און עס זענען שוין געווען פרויען־ אַק־טריסעס, וואָס זאָלן קאָנען שפּילן די ראָל פון דער „באָבע", האָט די ראָל ווייטער געמוזט געשפּילט ווערן דורך אַ מאַן, וואָס פלעגט נאָכ־קאָפּירן גראַדנערן, וועלכער איז יונג געשטאָרבן. דער עולם איז שוין געווען אַזוי צוגעוואוינט צו גראַדנערס אויסטייטשן די ראָל, אַז אַ פרוי האָט גאָרנישט געקאָנט אַזוי שפּילן די פ ר ו י ע ן ־ראָל. מאָגולעסקאָ

האָט געשפּילט „דאָס איינּיקל״, פּנחס שאַפּיראָ—„דער שדכן״, משה זיל־בערמאַן — „דער לערער״ און לייזער צוקערמאַן „דער טערק״. אין דער באַנייטער אויפירונג פון „די אינטריגע״ האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט צוויי ראָלן „רחלה״ און „דער זאַאיקע משרת״, און גאָלדפאַדען אַליין האָט געשפּילט די דראַמאַטישע ראָל.

איצט קומט די אויפירונג פון גאָלדפאַדענס אַ נייע קאָמעדיע „שמענדריק״, וועלכע איז דיריגירט געוואָרן פון דעם ציגיינער קאַס־טאַקי. מיט דער קאָמעדיע „שמענדריק״ איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע געשיכטע.

גאָלדפאַדען אין זיינע זכרונות דערקלערט כסדר, אַז „שמענדריק״ איז זיינע אַן אָריגינעלע קאָמעדיע, און בלויז די לידער האָט ער צוגע־פּאַסט צו רומענישע מעלאָדיעס, אָבער ווי מאָגולעסקאָ און צוקערמאַן האָבן איבערגעגעבן גאָרינען, איז די אַנטשטייאונג פון „שמענדריק״ פאָרגעקומען אונטער אַזעלכע פאַרהעלטעניש: „ווען גאָלדפאַדען האָט פאַרהערט מאָגולעסקאָן, האָט מאָגולעסקאָ פאָרגעשטעלט אַ סצענע פון דעם רומענישן שטיק „וולאַדוצו מאַמו״ (דער מאַמעס זונדעלע), און דאָס איז איינגנטלעך דער אָריגינאַל פון דער שפּעטערדיקער קאָמעדיע „שמענדריק״. גאָלדפאַדענען איז אַזוי געפעלן געוואָרן די פאָרשטע־לונג, אַז נישט נאָר וואָס ער האָט צוגענומען מאָגולעסקאָן אין זיין טרופּע, נאָר ער האָט אים אויך צוגעזאָגט, אַז ער וועט לאָזן דאָס שטיק איבערזעצן און דערפון וועט ער מאַכן אַ יידישע פּיעסע פאַר אים״.

סיי מאָגולעסקאָ, סיי צוקערמאַן און סיי אַלע יענע, וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן מיט גאָלדפאַדענען ביי זיין אָנקומען קיין בוקאַרעסט אָדער באַלד נאָכדעם, האָבן אַלע איינשטימיק דערציילט ווי אַזוי „שמענ־דעריק״ איז איבערגעמאַכט געוואָרן פאַר זיי אין די אויגן. פון מאָגו־לעסקאָס רייד איז אויסגעקומען, אַז אים האָט גאָלדפאַדען געהאַט צו פאַרדאַנקען פאַר דעם דאָזיקן שטיק, און די אַנדערע, וואָס זענען געווען דערביי, האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען ווי גאָלדפאַדען האָט עס באַאַרבעט.

עס איז מערקווירדיק דערביי — שרייבט גאָרין — וואָס די אַלע געדענקען גוט דעם נאָמען פון דעם אָריגינאַל, הגם ס׳זענען שוין זייט דאַמאָלט אַריבער צענדליקער יאָרן.

און עס איז באמת זייער אינטערעסאנט נישט אזוי די עצם פראגע צי גאָלדפאַדען האָט אָריגינעל אָנגעשריבן די קאָמעדיע אָדער ער האָט איר הויפט טעמע גענומען פון דער פרעמד, ווי דאָס וואָס אויב „שמענדעריק" איז אַ פרעמדער, נישט־יידישער טיפ, איז ער פאַרט מיט דער צייט געוואָרן אַ סינאָנים אין יידישן לעבן, אין דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך. אַזאַ קינסטלערישע קראַפט האָט גאָלדפאַדען באַזעסן צו פאַר־יידישן פרעמדע טיפּן און כאַראַקטערן און זיי פאַרשמעלצן אין יידיש־נאַציאָנאַלע כאַראַקטערן.

נאָך „שמענדעריק" האָט גאָלדפאַדען אויפגעפירט זיין מעלאָ־דראַמע „די קאַפּריזנע כלה, אָדער קבצנזאָן און הונגערמאַן", אין וועל־כער די נייע אַקטריסע ראַזאַ האָט נאָך מיטגעשפּילט, אָבער באַלד האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און די טרופּע איז ווידער געבליבן באַשטיין פון בלויז מענער.

מאָגולעסקאָס דערפאָלג ביים עולם, באַזונדערס אין דער טיטל־ראָל פון „שמענדעריק", האָט אַרויסגערופן קנאה־געפילן ביי גראַדנערן, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט אייגנטלעך געלייגט דעם גרונט־שטיין פון יידישן טעאַטער צוזאַמען מיט גאָלדפאַדענען, און דעריבער קומען אים אַלע בעסטע און גרעסטע ראָלן. ער האָט דעריבער אָנגעהויבן שטעלן פאָדערונגען צו גאָלדפאַדענען. זעענדיק, אַז מאָגולעסקאָס דער־פאָלג באַשטייט אין דער ק אָ מ ע ד י ע , האָט ער באַשלאָסן זיך אַ וואָרף צו טאָן צו דער ד ר אַ מ ע . ער האָט אָנגעהויבן פאַרלאַנגען פון גאָלדפאַדענען, אַז ער זאָל ספּעציעל פאַר אים אָנשרייבן אַ דראַמע.

גאָלדפאַדען האָט נאָכגעגעבן זיין פאָדערונג. ער האָט איבערגע־זעצט קאָצעבועס „די וויסטע אינזל" און געמאַכט דערפון אַ צוויי־אַק־טיקע טראַגעדיע אונטערן נאָמען „דער ווילדער אינזל". גראַדנער האָט געשפּילט „דער אייראָפּעער", שכר גאָלדשטיין — „רעגינע" און מאָגו־לעסקאָ — „די נעגערין". אָבער גראַדנער איז ווידער געוואָרן אַנ־טוישט. כאָטש ער איז געווען דער איינציקער מענער־ראָליסט אין דער דראַמע און כאָטש ער האָט געהאַט די הויפּט־ראָל, האָט מאָגולעסקאָ געהאַט אַ גרעסערן דערפאָלג פון אים. דאָס האָט גראַדנערן אַזוי אויפ־גערעגט, אַז ער איז אַרויסגעטראָטן פון דער טרופּע.

אין יענער צייט האָט גאָלדפאַדען באַקומען אַן איינלאַדונג פון

שמעון מארקסן אין יאסי, אז ער זאָל דאָרט אהינקומען. אזוי אָבער ווי אליין האָט זיך אים נישט געגלוסט צו פאָרן, און אזוי ווי ער האָט גע־האָט געוויסע פאַרפליכטונגען צו גראַדנערן, און קיין שלום־בית צווישן אים און מאָגולעסקאָן האָט נישט געקאָנט זיין, האָט גאָלדפאַדען גענו־מען איינציקע פון זיינע פּיעסעס, זיי געגעבן גראַדנערן און אים אָפּגע־שיקט קיין יאסי.

גראַדנער האָט צו זיך צוגעצויגן ראָזע פרידמאַן און צוזאַמען האָבן זיי גענומען שפּילן אין יאסי. אָבער כאָטש גראַדנער איז איועק פון גאָלדפאַדענען צוליב מאָגולעסקאָן, האָט נישט לאַנג געדויערט ווי דער־זעלבער מאָגולעסקאָ איז אַוועק פון גאָלדפאַדענען און האָט זיך פאַר־אייניקט מיט... גראַדנערן.

דאָס איז, אַלזאָ, געווען די ערשטע שפּאַלטונג אין יידישן טעאַטער און דער ערשטער פּרוב צו שפּילן גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר אָן גאָלד־פאַדענען.

גאָלדפאַדען איז אָבער דאָך געבליבן ביי איינציקע אַקטיאָרן. ער האָט אָנגעשריבן אַ נייע פּיעסע „די שטומע כלה" און זי אויפגעפירט מיט פאָלגענדן פּערסאָנאַל: שכר גאָלדשטיין („ברײנע"), פּנחס שאַפּי־רא („דער זיידע"), משה זילבערמאַן („לעאָן"), מעכעלע גליקמאַן ("איי־זיק־מאיר"), לייזער צוקערמאַן („צדוק") און איין פּרויען־ראָליסטין, אַ נייע קראַפט וועלכע ווערט אין פּראָגראַם באַצייכנט אַלס „מאַדמואַ־זעל ראָזע". זי האָט געשפּילט די טיטל־ראָל „די שטומע כלה", אָבער די ראָל איז געווען אַ שטומע, אָן ווערטער, און ערשט שפּעטער, ווען זי האָט זיך צוגעוואוינט צו דער בינע, האָט גאָלדפאַדען איר געגעבן צו ריידן עטלעכע ווערטער.

באַלד דערויף האָט דאָ גאָלדפאַדען אויפגעפירט „שמענדעריק" אין אַ נייער באַאַרבעטונג און מיט נייע כחות: „שמענדעריק" האָט געשפּילט די נייע אַקטריסע גאָלדיצע און „די כלה" — די נייע אַקטע־ריסע מינדעל צוקערמאַן.

מיר האָבן פאַר זיך שוין, בכן, צוויי טרופּעס מיט אַ קנאַפּן מנין אַקטיאָרן און אַקטריסעס אין די צוויי גרעסטע שטעט פון רומעניע: בוקאַרעסט און יאסי.

ווען גאָלדפאַדענס טרופּע איז זיך צעפאַלן אין צוויי טיילן, פון

וועלכער איינע איז פארבליבן אין יאסי, האט דארט געשפילט א גרויסע ראָל דער שפעטער בארימטער, זייער־פארשריגענער שונד־דראמאטורג, י אָ ז ע ף ל א ט י י נ ע ר.

יאָזעף לאטיינער, וועלכער זאָל — טראָץ זיינע הכחשות — גאָר הייסן אַן אַנדערן נאָמען, איז געבוירן געוואָרן אין 1857 אין יאסי ביי אַ שניידער, וועלכער איז איינגעוואַנדערט אין רומעניע פון רוסלאַנד. אין דער יוגנט האָט זיך לאַטיינער אויסגעצייכנט אַלס מתמיד אין אַ יאסער ישיבה. גלייכצייטיק האָט ער זיך אָבער אָפּגעגעבן מיט השכלה; געלערנט תנ״ך מיט מענדעלסאָנס ביאור, געלייענט השכלה־ספרים, און היות ווי ער האָט אָנגעהויבן צו גילטן אין שטאָט אַלס „אפיקורס", האָט אים דער דאַמאַלטיקער שריפטשטעלער און געלערנטער מתתיהו־שמחה ראַבינער שטאַרק מקרב געווען און טאָקע ביי אים אין שטוב האָט לאַטיינער געלערנט העברעאיש, דייטש און פראַנצויזיש.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, געשריבן ספּעציעל פאַרן שרייבער פון די שורות, דערציילט לאַטיינער, אַז אין עלטער פון 23 יאָר איז ער אַרויס פון דער ישיבה, אַנגעשטאָפּט מיט שס ופוסקים, אָבער אויך אַ באַלעזענער אין פאַרשידענע ספרי השכלה, וועלכע ער האָט פלייסיק אין געהיים געלעזן אין ישיבה.

אין 1876, בעת גאָלדפאַדען איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין יאסי און פאַרבראַכט ביי יצחק ליבערעסקאָן, איז לאַטיינער אויך געווען צווישן די פאַרזאַמלטע משכילים, און ווי ער גיט אָן אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע, זאָל ער זיין געווען דער דורך וועמענס איניציאַטיוו גאָלדפאַ־דען האָט אָנגעהויבן שרייבן פאַר דער יידישער בינע. מיר האָבן שוין דאָ, אַלזאָ, די דריטע ווערסיע וועגן דעם אַנטשטיין פון גאָלדפאַדען־טעאַטער, אָבער באמת איז צו זען פון דער פיעסע, וועלכע לאַטיינער דערמאָנט, אַז גאָלדפאַדען האָט שוין פריער אָנגעהויבן זיין טעאַטער.

לאַטיינער דערציילט אַזוי אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „אין אַ געשפרעך מיט גאָלדפאַדענען פרעג איך אים אַמאָל פאַרוואָס לאָזט איר די לצים [געמיינט די פאָלקסזינגער גראָדנער, גאָלדשטיין און פינקל] ריידן פאַר פייער און פאַר וואַסער? ווען זיי זינגען אייערע לידער, פאַר־וואָס זאָלן זיי אויך נישט האָבן אייער פראָזע? און דער געדאַנק איז אים אַריין אין קאָפּ און נאָך אַ קורצער צייט האָט ער פון זיין ליד „די

באָבע מיט דעם איניקל" געמאַכט אַ טעאַטער־שטיק. פאַר מיר איז „די
באָבע מיטן איייניקל" געווען דאָס ערשטע טעאַטער־שטיק, וואָס איך
האָב אין מיין לעבן געזען, ווייל אין רומעניש טעאַטער האָב איך מיך
נישט געוואַגט צו ווייזן מיט מיין לאַנגען קאַפּטאַן און מיט מיינע לאַנ־
גע פּאות, און דאָך איז מיר די טעאַטער־טעכניק נישט געווען פרעמד,
ווייל איך האָב געלעזן פילע דייטשע און אויך פראַנצויזישע ווערקע.
און עס האָט מיך נישט געלאָזט רוען איך זאָל אויך מיין פעאיקייט
שטעלן אויף דער פּראָבע. דער צופאַל איז מיר געקומען צו הילף. אין
שטאָט האָט דאַמאָלט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה וועגן טאַקסע און אַנ־
דערע קהלשע זאַכן. צוויי פאַרטייען זענען געווען די מלחמה־פירער:
די פרומע יידן מיט די דייטשע יהודים. גערופן האָט מען די צוויי פאַר־
טייען „קנאָפּל און פאַנטאָפל". דאַרף זיך טרעפן, אַז אַ יונגערמאַן פון
די „קנאָפּל" זאָל זיך פאַרליבן אין אַ מיידל פון „די פאַנטאָפל". ביי־
דערליי פאַמיליען זענען געווען פאַרמעגלעכע און גרויסע דעה־זאָגער און
זענען זיך געווען שונאים אויף דעם לעבן, און זייערע קינדערלעך נע־
בעך זענען איינע אין ס'אַנדערע געווען שטערבלעך פאַרליבט. אַ פּאַסי־
רונג ווי אין „ראָמעא און דזשולעט", צום גליק האָט זיך דער ראָמאַן
נישט געענדיקט אַזוי טרויעריק ווי ביי שעקספּיר. און אָט פון דער פּאַ־
סירונג האָב איך, מיט דער הילף פון אַ דייטשן סקעטש מיט דעם נאָמען
„נאַטאַן שלומיאל" אויסגעאַרבעט אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטן, באַטיטלט
„קנאָפּל און פאַנטאָפל, אָדער, די צוויי שמואל־שמעלקעס".

די קאָמעדיע איז באַלד דערויף אויפגעפירט געוואָרן אין יאַסי
דורך פינקעלן און גראָדנערן, און זיי האָבן דעם מחבר איבעראַשט מיט
אַ האָנאָראַר פון 12 פראַנק, אָבער נישט חלילה אין מזומן, נאָר זיי האָבן
אים געגעבן 12 בילעטן צו אַ פראַנק אַ שטיק. דער מחבר האָט נישט
געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די בילעטן ביז דער קאַסירער האָט זיך אויף
אים מרחם געווען און אים געגעבן 8 פראַנק פאַר די בילעטן. דאָס איז
געווען לאַטיינערס ערשטער האָנאָראַר פאַר דראַמאַטורגיע.

מיט דערדאָזיקער קאָמעדיע איז פאַרבונדן אַ גאַנצע געשיכטע. עס
זעט אויס, אַז גאָלדפאַדען האָט זיך שפּעטער אויך באַנוצט מיטן זעלבן
דייטשן אָריגינאַל פאַר זיין קאָמעדיע „די צוויי קוני־לעמעל", אָבער לאַ־
טיינער פלעגט תמיד באַשולדיקן גאָלדפאַדענען, אַז ער האָט קיין נייע

פיעסע בכלל נישט אָנגעשריבן, נאָר ער האָט בלויז באַארבעט, זיין לאַ־טיינערס, קאָמעדיע, און שפּילט זי אויף זיין, גאָלדפאַדענס נאָמען.

לאַטיינער האָט זיין באַשולדיקונג באַגרינדעט דערמיט, וואָס שפּע־טער ווען גאָלדפאַדען איז געקומען קיין רוסלאַנד און דאָרט אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער, האָט ער פאַרכאַפּט די דאָזיקע קאָמעדיע מיט דער הילף פון דער ממשלה: אין רוסלאַנד האָט מען נישט געקאָנט שפּילן אַ פּיעסע פריער ווי מען האָט זי צענזורירט אין פּעטערבורג, אַז זי איז כשר לגבי דער מאַכט און לגבי דער מאָראַל, האָט גאָלדפאַדען גענומען זיין, לאַטיינערס, פּיעסע, האָט איר אַ נאָמען געגעבן „די צוויי קוני לע־מעל" און זי פאַרשריבן אויף זיין, גאָלדפאַדענס, נאָמען. שפּעטער האָט שוין לאַטיינער זי מער נישט געקאָנט שפּילן, ווייל עס וואָלט געהייסן, אַז ער איז דער אוזורפּאַטאָר.

בכלל האָט לאַטיינער געהאַט חשבונות מיט גאָלדפאַדענען. אַן ענלע־כע טענה האָט ער אויך געהאַט מיט אַ צווייטער פּיעסע, וועגן וועלכער עס וועט אונז שפּעטער אויסקומען אויספירלעכער צו ריידן — דאָס איז די באַרימטע „שולמית", וועלכע סיי לאַטיינער און סיי גאָלדפאַדען האָבן באַארבעט פון איין קוועלע, און האָבן זיך כסדר קאָנקורירט מיט דער פּיעסע.

וועגן לאַטיינערס צוקומען צום יידישן טעאַטער דערציילט אויך ליבּרעסקאָ אין זיינע זכרונות, און ווידער וויל ער מאַכן דעם איינדרוק, אַז אויך דאָ איז זיין פּרוי געווען די איניציאַטאָרין, אַז לאַטיינער זאָל ווערן אַ דראַמאַטורג: „צווישן די משכילים, וואָס פלעגן צו מיר אריינ־קומען, זענען געווען צוויי פּערזאָן, יוסף כתבן און יצחק גאָלדענטאַל, וואָס זענען דאַמאָלט נאָך געווען סטודענטן, און זיי האָבן מיטגע־בראַכט מיט זיך זייערן אַ גוטן פריינט לאַטיינער. זיין מעלה איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געקענט לייענען און שרייבן דייטש. ער פלעגט יעדעס מאָל מיט זיך מיטברענגען דייטשישע ווערק און זיי פאָרלייענען. איינמאָל האָט ער געבראַכט אַ דייטש ביכל „נאַטאַן שלו־מיאל" און ווען ער האָט עס פאָרגעלייענט, זיינען מיר שיר צעזעצט געוואָרן פון געלעכטער. פון יעדער שורה האָבן מיר געמוזט קייכן, אַזוי פיל הומאָר און קאָמישעס איז דאָרט געווען. עס איז אונז אַזוי גע־פעלן, אַז מיר האָבן געבעטן לאַטיינערן, אַז ער זאָל עס נאָך אַמאָל

פאַר אונז פאַרלייענען. מיין פרוי, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן טעאַטער־מבין, האָט זיך דאַן אָנגערופן צו לאַטיינערן: — לאַטיינער, עס וואָלט געווען גוט צו מאַכן דערפון אַ יידישע פּיעסע. לאַטיינערן איז דער פּלאַן געפעלן און טאַקע ביי מיר אין שטוב האָט ער זיך אוועקגעזעצט און געמאַכט דערפון „די צוויי שמואל שמעלקעס".

עס איז גוט אַרויס און די טרופּע האָט עס גענומען שפּילן און עס איז געווען אַ גוטער דערפאָלג. אַזוי ווי די דורך דער פּיעסע איז ער געוואָרן מחותן מיט די אַקטיאָרן און אַ יודע ספר איז ער געווען, איז ער געוואָרן דער סופלער פון דער טרופּע און אויך זייער פאַרפאַסער".

לאַטיינערס צווייטע דראַמאַטורגישע אַרבעט איז באַשטאַנען אין איבערזעצן די רומענישע פּיעסע „לומפּאַציוס וואַגאַבונדוס", וועלכע גראַדנער פלעגט שפּילן דערנאָך און זיך אָנגעגעבן אַלס איר מחבר.

לאַטיינער וואָלט וואַרשיינלעך ווייטער געשריבן פּיעסעס ווי עס וואָלט אויך געווים געטאָן אברהם גאָלדפאַדען, ווען — —

אָבער דאָ קומט פּלוצלונג אַן איבערקערעניש, וואָס צעשטערט אַלץ.

גאָלדפאַדען דערציילט וועגן דער נייער קאַטאַסטראָפע פאָלגענדעס: „דאָס טעאַטער האָט אָנגעהויבן אויפצולעבן. לייזער צוקערמאַן אַרבעט זיך אויס אַלס קאָמיקער. הכלל, אויף דער בינע ווערט פריילעך. נאָר פּלוצלונג האָט זיך ערייגנעט אַזאַ באַגעבנהייט, וואָס האָט צעשטערט אינגאַנצן מיין אַרבעט. אַ וואָלקן־ברוך האָט זיך אָנגערוקט און מיט זיין העפטיקן שטראָם האָט ער אַ פאַל געטאָן אויף אונז און האָט פאַרגאָסן, פאַרפלייצט מיינע אַלע פרישע, גרינע געוויקסן, וואָס האָט מיך געקאָסט אַזויפיל מי און ערגערניסע, ביז איך האָב דאָס פאַרפלאַנצט און האָב דאָס דערלעבט צו זען אַרויסגעוואַקסן, צו בליען. קורין, איך האָב געמוזט צעלאָזן מיין חדר. יעדער איז צוריקגעבליבן ביי זיך אין דער היים און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. איך בין געבליבן זיצן אַליין, פאַרצווייפלט, און האָב נישט געוואוסט וואָס אָנצופאַנגען. אינעם טעאַטער האָט מען פאַרגעסן גלייך ווי עס איז נישט געווען. דער סאַלאָן איז געבליבן פּוסט און דאָס אַלץ האָט פּאַסירט פונקט אין יאָר 1877.

דער רומענער צו יענער צייט האָט נישט גענומען קיין רעקרוטן צום מיליטער, נאָר ער האָט ג ע כ אַ פּ ט — קאָמיסיאָנען אין דער באַגלייטונג פון דער פּאָליציי האָבן זיך צעלאָזט איבער אַלע גאַסן פון דער שטאָט בוקאַרעסט און קוים האָט מען באַגעגנט אַ יונגערמאַן, האָט מען אים געכאַפּט און אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט.

איבער דער מהומה האָט זיך שוין נאַטירלעך קיין יונגערמאַן געוויזן אויף דער גאַס, פלעגן די קאָמיסיעס באַפאַלן די שולן, די קאַפע־הייזער. דערפאַר האָבן אַלע יונגעלייט געמוזט פאַרלאָזן די שולן און די קאַפע־הייזער. און אַזוי ווי מיין טעאַטער איז אויך געווען אַן עפנטלעכער לאָקאַל, האָט מען שוין אויך מורא געהאַט צו קומען, אפילו דאָס ביסל אַקטיאָרן, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, האָבן זיך אויך באַהאַלטן ביי זיך אין דער היים, און דערפאַר האָט מען אויפגעהערט צו שפּילן, און אַז מען שפּילט נישט, וויל דער רעסטאָראַטאָר מער נישט געטרויען קיין עסן, און אַז מען עסט נישט — הונגערט מען".

וואָס איז געשען?

רוסלאַנד און טערקיי האָט אָנגעהויבן צווישן זיך מלחמה, און כאָטש רומעניע איז געווען נייטראַל, אָבער אַלס שכנה צווישן דידאָזיקע צוויי לענדער האָט זי דערקלערט אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע.

5

עס האָט אויסגעזען, אַז די רוסיש־טערקישע מלחמה וועט צעשטערן דעם יונגען בנין — דאָס יידישע טעאַטער. גאָלדפאַדען האָט באַשלאָסן, אַז פון יידישן טעאַטער וועט ער קיין פרנסה נישט האָבן, און ער טראַכט וועגן ציען זיין חיונה פון דער מלחמה: ווערן אַ סוחר ווי אַ סך אַנדערע יידן זענען געוואָרן אין אַזאַ בהלה־צייט.

„ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען די געשעפטן אין בוקאַרעסט — דערציילט ליבערסקאַ אין זיינע זכרונות — קאָן מען זען דערפון, וואָס איך האָב באַקומען פון גאָלדפאַדענען אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז די עצה, וואָס מיין פרוי האָט אים געגעבן, וועלכע האָט זיך אין אָנהייב אויסגעוויזן אַלס גוטע עצה, טויג באמת אויף כפרות. ער, גאָלדפאַדען, מיט דער טרופּע גייען אוים פון הונגער.

דאָס איינציקע גליק איז דאָס, וואָס דורכן טעאַטער איז ער געקומען קיין בוקאַרעסט, און אַזוי ווי עס איז איצט מלחמה־צייט, האָפט ער צו קאָנען פאַרדינען ביי די פּאַדריאַטשיקעס (ליפעראַנטן פון אַרטיקלען)."

אָבער פון דער האָפנונג איז גאָרנישט געוואָרן, און דאָ האָט אַ צופאַל ארויסגעפירט גאָלדפאַדענען און דאָס יידישע טעאַטער פון דער טרויעריקער סיטואַציע.

גאָלדפאַדען דערציילט וועגן דעם אַזוי אין זיינע עראינערונגען:

„גיי איך מיר אַזוי אין גאַס און באַגעגן איינעם פון מיינע גוטע פריינט אויס אָדעס.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ טרויעריקע מינע.

— וואָס הייסט וואָס איך טו דאָ? — האָט ער מיר געענטפערט — די גאַנצע וועלט לאָזט זיך אַהער. עס איז דאָך עפּעס „קריגס־צייט". איך בין אויך געקומען מיר זוכן אַ באַשעפטיקונג אָדער אַ פּאָדריאַד. וואָס טוסטו דאָ?

— איך ווייס!, עפּעס האָט איך געמאַכט אַ טעאַטער און מען מאַכט די קאָמעדיע...

— טוט מיר באַנג, איך וואָלט עס אַ בעלן געוועזן צו זען!

— ווי אַזוי קאָנסטו עס זען ווען איך האָב צעלאָזט מיין חברה, ווייל קיינער קומט נישט. אויב דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט מאָרגן קומען מיט אַ חברה כאָטש פון אַ 20 — 30 מענטשן, וואָלט איך צוזאַמענגעפויקט מיינע לייט און וואָלט געוויזן די קאָמעדיע.

— אָט האָסטו מיין האַנט, אַז מאָרגן קום איך מיט אַ גאַנצער חברה אונזערע אָדעסער.

— באַשטימט?

— נאָך ווי אַזוי! מיר וועלן דאָך דאָ דורך די נעכט משוגע פון לאַנגווייליקייט.

איך האָב פון אים אָפּשיד גענומען און בין געגאַנגען צונויפ־רופן מיין חברה, און זיי געזאָגט, אַז מאָרגן וועלן מיר שפּילן פאַר אַ קליינעם עולם, וואָס האָט אַזוי ווי באַשטעלט די פאָרשטעלונג.

מאָרגן איז ער באמת געקומען מיט אַ 30 מענטשן. נו! דאָס

דאַרף מען שוין פאַרשטיין ווי די נייגיריקייט האָט זיי איבערראַשט. זיי האָבן פאַרשפּראָכן, אַז מאָרגן וועלן זיי קומען מיט מער מענטשן.

ריכטיק! אויף מאָרגן צו דער פאָרשטעלונג זענען שוין געקומען עטלעכע און אַכציק מענטשן, און אַזוי יעדן טאָג מער, ביז דער סאַלאָן איז קליין געוואָרן און האָט שוין נישט געקאָנט אין זיך פאַסן די מאַסן פון דעם פרישן ניי־געבוירענעם פובליקום, און דאָ איז שוין טאַקע געווען אין דערמיט פון דעם זומער, און עס איז געוואָרן צו היים אין דעם לאָקאַל צו שפּילן. איך האָב געמוזט גיין זוכן אַ גאָרטן, וואו דער פּלאַץ איז פיל גרעסער און די לופט פיל פרישער און אי־בערפירן די גאַנצע מאַכענאַציע אַהין. און דער זעלבער שטראָם פון דער צייט, וואָס האָט ערשט געמאַכט אַזאַ דערוויסטענדע איבערשווי־מונג איבער דער יונגער פלאַנצע פון דעם נאָר וואָס אויפגעבליטן „יידישן טעאַטער", אַז מען האָט געמיינט, אַז עס איז שוין אָפּגע־ווישט — דער זעלבער פאַרדאָרבענער שטראָם האָט נאָך זיין אָפּ־לויפן אַזאַ זעגנרייכע ווירקונג געמאַכט, אַז מיין יידיש טעאַטער האָט אויפגעבליט.

אין דער רומענישער „קעפּיטאַל־שטאָט" בוקאַרעסט, סטראַדאַ נעגראַ וואָדאַ נומער 10, איז דאָ אין אַ הויף אַ גאָרטן פון עטלעכע בוימער, וואָס איז היינט יעדן באַקאַנט מיט דעם נאָמען „זשיגניצאַ". דאָס גערטנדל איז אַמאָל זייער ווייניק באַקאַנט געווען, ווייל אַהין פלעגן אַריינגיין אייניקע שכנים פון די געסלעך זומער ביינאַכט אין די גרויסע היצן טרינקען אַ פריש גלעזל ביר. דער גאָרטן מיט דעם ביר האָט געהערט צו אַ דייטש, וועלכער האָט געהאַט אַרום דעם גערטנדל אַ גרויסע אַלטע, הילצערנע ברויערײַ. אַ לאַנג געמויערט הויז איז אויך געשטאַנען אין דער זייט, וואו עס האָט געוואוינט דער ווירט מיט זיין פאַמיליע. צו דעם דייטש האָב איך זיך געווענדעט ער זאָל מיר פאַרדינגען דעם גאָרטן. איך האָב דאָרט באַלד אויסגעבויט אויף מיין רעכנונג אַ פּראָוויזאָרישע זומער־בינע פון ברעטער און איך האָב דאָרט פאָרטגעזעצט מיינע טעאַטער־פאָרשטעלונגען".

און אָט אין דעם נייעם יידישן טעאַטער האָט גאָלדפאַדען ווייטער אַנגעהויבן אַנטוויקלען זיין יידישע בינע, וואָס האָט אויסגעזען איינצוזאַרן נאָך איידער זי האָט זיך צעבליט. פון טאָג צו טאָג האָבן

זיך די געשעפטן פון יידישן טעאטער פארבעסערט. אויב אין אנהייב האט גאלדפאדענס א פריינט געדארפט ברענגען דעם עולם אין טעא־טער, איז מען שוין איצט אליין געקומען:

„פון רוסלאנד האבן זיך א שאט געטאן קיין רומעניע — שרייבט ב. גארין — מחנות מענטשן אין דער האפנונג צו פארדינען א לייכטן רובל. דער קאמיסאריאט פון דער רוסישער ארמעע האט זיין הויפט־קווארטיר געמאכט אין בוקארעסט, און פון דארטן האט א שטראם גאלד געפלייצט איבער די קעשעניעס פון אלע יענע, וואס זענען נאר נישט פויל געווען עס צו נעמען. קיין זאך איז אזוי נישט ביליק געווען ווי געלט. מענטשן, וואס זענען געקומען ארעם זענען אין א קורצער צייט עשירים געווארן, און מיטן לייכט געקראגענעם געלט איז געקומען א פארדערונג אויף לעבן א גוטן טאג, הוליאנקעס און דאסגלייכן. דאס טעאטער איז געווען ווי פשוט באשאפן פאר זיי, און דער גרויסער אנגעלאפענער, רייך־געווארענער עולם האט זיך ממש דערפרייט מיט אזא אונטערהאלטונג; מען האט איצט געשפילט פאר געפאקטע הייזער און אין טעאטער איז געווארן א גרויסע שפע. פון לײדיקע בענקלעך האט מען שוין מער נישט געוואוסט און די אקטיארן האבן פארגעסן די הונגעריקע טעג. דאס פובליקום האט אויך באקומען גאר אן אנדער פנים. אנשטאט וואס ביז איצט זענען די באזוכער נאר געווען פון די סאמע נידריקע שיכטן, האט מען שוין גע־קאנט דא זעען דעם פיינעם היימישן בעל־הבית, דעם משכיל, און דער טעאטער ווערט אין א קליינעם מאסשטאב אן אינסטיטוציאן פון דעם גאנצן פאלק. אין טעאטער זעט מען איצט אויך א צומיש פון רוסישע אפיצירן. די פזמונים און טענצלעך מיט וועלכע די ערשטע שטיקער זע־נען געווען דורכגעפלאכטן, זענען פארשטענדלעך און צוגענגלעך פאר אלעמען, בפרט ווען די האנדלונג איז דורכאויס פון יידישן לעבן און די לאנגע קאפאטעס און בערד מיט פאותן זענען גוט באקאנט דעם רוסישן יידן. אויב דערדאזיקער צומיש האט נישט געהויבן די בינע, האט ער אבער פיל מיטגעהאלפן דער קאסע... צווישן די אנגע־לאפענע אין בוקארעסט איז אויך געווען משה פינקל, ער איז געקו־מען פארדינען א גרינגן רובל ביים קאמיסאריאט, נאר ער איז באלד ארייגעפאלן אין גאלדפאדענס טרופע".

קיין נייעם רעפּערטואַר האָט מען איצט אייגנטלעך נישט געדאַרפט, ווייל מיט יעדן טאָג זענען אַלץ צוגעקומען נייע, פרישע באַזוכער, פאַר וועלכע די אַלטע פּיעסעס זענען געווען ניי. דאָך האָט דאָ גאָלדפאַדען אויפגעפירט אייניקע נייע איינאַקטערס און דעם 25 אויגוסט 1877 האָט ער ענדלעך אויפגעפירט זיין ערשטע גרויסע קאָמעדיע „די מומע סאָסיע".

די גוטע געשעפטן האָבן גאָלדפאַדענען אַ רעכט ביסל צעטומלט. ער זוכט צו מאַכן געלט. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שילדערט ער אַזוי זיינע געפילן צו יענער צייט: „דעם אמת מוז איך מודה זיין, אַז נאָך ביז יעצט ווען איך נעם די פעדער צו שרייבן אַ ניי אָריגינעל שטיק, ווען די באַגייסטערונג הייבט מיך אָן צו צעוואַרעמען, שוועב איך דאַן אין אַ גאַנץ אַנדערער ספערע, אין אַ אידעאַלישער, און אין דער גאַנצער צייט פאַרגעס איך כמעט אָן דער עקסיסטענץ פון געלט, פון אָראורטייל, פון כבוד. איך פאַרגעס זאָגאַר פיל מאָל אין עסן און טרינקען. ווערנד דאָס שטיק ווערט פאַרטיק, ווער איך שוין עטוואָס אָפּגעקילטער, נאָר דאָך באַגייסטערט מיך דאָס געפיל פון דער קונסט ווערנד איך מאַך פּראָבן און לערן די ראָלן מיט דער מימיק, דיקטיר צו מאַכן די דעקאָראַציאָנען, קאָסטיומען און מוזיק. ערשט ווען דאָס שטיק ווערט שוין אויפגעפירט און דער קאַסירער זעצט זיך צו דער קאַסע מיט די בילעטן, פאַרגעס איך אָן אַלעמען וואָס עס איז געווען און דער שריפטשטעלער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סוחר, אַ געשעפטסמאַן, ביי וועלכן עס בלייבן לײדער שטיין מיינע פּעאיקייטן. אויך דאָ, אַז דער עולם האָט זיך פלוצלונג אָנגעהויבן צו לאָזן אין מאַסן אין מיין גאָרטן, בין איך גאָר פריגלישעט געוואָרן."

פאַרשטייט זיך, אַז די גלענצנדע געשעפטן, וואָס גאָלדפאַדענס טעאַטער האָט געמאַכט, האָבן אָנגעהויבן צו לאָקן אויך אַנדערע צו פּרובן זייער מזל ביים יידישן טעאַטער. אָבער די ערשטע וויכטיקסטע זאַך, וואָס אַזאַ קאָנקורענץ האָט געדאַרפט האָבן, איז נישט געווען קיין געלט — נאָר רעפּערטואַר. קעגן גאָלדפאַדענען מיט זיין טעאַטער האָט זיך געדאַרפט אַוועקשטעלן אָן אַנדערער שרייבער, וואָס זאָל אויך קענען שרייבן טעאַטער־שטיק אָדער כאָטש האָבן די אמונה אין זיך, אַז ער קען דאָס.

אַזאַ איינער איז געווען משה הורוויטש, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אומגעהויער פּאָפּולער אין דער יידישער טעאַטער - וועלט אונטערן נאָמען „פּראָפעסאָר איש הלוי הורוויטש אָדער האָרוויץ". ער האָט זיך נאָך פריער „געדרייט" ביים טעאַטער. גראָדנער האָט אים אפילו געוואָלט משדך זיין מיט גאָלדפאַדענען, אַז ער זאָל אויפירן זיינע אַ פּיעסע. דער „פּראָפעסאָר" הורוויץ האָט אָבער געהאַט אַ פּלעק אויף זיך. ער האָט שוין געהאַט באַוויזן צו זיין אַ משומד, און גאָלדפאַדען האָט זיך דעריבער פון אים אָפּגעשאָקלט. האָט הורוויץ צונויפגענומען אין בוקאַרעסט איינציקע יונגעלייט, צווישן זיי די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן אבא שיינגאָלד, משה טייך, הערשל גאָלדענבערג און פרוי גאָלדשטיין, און מיט זיי געעפנט אין בוקאַרעסט נאָך אַ יידיש טעאַטער.

הורוויץ האָט זיך אַנאָנסירט אַלס דירעקטאָר און אַלס מחבר פון דער פּיעסע „דער טיראַנישער באַנקיר". אַ פּנים אָבער, אַז די פּיעסע איז נישט געווען קיין אָריגינעלע, ווייל אַביסל שפּעטער זעען מיר ווי גאָלדפאַדען האָט אויך אויפגעפירט אַ פּיעסע מיט אַן ענלעכן נאָמען, נאָר דערביי אָנגעגעבן, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג פון דייטש.

אַלזאָ, די רוסיש-טערקישע מלחמה האָט נישט נאָר נישט צעשטערט גאָלדפאַדענס טעאַטער, נאָר אַרויסגערופן נאָך אַ יידיש טעאַטער מיט אַ נייעם דראַמאַטורג.

פּראָפעסאָר הורוויץ, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, פון וועלכן ער האָט גאָלדפאַדענען אינגאַנצן פאַרטריבן, און אָנשטאָט די פאָלקסטימלעכע און נאַאיווע סוזשעטן פון גאָלדפאַדענען אַרויפגעבראַכט אויף דער יידישער בינע די כלומרשטע היסטאָרישע אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס, דורכגעדרונגען מיט עם-הארצות און שונד, איז געבוירן געוואָרן אין 1844 אין סטאַניסלאַוואָו, גאַליציע אין אַ פרומער פאַמיליע, וואָס האָט זיך מתיחס געווען מיטן גאון בעל השל"ה. ער האָט געלערנט ביים גאון ר' משולם האָרוויץ און דערנאָך אין בית המדרש. צו 15 יאָר האָט ער אָנגעהויבן לערנען שחיטה, דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו השכלה און אַלגעמיינער בילדונג. אין עלטער פון 18 יאָר איז ער אַוועק קיין יאַסי, רומעניע, וואו ער איז געוואָרן אַ

העברעאישער לערער, און אלס יונגערמאן פון 27 יאר האט ער ארויס־געגעבן א העברעאיש־רומענישע צייטשריפט „די צייט", וואס האט אבער נישט מאריך ימים געווען.

פון יאסי איז הורוויץ געפארן קיין בוקארעסט. שפעטער האט ער זיך כסדר בארימט, אז ער איז דא געווארן פראפעסאר פון געאגרא־פיע אין ארטיקן אוניווערזיטעט, און זאל זיך אויך האבן באטייליקט אין איבערזעצן דעם תנ"ך אויף רומעניש. אבער די פארשידענע אויספארשונגען ביז איצט האבן דאס נישט פעסטגעשטעלט, און דער־ריבער פלעגט מען זיך שטענדיק באציען מיט פארדאכט צו זיין פראפ־עסארן־טיטל. וואס עס איז יא זיכער איז, אז הורוויץ איז געווען די־רעקטאר פון א יידישער שול אין בוקארעסט און ווען די בעלי־הבתים פון דער שול האבן אים אפגעזאגט פון דער שטעל, האט זיך הורוויץ געשמדט און איז געווארן א מיסיאנער.

ווען הורוויץ האט געזען דעם דערפאלג פון גאלדפאדענס טעא־טער, האט ער באשלאסן זיך אויך צו ווידמענען דעם געביט: העברע־איש, דייטש און רומעניש האט ער געקענט, נייגונגען צו שרייבן האט ער געהאט, און ער איז דעריבער געווען זיכער, אז קיין רעפערטואר וועט אים נישט פעלן. אין די דריי שפראכן וועט זיך שטענדיק עפעס אפזוכן צום איבערזעצן אדער באארבעטן אויפן אייגענעם נאמען אלס אריגינעל ווערק.

וועגן הורוויצס ערשטן פרוב צוצוקומען צום יידישן טעאטער, דערציילט גאלדפאדען אין זיינע זכרונות: „נאך פסח אין דעם יאר 1877, ווען דאס יידישע טעאטער האט נאר וואס איבערגעלעבט דעם ערשטן ווינטער אין בוקארעסט, איז איינמאל ביי א פראבע צו מיר צוגעקומען ישראל גראדנער און האט מיר איינגערוימט א סוד, אז ס'איז דא א מענטש, וואס האט א נייע פיעסע און וויל זי מיר געבן, אז איך זאל זי אויפפירן אויף דער בינע. ער האט מיר דעם מענטשן פארגעשטעלט און איך האב אים באשטימט א צייט ווען ער זאל קו־מען צו מיר אהיים די פיעסע פארצולעזן.

אויף דעם צווייטן טאג איז גראדנער ווירקלעך געקומען מיט דעם מענטשן, וועלכער האט מיר פארגעלעזן א דריי־אקטיק שטיק מיט דעם נאמען „דאס פוילישע יונגל". פון אנפאנגס האב איך גערעכנט,

אַז דאָס איז דאָס אומשטערבלעכע מייסטערווערק פון דעם באַקאַנטן סאַטיריקער יצחק־יואל ליניעצקי — נאָר ניין, דאָס איז געווען אַ מין נאַרישער וואָדעוויל אין 3 אַקטן, אַ מין אַרט ווי „שמענדריק”. איך וואָלט דאָס צו יענער צייט געווען אויפגעפירט, נאָר דער סוד, וואָס דער מחבר האָט מיר איבערגעגעבן, האָט מיר פאַרבאָטן דאָס שטיק אָנצונעמען.

דער מחבר פון דעם שטיק איז געווען אַ מיסיאָנער, און אַלס אַזעלכער באַקאַנט אין בוקאַרעסט. אויף מיין פראַגע פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט מיר דער מיסיאָנער־מחבר געענטפערט, און זיך פאַרענטפערט, אַז ס׳איז אים זייער שלעכט געווען און אַז ער מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך ערנערט מיט שאָלעכץ פון קאַרטאָפליעס, אַזוי ווייט איז אים שלעכט געווען. מער האָט ער נישט פאַרדינט ביים אַלטן רבש׳ע. און אַזוי ווי דער נייער גאָט האָט אים איבערגעקויפט מיט 90 פראַנק אַ חודש, האָט ער די שטעלע געמוזט אָננעמען. ווי ער האָט אַליין איינגעזען, האָב איך די פיעסע נישט געקאָנט אָננעמען צו שטעלן זי עפנטלעך אין דעם פרישן טעאַטער. דער עולם זאָל נישט זאָגן, אַז דאָס טעאַטער האָט זיך געשמדט.

און ווי ער האָט איינגעזען, אַז איך האָב אין דעם פאַל רעכט, דאָך איז דער מיסיאָנער אַרויסגעגאַנגען פון מיר ברוגז און האָט, ווי עס שיינט, מיר געשוואוירן ראַכע... ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און איז אַריינגעגאַנגען צו חנינאן אין שענק, האָט צוזאַמענגערופן אַ מנין בעלי־העגלות, האָט געהייסן געבן 3 „אָקעס” וויין און האָט זיך עפנטלעך מגייר געווען אויף אַ יידן. ער האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ דרשה אין וועלכער ער האָט זיי ערקלערט, אַזוי ווי אייער זיידע תרח האָט אויך געדינט צו פרעמדע אָפּגעטער און דאָך האָבן די יידן זיין זון אברהם אָנגענומען פאַר אַן ערלעכן יידן, בכן מעגן זיינע פראָדוקטן אויך זיין יידיש און מ׳האָט ניט וואָס מורא צו האָבן און נאָכ־צוטראַכטן. און צום צייכן, אַז זיינע ווערטער זיינען דברים היוצאים מן הלב, האָט ער זיך געהייסן רופן משה איש האָרוויץ הלוי...

הורוויץ האָט איינגערעדט דעם שענקער חנינאן, וואָס האָט גע־האַט אַ ליידיקן הויף, אַז ער זאָל דאָרט מאַכן אַ בינע, און ער, הור־וויץ, וועט אים יעדע נאַכט פון דער קאַסע צאָלן אַ גוטן פרייז און

דאָס וועט אים זיכער מער אַריינברענגען ווי זיין הויף וועט שטיין ליידיק. ער האָט אים אויך איינגערעדט, אַז ער וועט יעדע נאַכט פאַר־קויפן פיל ביר, ווייל ער וועט אַנאָנסירן אויף די פּלאַקאַטן, אַז יע־דער איינער, וואָס וועט קויפן אַ בילעט אין זיין טעאַטער, וועט מען אים גיבן אומזיסט אַ גלאָז ביר, און דערפאַר האָט ער פאַרלאַנגט, אַז דער שענקער חנינא זאָל אויסלייגן אַ געוויסע סומע געלט, וועלכע מען וועט באַדאַרפן פאַר אַנדערע אויסגאַבן. ער האָט אים אויך ערקלערט, אַז דער בלעכער, וואָס וועט מאַכן די לאָמפּן, וועט נעמען אַזויפיל אַ נאַכט, דאָס מאַלער־יונגל, וואָס וועט מאָלן די דעקאָראַציעס, וועט נעמען אַזויפיל אַ נאַכט. ער האָט יעדן ערקלערט מאַטעמאַטיש וואָס פאַרע גליק אים שטייט דאָ פאָר צו מאַכן, נאָר ער אַליין, האָט ער צוגעזאָגט, וועט גאָרנישט נעמען די ערשטע צייט. ער וועט פשוט אַרבעטן פאַר עולם הבא...״

ווי מיר זעען, האָט גאָלדפאַדען זיך זייער סאַרקאַסטיש באַצויגן צו זיין קאָנקורענט. אָבער דאָס איז נאָר געווען אין אָנהייב. שפּעטער האָט ער אָנגענומען קעגן אים אַנדערע, עכטע קאָנקורענץ ־ מיטלען.

לויט די אַנאָנסן אין דער יידישער פּרעסע אין רומעניע האָט הורוויץ אָנגעהויבן זיינע פאָרשטעלונגען דעם 24־טן אַפּריל 1877 אין בוקאַרעסט. דאָס פּלאַץ, וואו ער האָט געשפּילט, האָט ער אַ נאָמען גע־געבן „איזראַעליטישער נאַציאָנאַל־גאָרטן״ און די טרופּע האָט ער גע־רופן „איזראַעליטישע דראַמאַטישע געזעלשאַפט״. לויט די זעלבע אַנאָנסן איז אויך צו זען, אַז הורוויץ האָט נישט אָנגעהויבן מיט דער פּיעסע „דאָס פּוילישע יונגל״ מיט וועלכער ער איז געקומען צו גאָלד־פאַדענען, נאָר מיט דער מעלאָדראַמע „דער טיראַנישער באַנקיר״. באַלד דערויף האָט ער געשפּילט אַן איינאַקטער „דעם זייגערמאַכערס קאַפּעליטש״, וואָס איז מסתמא אויך געווען אַן איבערזעצונג, ווייל גאָלדפאַדען האָט זי אויך געשפּילט, און די דריי אַקטיקע קאָמעדיע „די געפּערלעכע נאַכבאַרשאַפט״.

הורוויצעס קאָנקורענץ צו גאָלדפאַדענען האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן: די ערשטע צייט איז דאָס געשעפט אַוועק גאָרנישט שלעכט. דאָס גלאָז ביר, וואָס יעדער האָט געהאַט אַ רעכט צו טרינקען פאַר זיין בילעט, וואָס ער האָט געקויפט, האָט טאַקע אָנגעלאָקט זייער

פיל פון דעם פראָסטן עולם, אָבער דאָס אַלץ האָט נאָר געדויערט אַ קורץ שטיקל צייט, ווייל דער עולם, וועלכער איז געווען אַזוי באַגייסטערט פאַר גאָלדפאַדענס נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין זיינע פיעסעס, האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט צופרידנשטעלן מיט הורוויצעס גוישע פיעסעס. דער עולם האָט אויך געצויגן צו גאָלדפאַדענען, ווייל דאָרט זענען דאָך געווען די באַוואוסטע אַקטיאָרן ישראל גראַדנער, שכר גאָלדשטיין און זעליג מאָגולעסקאָ, וועלכע זענען שוין געווען געגוג באַליבט ביים עולם, און הורוויץ האָט זיך דעריבער באַלד געמוזט צוריקציען פון זיין אונטערנעמונג און איבערלאָזן זיין טרופּע און אירע אונטערנעמער, אַז זיי זאָלן אַליין פירן זייערע געשעפטן.

ב. גאָרין, וועלכער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו ריידן מיט אַקטיאָרן, עדות פון יענער עפּאָכע, דערציילט, אַז גאָלדפאַדען איז פון הורוויצן פּטור געוואָרן גאָר אויף אַן אַנדער אופן: „גאָלדפאַדענען איז נישט געפעלן געווען צו האָבן אַ קאָנקורענט ביי דער זייט און כדי פּטור צו ווערן פון אים, האָט ער געשיקט נאָך אבא שיינגאָלד, וועלכער איז געווען די הויפּט־קראַפט פון הורוויצעס טרופּע, און האָט אים אַריינגענומען צו זיך. אָן אבא שיינגאָלד האָט די טרופּע זיך נישט געקאָנט האַלטן און זי איז גלייך צעפאַלן געוואָרן. אָבער דאָס האָט הורוויצן נישט געמאַכט פאַר אוים דירעקטאָר. ער האָט שוין דעם טעם פון טעאַטער פאַרזוכט און ער האָט שוין געוואוסט מיט וואָס מען עסט דאָס. אין בוקאַרעסט איז פאַר אים בעת מעשה קיין פּלאַץ נישט געבליבן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער די אַנדערע רומענישע שטעט. אויף דער פּראָווינץ האָט ער זיך געטראָפן מיט גראַדנערן, און אַזוי ווי איצט זענען זיי ביידע געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שנאה צו גאָלדפאַדענען, האָבן זיי צוזאַמען געשלאָסן איין קאָמפּאַניע און אַוועקגעלאָזט זיך צוריק קיין בוקאַרעסט צו לערנען מיט אים בלק. די טרופּע האָט איצט געטראָגן דעם דאָפּלטן נאָמען פון גראַדנער און הורוויץ, און דער לעצטער האָט אויך פאַרנומען אַ פּלאַץ אַלס שוישפּילער. צוזאַמען מיט זיי איז אויך געקומען פּייוועלע פרידמאַן, אָבער הורוויץ און גראַדנער האָבן נישט געקאָנט הויזן צוזאַמען. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז קיין גלענצנדע געשעפטן האָבן זיי

ניש געמאַכט, און דערצו נאָך האָט זייער פיל צו זאָגן וואָס יעדער פון זיי האָט זיך געדעכנט פאַר דאָס אויבערשטע פון שטייסל, און זיי האָבן זיך נישט נאָר געריסן, נאָר עס פלעגט אָפט קומען ביי זיי צו אַ געשלעג. די געשלעגן זענען געווען אַזוי אָפט, אַז עס איז געוואָרן אַ ווערטל „ווען מען זעט צוויי צילינדערס וואַלגערן זיך אין גאַס, זאָל מען וויסן, אַז זיי זענען גראַדנערס און הורוויצעס". דאָס האָט לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן און זיי האָבן זיך צעטיילט.

גאָלדפאַדען איז אַלזאָ פּטור געוואָרן אין בוקארעסט די קאָנקו־רענץ פון הורוויצן, אָבער רואיק איז ביי אים נישט געווען: עס האָבן זיך אָנגעהויבן סכסוכים מיט די אַקטיאָרן, און קוים האָבן זיך אָנגע־הויבן אַזעלכע סכסוכים, איז עס נישט געווען קיין לייכטע זאַך זיי איינצושטעלן. די ערשטע גאָלדפאַדענישע אַקטיאָרן: גראַדנער, גאָלד־שטיין, מאָגולעסקאָ און שיינגאָלד האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון זיך. זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי זענען דער עיקר פון דעם טעאַטער. גאָלדפאַדען האָט אָבער געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג וועגן זיין טעַ־אַטער. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט, ווי אַ ליבהאָבער פון קונסט, געהאַט הנאה פון די קינסטלערישע טאַלאַנטן פון זיינע ער־שטע אַקטיאָרן, האָט ער אָבער געהאַט די אמונה אין זיך, אַז דער גאַנ־צער דערפאָלג איז ער; דורך זיינע פּיעסעס, דורך זיין שאַפן די טיפּן פאַר די אַקטיאָרן און דורך זיין איינשטודירן מיט זיי די ראָלן. דאָס כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן זיין ווענדונג אַמאָל אין אַ נויט צו זיין סעקרעטאַר יצחק ליבערעסקאָ, אַז אויב ער וויל, וועט ער, גאָלדפאַדען, אָנשרייבן פאַר אים אַ ראָל, וועט מען אים, ליבערעסקאָן, האַלטן פאַרן גרעסטן אַקטיאָר. דעריבער האָט זיך גאָלדפאַדען נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן ווען אַן אַקטיאָר פלעגט פון אים אַוועקגיין.

די סכסוכים אין דער טרופּע האָבן געפירט דערצו, אַז גאָלדפאַ־דען האָט באַזייטיקט אַלע אַקטיאָרן, אַ חוץ צוקערמאַנען און דריי פרויען און ער האָט פאַר זיי אָנגעשריבן אַ פאַרס „איקס, מיקס, דריקס". באַלד קערט ווידער צוריק צו דער טרופּע דער אַקטיאָר אבא שיינגאָלד און מיטן ניי־צוגעקומענעם אַקטיאָר משה טייך־גאַזניק (ווייל ער פלעגט אַרומגיין פאַרקויפן נאַפט, וואָס מען רופט אויך „גאַז"), פירט גאָלדפאַדען אויף זיין נייע פּיעסע.

שפּעטער אַביסל שרייבט גאָלדפאַדען אין זיינע זכרונות: „דאָס גאַנצע געכאַפּטע אומלאָגישע נויט־שטיק איז עד היום ביי מיר נישט אויפגעשריבן; די שטיקלעך ראָלן האָב איך איינגעשטודירט אויסנ־ווייניק מיט יעדן, נאָר דער הויזירער [פּעדלער] טיך האָב איך זיין שטיקל ראָל געמוזט אויפשרייבן ער זאָל גוט אויסלערנען אויסנווייניק, ווייל ער איז געווען טויב".

ביזן סוף פון זומער־סעזאָן 1877 האָט זיך גאָלדפאַדען באַגנוגנט מיטן אַלטן רעפּערטואַר, בלויז וואָס ער האָט אויך אויפגעפירט אין זיין איבערזעצונג די פּיעסע „דער פּערקויפטער שלאָף, אָדער, באַנקיר טיראַן", וואָס איז וואַרשיינלעך דיזעלבע פּיעסע, וועלכע הורוויץ האָט אין זיין אייגענער איבערזעצונג נאָך פריער אויפגעפירט אונטערן נאָ־מען „דער טיראַנישער באַנקיר".

אָבער כדי נישט צו פאַרענדיקן פּרי די פאָרשטעלונגען, וועלכע דער עולם האָט אַזוי גערן באַזוכט און ממש נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס טעאַטער, האָט גאָלדפאַדען איינגעפירט אַ נייעם מנהג, וואָס האָט שפּעטען יאָרן־לאַנג אָנגעהאַלטן אין יידישן טעאַטער. נאָכן סוף פון יעדער פאָרשטעלונג האָט גאָלדפאַדען איינגעפירט אַ דיוועטיסמענט פון קופּלעטן און דעקלאַמאַציעס, און די ערשטע צייט פלעגט ער טאַקע אַליין זיין דער אויספירער פון דיווערטיסמענט. צוליב דעם האָט ער געמוזט יעדן צווייטן טאָג אָנשרייבן אַ נייעם קופּלעט. ער האָט עס אָבער נישט גערן געטאָן.

אָט ווי ער דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וועגן זיין דע־קלאַמירן און פאַרוואָס ער איז נישט געוואָרן קיין אַקטיאָר: „מיר איז אָבער דאָס ערשיינען אַליין אויף דער בינע געווען איבער דער טבע. איבערהויפּט, אַז עס פלעגן זיך מאַכן אויסערגעוויינלעכע פעלע, וואָס איך האָב אַליין געמוזט אַרויף אויף דער בינע פאַרטרעטן אַ ראָל פון אַן אַקטיאָר, וואָס פלעגט ביינאַכט נישט קומען צו דער פאָר־שטעלונג, אָדער צו באַלעבן די איבעריקע אַקטיאָרן און וויזן זיי די שטעלונגען מיט דער פרייער באַוועגונג אויף דער בינע. דער וואָס באַזיצט נישט די נאַטור זיך צו קאָנען מאַסקירן, איז נישט אומ־שטאַנד זיך צו ווידמען צו דעם פאַך. איך מיין נישט מיט דעם צו פּרובן מיינע אייגנשאַפטן. איך ערקלער מיר נאָר מיט דעם מיין אומ־

פעאיקייט און טאלאנטלאזיקייט, וואס האט מיר נישט באוואויגן צו באטרעטן די ברעטער פון מיין אייגענער בינע אלס שוישפילער. דאקעגן, איבערצוגעבן יענעם די רעגלען פון דער דראמע און קונסט, יענעם לערנען די מימיק ווי אויך די מאדולאציאנען, דערצו האב איך מיך געפונען מער אלס פעאיק. איך פלעג נאר ערשיינען אויף אלגעמיינעם פארלאנג אלס דער רעציטאטאר, אדער אין א הומאריסטישסאטירישן שאנסאנעט [ליד] צו דעקלאמירן אונטער דער מעלאדיע, וואס דאס פידעלע פלעגט צוהאלטן. איך בין געשטאנען אויף דער בינע און האב אראפגערעדט פריינטלעך און געשפאסט מיט דעם פובליקום ווי צוויי גוטע ברידער, נישט געצוואונגען, פריי.

נאר אפילו דעם אומשולדיקן אונטערהאלט האט אויך מיין כאראקטער לאנג נישט געקאנט אויסהאלטן. וואס מער דאס טעאטער געשעפט האט מיך אלס אויטאר פארפלאנטערט און פארוויקלט אין זיינע געשעפטן אלס אדמיניסטראטאר, רעזשיסאר און מימיק־לערער, מער האב איך געהאט ערגערניסע און קרענקונג, אזוי, אז ס'האט זיך פיל מאל געמאכט ווען איך האב מיך געערגערט און געשריגן הינטער די קוליסן און האב מיך געבייזערט איבער געוויסע אומארדענונגען, אין דעם מאמענט האט פלוצים דאס פובליקום מיך ארויסגערופן אים זינגען א פריילעכן, לוסטיקן שאנסאנעט. פארשטייט זיך, אז אנשטאט צו ערשיינען פארן פובליקום מיט א פריילעך געמיט, מיט א פריינטלעכער מינע, מיט א ליבעס שמייכל אויפן פנים, בין איך ארוים פלוצים מיט אן ערנסטע מינע, מיט א בייז פארדראסן פנים און אפגעמארקעט דעם שאנסאנעט ווי מיר איז געווען אויפן הארצן, אז ס'האט נישט געהאט קיין טעם און קיין ריח. דאס האב איך געפילט אין מיר און דאס דערשיינען פארן פובליקום איז מיר געווארן צו ווידער".

מיר האבן דא, אלזא, פאר זיך דעם שליסל צו גאלדפאדענס אקטיארישער נשמה. ער האט פשוט נישט געקאנט זיך פארגעסן, ארויסטאן זיך פון זיין פערזענלעכן לעבן און דערפאר איז ער נישט געווארן קיין אקטיאר אין זיין אייגן טעאטער, כאטש פון צייט צו צייט פלעגט ער יא שפילן א ראל.

דעם 30 סעפטעמבער 1877 טראגט איבער גאלדפאדען זיין טרו־

פע אין פּאַמול ווערדע, וואו דער אייגנטימער לאָזט אויסברעכן אַ וואַנד און מאַכט אַ ספּעציעלע בינע. דאָ האָט גאָלדפאַדען אויפגעפירט אַ גאַנצע ריי אַלטע און נייע סקעטשעס. די געשעפטן זענען געווען אויסגעצייכנטע. אַ בילעט, וואָס האָט פריער געקאָסט 1 פראַנק, איז איצט געהעכערט געוואָרן אויף 4 ביז 6 און דערנאָך אפילו ביז 20 פראַנק.

דער דערפאָלג פון גאָלדפאַדענס טעאַטער איז אַזוי גרויס, אַז ס'דערשיינט אַפילו אַ ספּעציעל ביכל אין יידיש וועגן דעם טעאַטער. אין דעם ביכל מיטן העברעאישן נאָמען „במת ישחק או גיא ־חזיון" פון ג. אַבראַמסקי ווערט אָנגעוויזן אויף די גוטע און שלעכטע מאָמענטן אין שפּילן, אויף די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון די פּיעסעס און עס ווערט דערציילט וועגן דער באַגייסטערונג, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דעם יידישן טעאַטער אין רומעניע.

אַ רוסישער זשורנאַליסט, וועלכער האָט בייגעוואוינט אַ פאָרשטעלונג, שרייבט אין זיין בוך, אַז דער זאַל איז אַלע מאָל פול געפּאַקט. עס ווערן געגעבן 4 פאָרשטעלונגען אַ וואָך און עס איז נאָך ווייניק, וואָס קיינמאָל, באַזונדערס שבת און זונטאָג, זענען נישטאָ קיין פרייע פּלעצער, נאָר צענדליקער און אַמאָל אויך הונדערטער פאַרשפּעטיקטע טרעפן ניט קיין פּלאַץ אין טעאַטער און גייען צוריק מיט אומצופרידנקייט.

דער מלחמה־אויסבראָך, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ קללה פאַרן טעאַטער, ווערט גאָר אַ ברכה. „די שפע איז געווען גרויס אין יידישן טעאַטער אין דער דאָזיקער צייט — שרייבט ב. גאָרין — די גרעסטע שפע איז געווען אין גאָלדפאַדענס טעאַטער אין בוקאַרעסט (גראַדנער האָט דאַמאָלט, ווי מיר ווייסן, געשפּילט מיט אַ טרופּע אין יאַסי), און דער דירעקטאָר און די אַקטיאָרן האָבן זיך ממש געבאָדן אין כל טוב. און דערצו איז אפילו נישט געווען נויטיק, אַז די אַקטיאָרן זאָלן קריגן גרויסע שכירות. אַזוי גיך ווי אַ פאָרשטעלונג אין טעאַטער האָט זיך געענדיקט, האָבן שוין פּאָדריאַטשיקעס געוואַרט אויף זיי און געפירט זיי אין די רייכסטע רעסטאָראַנען, וואו מען האָט געגעסן, געטרונקען און געהוליעט ביז גרויסן טאָג. אַזוי איז געווען נאַכט איין נאַכט אויס און די טייערסטע ווייגען האָבן זיך געגאָסן ווי וואַסער... און די שפע איז נישט נאָר געווען אין בוקאַרעסט: אין יע־

דער היפּשער שטאָט, וואוהין גאָלדפאַדען איז שפּעטער געקומען גאַסטראָלירן מיט זיין טרופּע, איז דאָס טעאַטער געווען געפּאַקט. אין גאַלאַץ האָבן זיך צוויי אונטערנעמער ארויסגערופן צו בויען אַ טעאַטער ספּעציעל פאַר גאָלדפאַדענען. דאָס איז שוין געווען אין די לעצטע חדשים פון דער קריג".

אויך גאָלדפאַדען באַשטעטיקט דידאַזיקע לאַגע: „מיין ביסל אַקטיאָרן זענען אויך אויפגעלעבט געוואָרן. צו טאָן האָבן זיי געהאַט זייער ווייניק. קיין נייע שטיק האָט מען נישט אויפגעפירט. אַלעמאָל די אַלטע פּיעסן, וואָס זיי האָבן שוין געשפּילט צו 30-20 מאָל. פאַר גרויס וואוילטאָג האָבן זיי זיך גענומען לייִדנשאַפטלעך צו טרינקען דעם גוטן רומעניש ן וויין. אָבער די איבערגעאיילטע קאָנדיציאָנען, וואָס איך האָב געמאַכט מיט דעם שניידער, דעם באַזיצער פון סאַלאָן, האָט געלויטעט, אַז ער נעמט פאַרן סאַלאָן מיט באַלייכטונג 40 פּראָצענט ברוטאָ פון דער איינגאַמע, ווערנד פון מיינע 60 פּראָצענט האָט געמוזט אַראָפּגיין די וויכטיקסטע רעזשי-שפּעזן. מיינע אַקטיאָרן, אום זיי זאָלן מער חשק האָבן צו דער אַרבעט, און אום איך זאָל דערוואַרעמען דעם חשק פון פּריוואַטע מענטשן זיי זאָלן זיך ווידמענען צו דעם פאַך, האָב איך געגעבן אומגלויבלעכע גאַזשען. צוקערמאַן, מיין קאָמיקער, האָט אַליין גענומען אַ נאַכט אַכציק פראַנק. יעדע נייע דעקאָראַציאָן אָדער נייער קאָסטיום האָט מיך געקאָסט דריי מאָל אַזויפיל לויט דעם ווערט, אַבי עס זאָל זיין אַלץ וואָס איך האָב באַדאַרפט צום נייעם שטיק. איך וואָלט מיך אפשר געוועזן צוגעהערט צו דעם מאַטעריעלן געשעפט צו קלייבן קאַפּיטאַל, ווען איך זאָל זיין דאַמאָלט אויף דער ערד, נישט אין הימל... איך בין מיינסטנס געווען פאַרטראָגן מיט מיין שאַפן, שרייבן און לערנען און האָב ערשט שפּעטער זיך ארומגעקוקט ווי מען האָט מיר צעפּלאַכטן די קאַסע, ווען איך האָב נאָר געמאַכט פאַר קאַסירער, געשעפטס-פירער, אָדער קאָנטראָלער, האָט זיך מיט מיר אָפּגערעכנט ווי מיט אַ טאַטן".

גאָלדפאַדען באַשליסט זיך מער אָפּצוגעבן צו דער געשעפטלעכער זייט פון זיין טעאַטער, און צוציען אַנדערע שרייבער, וואָס זאָלן פאַרזאָרגן זיין טעאַטער מיט דעם נויטיקן רעפּערטואַר.

די רוסיש-טערקישע מלחמה האָט געבראַכט קיין בוקאַרעשט פיל

יידישע שרייבער פון רוסלאַנד, ווי גאָטלאָבער, דעם רוסיש־יידישן שרייבער י. י. לערנער, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַן אייגנאַר־טיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער, גאָלדפאַדען באַשליסט זיי צוציען צו זיין טעאַטער, אָבער זיי האָבן נישט קיין אינטערעס דערפאַר. זיי זענען געקומען אויסנוצן די אומנאָרמאַלע לאַגע וואָס די מלחמה האָט אַרויסגערופן, זיי זענען געקומען ספּעקו־לירן און שנעל רייך ווערן, און אַ יידישער שרייבער קאָן פון יידישן טעאַטער קיין עשירות נישט מאַכן.

„וויפל איך האָב זיי געבעטן — שרייבט גאָלדפאַדען אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — זיי זאָלן אַלס מענטשן, וואָס האַלטן אַ פעדער, פון מיינעטוועגן אָנשרייבן אַ טעאַטער־שטיק, איך וועל זיי גוט באַ־צאָלן, זיי האָבן מיך אָבער נישט געהערט. אַ. ב. גאָטלאָבער האָט גע־נוג געלד איבערגענומען ביי די פּאָדריאַטשיקעס פאַר זיינע ביכער. ליניעצקי האָט געהאַט אַ פּאָדריאַד צוצושטעלן פעסער צו האַלטן זווי־ער־קרויט פאַר דער אַרמעע און האָט פאַרדינט טויזנטער. לערנער האָט איבערגענומען ביי די פּאָדריאַטשיקעס גענוג לאַ יחרץ־געלט, ער זאָל נישט דאָנאָסירן (מסרן) דער רעגירונג די געהיימניסע פונם שווינדל פון די אונטערנעמער. שייקעוויטש (שמר) , דעם פּאָפּולערן ראָמאַנען־שרייבער, דעם יידישן אייזשען סי, האָט זיך נאָך דאַמאָלט נישט געחלומט, אַז ער וועט שרייבן ראָמאַנען אָדער [די סוזשעטן] פון די ראָמאַנען איבעראַרבעטן אין פּיעסן. ער האָט דאַמאָלט צוגע־שטעלט דער אַרמעע היי און האָבער פאַר די פערד. הכלל די גאַנצע אַרבעט איז געפאַלן אויף מר. איך האָב אָנגעדרייט די אַדמיניסטראַ־טיווע געשעפטס־מאַשין, די רעדלעך זאָלן זיך שוין אַליין דרייען אונטן ביי דער קאַסע און איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויבן אין מיין צי־מער צום שרייב־טיש און האָב מיך גענומען צו דער פעדער און צום אַנגאַזשירן און אויסאַרבעטן פרישע קרעפטע פאַר דער בינע”.

אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס גאָלדפאַדען האָט געוואָלט צוציען צו זיין טעאַטער אַלס שרייבער די מחברים פון רוסלאַנד, האָט ער דורכאויס געוואָלט אונטערדריקן און פולשטענדיק באַזייטיקן די, וועלכע האָבן אין רומעניע גופא אָנגעהויבן שרייבן פאַר דער יידישער בינע, אַ פּנים, ווייל ער האָט זיי נישט געהאַלטן פאַר קיין שרייבער.

מיר האָבן שוין פריער געזען זיין באַציאונג צו הורוויצן און ווי ער האָט אפילו צעשטערט זיין טרופּע. ענלעכעס וועט אונז שפּעטער אויס־קומען צו הערן וועגן גאָלדפאַדענס באַציאונג צו לאַטיינערן.

דערווייל אָבער דערפילט גאָלדפאַדען ביידע הויפּט־פונקציעס אין טרופּע. ער איז מחבר און אַדמיניסטראַטיווער אָנפירער, נאָר באַלד איבערצייגט ער זיך, אַז ער מוז האָבן פאַר זיין טעאַטער אַ ספּעציעלן געשעפטס־פירער: אין לאַזארעס זאָל קומט אָן גראָדנער מיט זיין טרו־פּע און פּרובט קאָנקורירן מיט גאָלדפאַדענען טאַקע אין זיינע, גאָלד־פאַדענס פּיעסעס. גאָלדפאַדען פאַרוואַרט דער טרופּע געריכטלעך צו שפּילן זיין רעפּערטואַר. גראָדנערס טרופּע פּלאַצט און זיינע צוויי הויפּט־כוחות: ראָזע פרידמאַן און משה פינקל גייען איבער צו גאָלדפאַדענען. איצט דערמאָנט זיך גאָלדפאַדען אָן יצחק ליבערעסקאָן, וועלכער האָט אים אַזוי מקרב געווען אין יאַסי און ביי וועמען אין שטוב עס איז אויסגעוועבט געוואָרן דער פּלאַן וועגן יידישן טעאַטער. ער רופט אים אַרויס צו זיך אין בוקאַרעסט, און ליבערעסקאָ ווערט דער פאַרוואַלטער פון דער טרופּע, וועלכע הייבט אָן גאַסטראָלירן צו־ערשט אין גאַלאַץ און דערנאָך אין בראַאילאַ.

דורך דער צייט פון די גאַסטראָלן אין פּראָווינץ, איז דערווייל פּאַרטיק געוואָרן אין בוקאַרעסט דאָס טעאַטער זשיגניצאַ, איינגע־אָרדענט זייער עלעגאַנט, אָבער דער אַלטער רעפּערטואַר איז אין בו־קאַרעסט שוין אָפּגעשפּילט. מען מוז האָבן נייע פּיעסעס און גאָלד־פאַדען שרייבט אָן פינף נייע פּיעסעס.

נאָך אין בוקאַרעסט האָט גאָלדפאַדען, צערײידנדיק זיך מיט ראָזע פרידמאַן וועגן איר פּריוואַט לעבן, צוגעטראַכט אַן אידעע פון אַ פּיעסע. ער אַדאַפּטירט אָפּענבאַכס אָפּערעטע „בלויבאַרד" און באַ־אַרבעט זי אַלס קאָמעדיע „ברײנדעלע קאָזאַק" מיט ראָזע פרידמאַן אין דער טיטל־ראָל. די פּיעסע האָט זיך שפּעטער יאָרן־לאַנג געהאַלטן אין יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר.

אַ צווייטע פּיעסע, וועלכע גאָלדפאַדען האָט דאַמאָלט אָנגעשריבן — די כשוף־מאַכערין" איז געווען נאָך אַ גרעסערער דערפאָלג. די פּיעסע איז אונטער אייניקע נעמען ווי „די צויבערין", „קאָלדוניאַ" און „די באָבע יאַכנע" געשפּילט געוואָרן סיי דורכן אַלטן יידישן טעאַטער,

סיי שפּעטער דורך די יידישע קונסט־טעאַטערס פון מאָסקווע און פון מאָריס שוואַרץ.

און עס איז זייער אינטערעסאַנט ווי אַזוי גאָלדפאַדען פלעגט שרייבן זיינע פּיעסעס און צופּאַסן ראָלן פאַר זיינע אַקטיאָרן. ליב־רעסקאָ דערציילט וועגן דעם: „גאָלדפאַדען פלעגט גאַנץ אָפט אין מיטן נאַכט זיך אויפכאַפּן, ווייל עס איז אים איינגעפאַלן עפּעס אַ ליד, אַן איינפאַל, אַ וויץ אָדער אַ סצענע, פלעגט ער תיכף אַראָפּשפּרינגען פון בעט און עס פאַרשרייבן. איינמאָל האָב איך געטראָפן ביי אים פאַרשריבן אַ ליד מיט קרייד אויף דער ערד. גאָלדפאַדען פלעגט האָבן אַ טבע אָנצושרייבן די הויפּט־ראָלן פון זיינע פּיעסן צוגעפּאַסט צו זיינע אַקטיאָרן, ער האָט אויסגעצייכנט אויסשטודירט דעם כאַראַקטער פון זיינע הויפּט־אַקטיאָרן און נאָכדעם אָנגעשריבן אַ גרויסע ראָל, וועלכע האָט געהאַט אין זיך די זעלבע אייגנשאַפטן, וואָס דער אַקטיאָר, וואָס האָט זי געדאַרפט שפּילן, און ממילא איז דער אַקטיאָר געווען אויסגעצייכנט אין דער ראָל. אַזוי האָט ער געמאַכט „שמענדעריק”פאַר מאָגולעסקאָן און אַזוי „בריינדעלע קאָזאַק” פאַר דער אַקטעריסע ראָזע פרידמאַן. זי איז געווען אַזוי גלענצענדיק אין דער ראָל, אַז מען האָט גאָר פאַרגעסן ווי זי הייסט, און אומעטום האָט מען זי גערופן „בריינדעלע קאָזאַק”.

אויך גאָלדפאַדען באַשטעטיקט דאָסזעלבע: „ווי אַזוי איך האָב פון צוקערמאַנען געמאַכט אַ באַרימטן יידישן קאָמיקער, איז געווען גאַנץ איינפאַך: איך האָב מיך באַשטרעבט אין זיין ראָלע אַריינצוגעבן אַ גרעסערע פּאָרציאָן וויץ אינם וואָרט און מער קאָמיזם אין דער טעטיקייט. דערצו דער קאָמישער גרים און אַנצוג. איך האָב דאָס אַזוי געמאַכט, אַז דאָס ווערטע פּובליקום האָט אַבסאָלוט נישט געקאָנט מערקען, אַז אין דער גאַנצער באַוועגונג שטעקט אַן אויטאָמאַטישע פיגור”.

אַ דריטע פּיעסע, וועלכע גאָלדפאַדען האָט דאַמאָלט אָנגעשריבן, איז „דער פאָדריאַטשיק, אָדער, רוסיש־טערקישער קריג”. די פּיעסע איז, קענטיק, לכתחילה געווען געשריבן מיט דער כונה אויסצולאַכן די בוקאַרעסטער סביבה פון די פאָדריאַטשיקעס, אָבער ווען די זעלבע פּיעסע איז אין יאַנואַר 1880 אויפגעפירט געוואָרן אין אָדעס אונ־

טערן נאָמען „דער אָנדענק פון פּלעוונע” איז זי אַזוי איבערגעאַרבעט געוואָרן, אַז זי זאָל נישט פאַרשאַפן קיין אומאַנגענעמלעכקייטן די אָרטיקע פּאַדריאַטשיקעס.

צו יענעם פּעריאָד פון גאָלדפאַדענס דראַמאַטורגישער טעטיקייט געהערן אויך די פּיעסעס „טודרוס בלאָז, אָדער, דער ליגנער”, וואָס די אַקטיאָרן פלעגן רופן „טודרוס דוי”, און זיין קאָמעדיע „ניע בע, ניע מע, ניע קוקעריקו, אָדער, קאַמף צווישן בילדונג און פאַנאַטיזם”.ביידע פּיעסעס זענען אַ לאַנגע צייט געשפּילט געוואָרן אויף אַלע יידי־שע בינעס, אָבער זיי זענען שוין זייט יאָרן אַוועק אין אַרכיוו.

דאָך, אין דער זעלבער צייט, וואָס גאָלדפאַדען האָט געמוזט אַליין שרייבן אַזויפיל פּיעסעס, האָט ער זיך נישט געוואָלט באַנוצן מיטן נייעם פּיעסעס־שרייבער יאָזעף לאַטיינער און האָט אויך אונ־טערדריקט זיין טאַלאַנט.

לאַטיינער האָט שוין דערווייל געהאַט אָנגעשריבן נאָך איניקע פּיעסעס ווי „יענטע פּיפּערנאָטער”, מיט וועלכער מאַגולעסקאָ האָט זיך זייער באַליבט געמאַכט, און די אָפּערעטע „די ליבע פון ירושלים”, אַ שוועסטער־אָפּערעטע צו גאָלדפאַדענס באַרימטער „שולמית”. לאַ־טיינער האָט אָנגעפירט מיט אַ צווייטער טרופּע, אָבער ער האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ צו גאָלדפאַדענען און ער האָט זייער געשטרעבט, פאַרן פּרייז פון זיין זעלבסטשטענדיקייט, אַריינצוטרעטן צו גאָלד־פאַדענען.

גאָלדפאַדען האָט דידאַזיקע שטרעבונג אויסגענוצט און פּשוט פאַרראַטן לאַטיינערן. ליבערעסקאָ דערציילט וועגן דעם: „אַזוי ווי די הויפּט־ראָל האָט דאַמאָלט געשפּילט אין דער טרופּע דער מחבר, איז געווען קלאָר, אַז אויב מען וועט ביי דער טרופּע צונעמען איר מחבר. וועט זי זיך לאַנג נישט האַלטן, און גאָלדפאַדען האָט זיך טאַקע גע־ווענדעט צו מיר, אַז איך זאָל זעען לאַטיינערן אַריבערצונעמען צו אונז. איך בין אַוועק צו לאַטיינערן און כ'האָב מיט אים איינגע־טענהט, אַז ער וועט זיין ביי אונז סופלער און באַקומען אַ גוט גע־האַלט. לאַטיינער האָט זיך געטראַכט, אַז ס'איז באמת אַ גוטער שדוך, וואָרום מסתמא וועט גאָלדפאַדען שפּילן זיינע פּיעסעס אויך, האָט ער מיך געפאָלגט. ער האָט אַרויסגענומען אַלע זיינע פּיעסעס און אויפן

קעסטל אין וועלכן זיי זענען געווייגלעך געלעגן, האָט ער אַרויפגע־
שטעלט אַ ליכט. קיינעם פון דער טרופּע איז נישט איינגעפאַלן, אַז
ער האָט די פּיעסעס אַרויסגענומען, אָבער אין דער אמתן האָט דאָס
ליכט באַדייט, אַז ער איז געשטאָרבן פאַר דער טרופּע און ער שטעלט
דעריבער אַ ליכט ווי ביי אַ מת. לאַטיינער צוזאַמען מיט מיר זענען
דאָן אַוועקגעפאָרן קיין זשורזשאַוואַ ביי דער בולגאַרישער גרענעץ,
און עס איז טאַקע אַזוי געווען ווי גאָלדפאַדען האָט גערעכנט: די טרו־
פּע איז זיך צעפאַלן און זיי זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן. ערשט דאַ־
מאָלט בין איך מיט לאַטיינערן צוריקגעקומען. לאַטיינער איז אָבער
באַלד געוואָרן אומצופרידן. ער האָט געמיינט, אַז גאָלדפאַדען וועט
שפּילן זיינע פּיעסעס, אָבער גאָלדפאַדען האָט נישט געוואָלט שפּילן
לאַטיינערס קיין פּיעסע, איז לאַטיינער אַרומגעגאַנגען מיט אַ לאַנגער
נאָז, און ווען איך בין גראָד צו דער צייט אַרויס פון גאָלדפאַדענס
טרופּע, איז ער אויך אַרויס און צוריק אַריין אין זיין טרופּע, וואָס
האָט זיך באַלד ווידער צונויפגעשטעלט".

גאָלדפאַדען האָט בכלל געלאָזט זייער שטאַרק פילן ווי נישט אָפּ־
הענגיק ער איז פון זיינע אַקטיאָרן און ווי ער קוקט אויף זיי פון אויבן
אַראָפּ. שוין אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען ער איז געשטעלט געוואָרן אין
אַ זייט פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך דאַמאָלט
זייער שטאַרק פונאַנדערגעבליט, האָט ער זיך אַזוי אויסגעדריקט פאַר
לעאָן קאָברינען וועגן יידישן טעאַטער: „ווייסט איר וואָס זיי וואָלטן
געווען אָן מיר? אַלפאָנסן (פּרויען - הענדלער) און קאַרמאַנטשיקעס
(גנבים) וואָלטן אַ סך פון זיי פאַרבליבן ווען נישט איך! איר ווייסט
די געשיכטע פון יידישן טעאַטער? איך וועל אייך דערציילן. אַלפאָנסן
און אַנדערע וואוילע יונגען זענען געגאַנגען פון די שענקען און קאַ־
באַקן צו זייערע מיידן, האָט איך זיי אָפּגעשטעלט אויפן וועג און גע־
זאָגט: קינדער, וואַרפט אַוועק אייערע מיידן, און אייער הולטייסטוואָ,
און קומט, מיר וועלן שפּילן יידיש טעאַטער". און אַזוי איז באַשאַפן
געוואָרן דאָס יידישע טעאַטער".

עס איז נישט קיין ספק, אַז גאָלדפאַדען טרייבט שטאַרק איבער
מיט דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק פון זיינע ערשטע אַקטיאָרן. ער
וואָלט געהאַט רעכט זיך צו באַקלאָגן אויף זייער אומוויסנהייט, אויף

זייער נידריקן אָפּשטאַם, אָבער דאָס וואַרפן שמוץ אויף זייער מאָראַל — קאָן נאָר פאַרענטפערט ווערן מיט זיין שטענדיקער שנאה צוליב זייער נקמה־שטעלונג צו אים.

דעריבער איז קיין וואונדער נישט, אַז די אַקטיאָרן האָבן זיך צו אים באַצויגן נישט מיט ליבע, נאָר מיט מורא. גאָלדפאַדענס פרוי האָט באַמערקט די דאָזיקע באַציאונג און איינמאָל האָט זי געזאָגט צו איר מאַן אין ליבערעסקאָס קעגנוואַרט, אַז די אַקטיאָרן האָבן ליב־רעסקאָן ליבער פאַר אים און ליבערעסקאָ קאָן נאָך אַמאָל אַרויסטרייבן גאָלדפאַדענען פון דער טרופּע. די אַקטיאָרן האָבן זיך אָבער געפילט הילפלאָז אָן גאָלדפאַדענען און האָבן מורא געהאַט, אַז אָן זיינע פּיעסעס וועלן זיי נישט האָבן קיין פּרנסה.

ליבערעסקאָ דערציילט, אַז גאָלדפאַדענס פרוי האָט דאָס פאַר־שטאַנען און איינמאָל האָט זי גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט:

— נאָך אַ נס, וואָס גאָלדפאַדען שרייבט פּיעסעס, ווען נישט וואָלט מען אים אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן.

דערווייל האָט זיך געענדיקט די רוסיש־טערקישע מלחמה און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערע צייט פאַרן יידישן טעאַטער אין רומעניע. עס איז פּשוט אונטערגעהאַקט געוואָרן די גאַנצע עקסיס־טענץ. דער באָדן האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען.

6

פּונקט אַזוי ווי דער אויסבראָך פון דער רוסיש־טערקישער מל־חמה האָט געשטעלט אין סכנה די עקסיסטענץ פון יידישן טעאַטער, אַזוי האָט אויך דער סוף פון דער מלחמה אַרויסגערופן פּונקט אַזאַ ענלעכע סיטואַציע.

ב. גאָרין שילדערט אַזוי די ניי־אַנטשטאַנענע לאַגע: „הגם מ'האָט זיך געדאַרפט ריכטן, אַז די מלחמה וועט אייביק נישט געדויערן און פריער אָדער שפּעטער וועט זי זיך ענדיקן, האָט אָבער קיינער וועגן דעם נישט געטראַכט. מען האָט געגלויבט, אַז אַזאַ איז געוואָרן דער צושטאַנד פון יידישן טעאַטער און די שפע וועט אַלעמאָל אָנהאַלטן. נאָר דאָ איז געקומען איין באַריכט נאָכן צווייטן, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און דער גאַנצער קאָך אַרום דעם קאָמיסאַריאַט איז

מיט אמאָל שטילער געוואָרן. איינער נאָכן צווייטן האָבן די יידישע פּאַדריאַטשיקעס פּאַרפּאַקט זייערע זאַכן צוזאַמען מיטן אָנגעקליבע־נעם גאָלד און געלאָזט זיך פאָרן צוריק אַהיים, און איידער מ'האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, איז קיינער פון די אָנגעלאָפענע נישט געבליבן, אַ חוץ יענע, וואָס האָבן נישט געהאַט אויף הוצאות. מיטן אויפהערן פון דעם גאָלדענעם מבול, האָט אויך אויפגעהערט די שפע אין יידישן טעאַטער. עס איז ווידער געבליבן דער זעלביקער אָרעמער עלעמענט, וואָס האָט פּאַטראָניזירט [אונטערשטיצט] די יידישע בינע פאַר דער מלחמה. די בענקלעך זענען געבליבן האַלב אָדער דרייפערטל ליידיק. אין דער קאַסע איז געווען אַ חושך. נאָר אויב פאַר דער מלחמה האָבן די דירעקטאָרן און די אַקטיאָרן צופרידנגעשטעלט זיך מיט אַזאַ צו־שטאַנד אין דער האָפענונג אויף בעסערע צייטן, האָבן זיי איצט בשום אופן נישט געקאָנט בלייבן צופרידן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געלעבט אַזאַ גוטן טאָג. אין יאַסי איז מאָגולעסקאָס טרופּע באַלד נאָך דער מלחמה צעשלאָגן געוואָרן און די אַקטיאָרן האָבן זיך צעשפּרייט אי־בערן לאַנד. אין בוקאַרעסט האָט גאָלדפאַדען איינגעזעען, אַז דאָרט איז שוין מער קיין פּלאַץ פאַר אים נישט געבליבן און ער האָט איצט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן רוסלאַנד".

די גאָנטססטע גרויסע שטאָט אין רוסלאַנד איז געווען אָדעס, טאַ־קע דיזעלבע שטאָט אין וועלכער גאָלדפאַדען האָט מיט איניקע יאָר צוריק חתונה געהאַט און דאָרט געהאַט זיין פרוים פאַמיליע, צווישן זיי דעם העברעאישן משכיל און שרייבער ווערבל, און וואו גאָלדפאַ־דען האָט באַנקראָטירט אַלס סוחר. און אַהין האָט גאָלדפאַדען באַ־שלאָסן צו פאָרן. אָבער ער האָט גוט געוואוסט, אַז להפך צו רומעניע וועט ער אין רוסלאַנד שוין נישט זיין דער ע ר ש ט ע ר צו שפּילן יידיש טעאַטער, ווייל מ'האָט שוין דאָרט געשפּילט פאַר אים.

י ע ק ב ס פּ י וואַ ק אָ ווס ק י, אַ זון פון אַ רייכן מאָהילע־ווער טיי־הענדלער, אַ געבוירענער אין בוקאַרעסט, אַ רוסישער זשור־נאַליסט און אַ טעאַטער־מענטש, איז בעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה געווען קריגס־קאָרעספּאָנדענט אין בוקאַרעסט פאַר איניקע רוסישע צייטונגען. און כאָטש ער איז געווען גענוג פאַרנומען מיט זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט, פונדעסטוועגן האָט ער געפונען צייט

צו פאראינטערעסירן זיך מיט טעאטער און האט אויך באזוכט די פארשטעלונגען פון גאלדפאדענס טרופע אין בוקארעסט. ער איז געווארן א מיטשפילער אין גאלדפאדענס טרופע.

תיכף ווי די מלחמה האט זיך פארענדיקט און ספיוואקאווסקי איז צוריקגעפארן אין אדעס, האט ער באשלאסן דארט צו גרינדן א יידיש טעאטער. ער האט זיך צונויפגערעדט מיט א געוויסן י ש ר א ל ר א ז ע נ ב ע ר ג, א ווינקל־אדוואקאט און אן אוואנטוריסט, און ווי יעקב פ. אדלער גיט איבער אין זיינע זכרונות, איז געבליבן, אז אדלער און ראזענבערג זאלן צונויפשטעלן די טרופע, און ספיוואקאווסקי זאל פארן קיין פעטערבורג כדי דארט צו באקומען א דערלויבניש צו שפילן און אויך דארט צענזורירן פיעסעס. היות ספיוואקאווסקי האט געהאט א צוטריט צו פארמעגלעכע מענטשן, איבערהויפט צו זיינע פארמעגלעכע קרובים, איז קלאר געווען אז ס'וועט אים אויך זיין נישט שווער צו באקומען די נויטיקע סומעס געלט צו שאפן א יידיש טעאטער.

אין משך פון איניקע וואכן האט ספיוואקאווסקי באקומען אין פעטערבורג די דערלויבניש און די צענזורקעס און האט געגרינדעט די טרופע אין וועלכער ס'זיינען אריין די אדעסער פאלקס־זינגער; יעקב קאצמאן, מענדל אבראמאוויטש, אריה שראגע, אהרן טאגער, בארים אלטמאן און פרל. סאפיע אבערלענדער. זיי האבן געדונגען דעם רעמעסלעני (האנטווערקער) קלוב, וואו ס'האט פריער געשפילט א דייטשע טרופע און דעם 23 יאנואר 1879 האבן זיי דא אויפגעפירט דריי גאלדפאדען־איינאקטערס „פיר פאר פארצעליינע טעלער", „די שוועבעלעך" און „די דריי טויבע". א חוץ דעם האבן די פאלקסזינגער געזונגען פארשידענע גאלדפאדען־לידער. דער עולם האט געלעקט די פינגער פון פראגראם און מ'האט אים איבערגעשפילט איינוקע אוונטן.

אויף אזא אופן איז די ערשטע אפיציעלע יידישע טעאטער־פארשטעלונג אין רוסלאנד אויך באשטאנען פון ג א ל ד פ א ד ע ן־פיעסעס, נאר אן גאלדפאדענס השגחה.

די ערשטע גאנצע פיעסע, וועלכע די טרופע האט אויפגעפירט,

איז געווען גאָלדפאַדענס „בריינדעלע קאָזאַק”. ס'איז געקומען אַזאַ גרויסער עולם, אַז מ'איז פּשוט געשטאַנען אויף די קעפּ.

א געוויסע ראָל אַריינצוברענגען דעם עולם אין טעאַטער האָבן געשפּילט די צוריקגעקומענע פּאַדריאַטשיקעס פון בוקאַרעסט. זיי האָבן זיך אַנדערצײלט אַזוינע ניסים וועגן יידישן טעאַטער, וואָס זיי האָבן געזעען אין רומעניע, אַז דער עולם איז געווען אויסערגעווײנלעך נייגיריק עס אַליין צו זען מיט די אייגענע אויגן און צו הערן מיט די אייגענע אויערן. און די לידער, וועלכע די פאָלקס־זינגער האָבן געזונגען, און די ניגונים זענען געווען אַזוי אָנציענד, אַז זיי זענען געוואָרן דער טאָג־שמועס אין די יידישע היימען פון אָדעס.

די טרופּע האָט נאָך געשפּילט גאָלדפאַדענס „שמענדריק” און „די קאַפּריזנע טאָכטער”, אין וועלכער דער שפּעטערדיקער וועלט־באַרימטער יידישער שוישפּילער יעקב פּ. אדלער האָט דעביוטירט. אויך ספּיוואַקאָווסקי אַליין האָט זיך באַטייליקט אין די פאָרשטעלונגען אַלס אַקטיאָר און הויפּט־קופּלעטיסט.

„די פירער פון דער טרופּע — שרייבט ב. גאָרין — האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג. די געשעפטן אין טעאַטער זענען געווען גוט און די אַקטיאָרן האָבן אָנגעטאָן צילינדערס, לאַנגע „ווינטשיקאַוועס”, וואָס זענען דאַמאָלט געווען אין דער מאָדע און זעמישענע הענדזשקעס. אַרום דער צייט האָט זיך גאָלדפאַדען אויסגעקליבן צו פאָרן קיין אָדעס”.

גאָלדפאַדענס נסיעה קיין אָדעס איז נישט געקומען בלויז לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו. ער האָט באַקומען בריוו פון זיין שווער, אַז די צוריקגעקומענע פון רומעניע דערציילן פּשוט וואונדער וועגן זיין טעאַטער, און כּמעט עס שפּילט שוין אַ טרופּע אין אָדעס, אָבער דער עולם וואַרט אויפן „אמתן טעאַטער”, אויף די „אמתע אַקטיאָרן”, און זיי וועלן דעריבער זיכער מאַכן גוטע געשעפטן.

נאָך אַלע גוטע געשעפטן, וואָס גאָלדפאַדען האָט געמאַכט אין רומעניע אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה, האָט גאָלדפאַדען אָבער נישט געהאַט אויף הוצאות פאַר דער טרופּע און אפילו נישט פאַר זיך, האָט ער פאַרזעצט אַ רינג און איז צוזאַמען

מיט ליבּרעסקאָן אָפּגעפּאָדן קיין אָדעס, איבּערלאָזנדיק די טרופּע וואַרטן אין בוקאַרעסט.

גאָלדפאַדענס אָנקומען אין אָדעס איז געווען זייער פייערלעך. אייניקע הונדערט מאַן זענען געקומען צו דער באַן אים מקבל זיין. דאָס האָט אים צוגעגעבּן זייער פיל מוט אָנצוגיין מיט זיין אַרבּעט.

גאָרין דערציילט, אַז באַלד ווי ספּיוואַקאָווסקים טרופּע האָט זיך דערוואוסט וועגן גאָלדפאַדענס קומען, האָט זי אויפגעהערט צו געבּן אירע פאָרשטעלונגען, ווייל אין רומעניע איז דאָס אויטאָרן־רעכט געווען הפקר, אָבער אין רוסלאַנד איז דאָסדראַזיקע רעכט געווען באַשיצט, און היות ווי די טרופּע האָט געשפּילט גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר אָן זיין הסכמה, איז פאַר זיי געווען קלאָר, אַז ער וועט זיי דאָס מער נישט דערלויבּן צו טאָן. די טרופּע האָט אפילו געהאַט אַנדערע פּיעסעס אויך— לאַטיינערס און הורוויצעס, אָבער מיט גאָלדפאַדענס קומען איז ביי זיי אָפּגעפאַלן יעדער חשק צו מאַכן שבת פאַר זיך. די מורא און דרך־ארץ פאַר גאָלדפאַדענען איז געווען זייער גרויס צווישן די אַקטיאָרן, און זיי האָבּן אים גערופן „רבּי" און „טאַטע".

ליבּרעסקאָ דערציילט אָבער, אַז ספּיוואַקאָווסקי־ראָזענבּערגס טרופּע האָט יאָ ווייטער געשפּילט און גאָלדפאַדען האָט זיי אפילו אין דער שטיל צוגעהאָלפן, ביז דער תבואה־סוחר קאָהן האָט געבּראַכט פון דאָרט די טרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון 42 פּערזאָן: די אַק־טיאָרן און זייערע פאַמיליעס, אייניקע מוזיקאַנטן און אייניקע בעלי־חובות, וועלכע זענען מיטגעפאָרן אָפּצוקריגן זייער געלט, וואָס די אַק־טיאָרן האָבּן זיך אָנגעבּאָרגט פאַר דער צייט, וואָס זיי זענען געזעסן אין רומעניע און געוואַרט ביז מען וועט זיי נעמען קיין רוסלאַנד.

דעם 7־טן אַפּריל (רוסישן סטיל) 1879 האָט גאָלדפאַדענס טרופּע געגעבּן איר ערשטע פאָרשטעלונגען אין אָדעסער רעמעסלענני קלוב. געשפּילט איז געוואָרן „די כשוף־מאַכערין", וואָס די פריערדיקע טרופּע האָט נישט געשפּילט. די בּילעטן פאַר די ערשטע פאָרשטעלונגען זענען תיכף אויספאַרקויפט געוואָרן. דער עולם איז געווען אַזוי פאַר־כאַפּט פון שפּילן, אַז מ'פלעגט איבּערצאָלן די פּרייזן אַבי צו באַקומען אַ בּילעט. עטלעכע וואָכן האָט דאָ די טרופּע געשפּילט צו 5—4 מאָל אַ וואָך ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל.

„געלט האָט אָנגעהויבן פליסן צו אַלדע רוחות —דערציילט ליִ־ברעסקאַ — מ'האָט זיך געוואָרפן מיט געלט ווי מיט בלאָטע. גאָלד־פאַדען האָט גענומען אייניקע צימערן אויף רישעלעווסקאַ גאַס (שפּע־טער—פּושקינסקאַיאַ) און האָט דאָרט געעפנט אַ „טעאַטראַלנאַיאַ קאַנ־טאָרא". גאָלדפאַדען אַליין האָט זיך דאָרט געהאַט אַ באַזונדער צי־מער. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ שווייצאַר אין אַן אוניפאָרם, און ווער עס האָט געוואָלט אריינגיין, אפילו אַן אַקטיאָר פון דער טרופּע, האָט מען געמוזט פריער זיך מעלדן".

די טרופּע האָט דערנאָך גענומען שפּילן אַנדערע פּיעסעס, אָבער ווען זי האָט אויפגעפירט „ברײַנדעלע קאָזאַק" מיט דער נייער אַקטע־ריסע מאַרגאַרעטאַ שוואַרץ אין דער טיטל־ראָל, איז אין טעאַטער אויסגעבראָכן אַ גרויסער סקאַנדאַל. דעם סקאַנדאַל האָבן געמאַכט באַזוכער, וואָס האָבן געזען אין רומעניע שפּילן די ראָל ראָזע פריד־מאַן, וועלכע האָט זיי ממש באַגייסטערט. זיי האָבן אַזוי לאַנג איינגע־לייגט וועלטן ביז גאָלדפאַדען האָט געבראַכט ראָזע פרידמאַן פון יאַ־סי, וואו זי האָט דערוויל געשפּילט מיט אַן אייגענער טרופּע.

דעם 12 מאַי 1879 איז גאָלדפאַדענס טרופּע אַריבער פון קלוב אין מאַרינסקי טעאַטער, וואָס איז געווען אַ סך גרעסער און באַקווע־מער. צו דער דערעפענונג פון נייעם טעאַטער האָט מען געגעבן „ברײַנ־דעלע קאָזאַק" מיט דער געקומענער ראָזע פרידמאַן. דאָס טעאַטער איז געווען איבערפולט און ערשט איצט האָט מען אָנגעהויבן צו לעבן אַ גוטן טאָג.

„נעבן אָדעס — דערציילט ליברעסקאַ — איז פאַרהאַן אַ דאַטשע און לעב־אָרט אקערזש, וואָס מען האָט גערופן אויף דייטש „ליבענ־טאַל", ווייל עס איז געווען נעבן דייטשישע קאָלאָניעס. אָט דאָרט האָט זיך גאָלדפאַדען באַזעצט מיט דער גאַנצער טרופּע. יעדער האָט זיך גענומען אייניקע צימערן. די חברה צוזאַמען האָבן פאַרנומען אפשר אַ האַלב דאָרף און אַז אַ גביר האָט געוואָלט דאָרט ארויספאָרן, האָט ער שוין ממש נישט געהאַט קיין אָרט. אַזוי ווי ליבענטאַל ליגט איבערן טייך, האָט די טרופּע זיך אָפּגעדונגען אייגענע שיפלעך אויפן טייך, און זי האָט אויך געהאַט ספּעציעלע אָפּגעדונגענע 3 ליניקעס (צופאָר־וואַגאָנעס), וועלכע האָבן צוגעפירט נאָר די טרופּע".

די אָרטיקע רוסישע פּרעסע, וועלכע האָט אין אָנהייב אָו פּגענו־מען מיט רעזערוו גאָלדפאַדענען מיט זיין טרופּע, האָט באַלד ואָך די ערשטע פאָרשטעלונגען אָנגעהויבן געבן וואַרעמע נאָטיצן און כסדר באַטאָנט, אַז גאָלדפאַדען פאַרדינט אַ דאַנק, וואָס אין זיינע פּיעסעס פירט ער „אַן אומדערשראָקענעם קאַמף מיטן פאַנאַטיזם פון ידישן פאָלק".

אָבער דידאַזיקע גינסטיקע לאַגע האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. גאָלדפאַדען האָט נישט געהאַט קיין דערלויבניש צו שפּילן רעגולערע טעאַטער - פאָרשטעלונגען, נאָר איינצוואָרדענע „ליטעראַריש־מוזי־קאַלישע אָוונטן", און דערפאַר האָט ער אַ פּנים נישט באַנוצט אויף די אַפישן דעם טערמין „אַקטן" נאָר „אָפּטיילונגען" ווי מען איז זיך געוויינלעך נוהג ביי „אָוונטן". די אָרטיקע רוסישע ציטונג „נאָווי טע־לעגראַף", וועלכע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין איבריקע סימפּאַטיע צו גאָלדפאַדענס טעאַטער, האָט דעריבער אַמאָל בפירוש געשריבן „מיר מיינען, אַז אויף דעם סמך פון נישט האָבן אַ דערלויבניש דאַרף פאַרבאָטן ווערן גאָלדפאַדענען צו געבן טעאַטער־פאָרשטעלונגען". דאָס איז געווען אַ בפירושע מסירה און זי האָט געווירקט: דער פאַר־באָט צו שפּילן איז באַלד געקומען.

„מצד דער צענזור און דער מאַכט בכלל — שרייבן אויסלענ - דער און פינקל — באַגעגנט גאָלדפאַדען געוויסע שטערונגען, אָבער עס גיט זיך אים איין זיי צו באַזייטיקן, און איניקע חדשים נאָכדעם ווי דער טעאַטער האָט שוין געזיכערט זיין דערפאָלג אין אָדעס, האָט זיך פּלוצלונג די דראַמאַטישע צענזור אין פּעטערבורג אַרומגעזעען, אַז גאָלדפאַדענס פּיעסן זענען נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער הויפּט צענזור־פאַרוואַלטונג. זיי פלעגן בלויז דורכגעקוקט ווערן דורך דעם אָדעסער יידישן צענזאָר. די פאָרשטעלונגען זענען פאַרבאָטן גע־וואָרן".

גאָלדפאַדען גיט זיך אָבער נישט אונטער. אויב די גאַנצע מניעה איז אין דער צענזור — פאָרט ער קיין פּעטערבורג זיך משתדל זיין. אָבער דערווייל קאָן מען נישט שפּילן און די טרופּע דאַרף עסן, נעמט ליבערסקאָ די טרופּע און פאָרט מיט איר צוריק קיין יאַסי.

אויף אַ געוויסער צייט איז, אַלזאָ, דאָס יידישע טעאַטער צו־

ריק אריבערגעפירט געוואָרן קיין רומעניע. ווען גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע זענען אַוועק קיין רוסלאַנד, איז אין רומעניע פאַרבליבן לאַ־טיינער מיט זיין טרופּע, צווישן זיי גראַדנער און מאַגולעסקאָ, אַ געוויסע צייט איז אויך אַרומגעפאָרן איבער דער רומענישער פּראָווינץ הורוויץ מיט אַ טרופּע אין וועלכער ס'האָבן געשפּילט זיין נאָכטער שאַרלאָטע, זיין שפּעטערדיקער איידעם בצלאל (צעזאַר) גרינבערג, חיה־שרה (קלאַראַ) שיינגאָלד, שפּייזער, בערגמאַן און פרוי, אַקסעלראָד און פּייוועלע פרידמאַן, שפּעטער האָט גראַדנער געגרינדעט אַן אייגענע טרופּע. איצט איז צו אַלע טרופּעס (אויסער הורוויצעס, וואָס איז אַוועק קיין גאַליציע) צוגעקומען גאָלדפאַדענס טרופּע, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך ליבּרעסקאָ, און רוסלאַנד איז געבליבן אָן איין יידיש טעאַטער.

אָבער גאָלדפאַדענס טרופּע האָט אין רומעניע געשפּילט נאָר צייטווייליק, באַטש דאָס האָט געדויערט אייניקע חדשים, ביז עס איז אָנגעקומען פון גאָלדפאַדענען אַ טעלעגראַמע, אַז ער האָט באַקומען אַ דערלויבניש צו שפּילן יידיש טעאַטער איבערן גאַנצן תחום המושב (די ערטער, וואו ס'איז אין צאַרישן רוסלאַנד געווען דערלויבט יידן צו וואוינען) פון רוסלאַנד.

סוף 1879 איז גאָלדפאַדענס טרופּע צוריקגעקומען אין אָדעס, און נאָכן שפּילן דאָ אַ קורצע צייט, איז די טרופּע מיט גאָלדפאַדענען אָפּגעפאָרן קיין ניקאָלאַיעוו.

די ידיעה וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ יידיש טעאַטער איז זיך שוין דערווייל פונאַנדערגעגאַנגען איבער דער גאַנצער רוסישער פּראָווינץ, און אומעטום האָבן זיך געפונען געגוג פאַראינטערעסירטע צו זען מיט די אייגענע אויגן דאָס נייע באַשעפעניש, וואָס איז אָבער געווען ענג פאַרבונדן מיט נאָמען גאָלדפאַדען.

גאָלדפאַדען האָט דאָס אויסגענוצט: ער אָרגאַניזירט נאָך אַ טרופּע פאַר דער פּראָווינץ און גיט איבער די אָנפירערשאַפט צו זיין יונגערן ברודער נפתלי, וואָס איז ביי די אַקטיאָרן גערופן געוואָרן „טוליע".

גאָרין דערציילט, אַז בעתן פאַרבאָט צו שפּילן אין מאַרינסקי טעאַטער, האָט זיך גאָלדפאַדען פאַרבונדן מיט אַ געוויסן קרוג, אַ

„שתדלן״ אין די הויכע פענסטער, און אים צוגעזאָגט צוצונעמען פאַר אַ שותף אַלס באַלוינונג פאַר דורכפירן אַ דערלויבעניש צו שפּילן. אַ פּנים אָבער, אַז גאָלדפאַדען האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקן חשק צוצונעמען קרוגן אַלס שותף צו זיך, פאַרפליכטעט צו אים איז ער אָבער געווען, האָט ער אים מישדך געווען מיט זיין ברודער נפתלי און אַרויסגעשיקט איבער דרום־רוסלאַנד מיט אַ טרופּע. דיזאָזיקע טרופּע איז באַשטאַנען פון די שוין דערמאָנטע ישראל ראָזענבערג, יעקב קאַצמאַן, סאָניע אָבערלענדער, און די נייע אַקטיאָרן דוד סאַבסיי, יעקב אַדלער, אברהם פישקינד און דוד קעסלער.

אָבער די דאָזיקע צוויי גאָלדפאַדען־טרופּעס זענען שוין מער ניט געווען די איינציקע יידישע טרופּעס אין רוסלאַנד. ווי פריער האָט גאָלדפאַדען אויך איצט געלעבט נישט שטאַרק בשלום מיט זיינע אַקטיאָרן און אייניקע זענען דעריבער אַרויס פון זיין טרופּע, האָבן צונויפגעקליבן נייע אָנפאַנגער, וועלכע האָבן זיך „געריסן צו דער בינע״ און מיט זיי געגרינדעט נייע טרופּעס.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך באַוויזן אין אָדעס לאַטיינער מיט זיין טרופּע. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ נקמה־אַקט פון לאַטיינערן קעגן גאָלדפאַדענען.

ספּיוואַקאָווסקי, וועלכער האָט אויך געטראָגן אַ שנאה אויף גאָלדפאַדענען, האָט אויפגעהעצט דעם גריכישן אייגנטימער פון מאַרינסקי טעאַטער, אָמער, אַז אין רומעניע איז פאַרהאַן אַן אַקטיאָר מאָגולעסקאָ, וואָס איז אַ ריז לגבי דער גאַנצער גאָלדפאַדען־טרופּע, און מ׳קאָן מיט אים מאַכן גלענצנדע געשעפטן, און ער האָט געפועלט, אַז אָמער זאָל מסכים זיין צו ברענגען מאָגולעסקאָן מיט דער טרופּע צו זיך אין טעאַטער.

מאָגולעסקאָ און לאַטיינער האָבן דאַמאָלט געשפּילט אין באָטושאַן און האָבן זיך קוים דורכגעשלאָגן. מיט זיי איז געווען ליבערעסקאָ, וועלכער איז אויך אַוועק אַ צעקריגטער פון גאָלדפאַדענען. ווען ספּיוואַקאָווסקי איז צו זיי געקומען אין שליחות פון אָמערן, האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט און זענען באַלד געקומען אין אָדעס. ״דאָס אַלץ — שרייבט גאָרין — איז געטאָן געוואָרן בשתיקה בדי גאָלדפאַדען זאָל דערפון נישט געוואויר ווערן איידער מען וועט

זיין זיכער, אַז מאַגולעסקאַ קאָן האָבן אַ קיום אין רוסלאַנד און צי ער וועט האָבן פּיעסן פאַרן טעאַטער. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַמער האָט געגאַרט צו האָבן גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר, נאָר מען האָט אים דערקלערט, אַז פון שטיקער וועט קיין מניעה נישט זיין. לאַטיינער האָט שוין עטלעכע אויסגעפּרובטע שטיקער און מאַגולעסקאַ האָט אויך מיטגעבראַכט דעם „פּוילישן יונגל" פון הורוויטש. אַמער איז מיט די דאָזיקע שטיקער אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג און געלאָזט זיי צענזורירן און ווען ער איז געווען זיכער מיט אַ טרופּע און פּיעסן, האָט ער אָן צערעמאָניעס אַרויסגעוואָרפן גאָלדפאַדענען פון טעאַטער און אַריינגענומען מאַגולעסקאָן מיט זיין קאָמפּאַניע".

יצחק ליבערסקאַ גיט אָבער איבער, אַז מען האָט גאָלדפאַדענען נישט אַרויסגעוואָרפן פון מאַרינסקי טעאַטער, נאָר ער האָט מיט זיין טרופּע געשפּילט אין ניקאָלאַיעוו ווען לאַטיינער איז אָנגעקומען מיט זיין טרופּע אין אָדעס. דאָס מאַרינסקי טעאַטער איז דאַמאָלט געשטאַנען ליידיק.

אַלענפאַלס — איז לאַטיינערס טרופּע געוואָרן אַ זייער ערנסטע קאָנקורענץ צו גאָלדפאַדענען, דערפאַר ווייל זי האָט געהאַט מיט זיך אַזאַ קראַפט ווי מאַגולעסקאַ און דערפאַר, ווייל לאַטיינער האָט שוין געכאַפּט דעם שניט פון שרייבן פּיעסעס.

אברהם גאָלדפאַדען האָט מיט זיין טרופּע אָנגעהויבן צו מאַכן זיין ערשטן טורנע איבער רוסלאַנד. אויף אַ קורצע צייט איז ער אַפילו צו־ריקגעקומען אין אָדעס, אָבער ער האָט זיך דאָרט נישט געהאַלטן, מחמת ער האָט דאָ שוין געהאַט אַן ערנסטע קאָנקורענץ.

אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָט גאָלדפאַדען אָנגעשריבן און אויפגעפירט זיין באַרימטע קאָמעדיע „דיביידע קוני־לעמעל". ווי מיר ווייסן שוין געהערט די אָפּשטאַמונג פון דער קאָמעדיע צו דער דייטשער הומאָרעסקע „נאַטהאַן שלומיאל", וועלכע סיי לאַטיינער און סיי גאָלדפאַדען האָבן באַאַרבעט און פאַריידישט אַלס אַ קאָמע־דיע. אָבער אין דער צייט, וואָס לאַטיינערס קאָמעדיע איז נאָר גע־שפּילט געוואָרן אין די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער, איז גאָלד־פאַדענס קאָמעדיע געבליבן אין יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר ביז צום היינטיקן טאָג. זי איז שוין דורכגעגאַנגען פאַרשידענע גלגולים: אי־

ראטנפארבאנד האט מען די פאבולע אזוי איבערגעבויט, אז זי איז גאנטער געווארן צו דער הייגטאגדיקייט, מארים שווארץ און זיגמונט טורקאוו אין פוילן האבן אין איר אריינגעפירט אנדערע פערסאנאזשן פון גאלדפאדען־פיעסעס און האבן איר שטארקער אריינגעטריבן אין גראטעסק, ווידער א לעצטע אויפירונג פון דר. מ. ווייכערט אין א יונג קינסטלעריש טעאטער אין ווארשע האט די קאמעדיע אויסגע־נוצט אלס פאן צו אילוסטרירן ווי אזוי מען האט אמאל געשפילט יידיש טעאטער און ווי אזוי דאס פובליקום און די רעגירונגס־מאכט האבן זיך באצויגן צום יידישן טעאטער, אבער דער גרונט פון גאלד־פאדענס קאמעדיע „דיביידע קוני לעמעל" איז ביזן היינטיקן טאג פארבליבן לעבן.

די געשיכטע, דאס לעבן האט, אלזא, אויסגעקעמפט דעם סכסוך צווישן גאלדפאדענען און לאטיינערן וועגן רעכט אויף דערדאזיקער קאמעדיע.

א צווייטער ערנסטער סכסוך איז באלד ווידער אנטשטאנען צווישן גאלדפאדענען און לאטיינערן וועגן א צווייטער פיעסע: „שולמית".

גארין דערציילט וועגן דעם פאלגנדיקעס: „גאלדפאדען האט זיך דערוואוסט, אז מאגולעסקא קלייבט זיך שטעלן לאטיינערס א פיעסע „די ליבע פון ציון", א שטיק, וואס איז גענומען פון ווערבעלס (גאלדפאדענס שווער) „בור וחולדה" און פון מאפוס „אהבת ציון". איצט האט זיך גאלדפאדען דערמאנט, אז נאך אין רו־מעניען האט ער אנגעהויבן צו שרייבן א פיעסע „שולמית", וואס האט זיך אויך געשטיצט אויף „בור וחולדה", און ער האט זיך ענער־גיש גענומען צו דער ארבעט. ער האט איצט געפילט, אז ער דארף עפעס אויפטאן, און אויפטאן אזוינס, וואס זאל קלאר און דייטלעך מאכן, אז די בינע האט נאר איין צויבערער און דאס איז קיין אנדע־רער ווי גאלדפאדען. אין ניקאלאיעוו האט ער „שולמית" געענדיקט און דארטן אויפגעפירט און זי האט געמאכט א גוואלדיקן רעש. דאך איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס מען האט געגעבן אויף דער יידי־שער בינע (אין רוסלאנד) א היסטארישע פיעסע. דער דערפאלג איז

געווען אזא גרויסער, אַז מען האָט אָנגעהויבן צו שפּילן יעדן אָוונט, אויך פרייטאָג צו נאַכטס".

אָבער בעת די פריערדיקע גאָלדפאַדען־פּיעסעס זענען געווען מער געבויט אויפן טעקסט ווי אויף די מוזיק־מאָטיוון, איז „שולמית" אַן אָפּערעטע, זי דאַרף האָבן פיל מוזיק־נומערן און געוויינלעך ביים שרייבן אַן אָפּערעטע זענען פאַראַן צוויי שותפים: דער ליברעטאָ־שרייבער און דער מוזיק־שרייבער. גאָלדפאַדען איז אָבער נישט געגאַנגען אין דעם וועג. ער איז געווען ביידע צוזאַמען. ער האָט געשריבן סיי די ליברעטאָ, סיי די מוזיק.

איז ער געווען גענוג פעאיק צו זיין אַ קאָמפּאָזיטאָר פאַר אַן אָפּערעטע?

גאָלדפאַדען איז נישט געווען קיין מוזיקער אין פאַכמענישן באַגריף, אין פּראָפעסיאָנעלן זין, נאָר ער האָט ליב געהאַט נגינה און געהאַט דערין אַ בעל־הבתישן באַגריף.

דער העברעאיש־יידישער שרייבער זילבערבוש דערציילט, אַז גאָלדפאַדען קלאַפּט שטייענדיק מיט די שפּיץ־פינגער אויף די ריינדלעך פון אַ קלאַוויר.

דער מוזיקער דוד הירש גיט איבער, אַז גאָלדפאַדען האָט נישט געקענט קיין נאָטן און פלעגט זיך פאַרצייכנען די ניגונים, וועלכע זענען אים איינגעפאַלן, דורך אייגענע סימנים.

געוויינלעך פלעגט גאָלדפאַדען נעמען אַלס מעלאָדיעס פאַר זיינע לידער באַקאַנטע ניגונים, גאַנץ אָפט אפילו פון אָפּערעס.

אַן אַקטיאָר דערציילט, אַז ווען גאָלדפאַדען איז אַמאָל געווען אין דער וואַרשעווער אָפּערע, איז ער פּלוצלונג, ביי אַ געווויסער מעלאָדיע, אויפגעשפּרונגען מיט אַ הויכן אויסרוף „איך האָב עס. אָט דער ניגון וועט גוט זיין".

דער דערמאָנטער דוד הירש דערציילט, אַז ווען גאָלדפאַדען פלעגט נעמען ערגעץ וואו אַ ניגון אָדער קאָמבינירן איניקע ניגונים צוזאַמען און זיי פאַרוואַנדלען אין אַ נייעם ניגון, פלעגט ער דעם ניגון פאָרזינגען פאַר אַ פּשוטן יידן, אַ בייגל־פאַרקויפער, דער פאָטער פון אַן אַקטריסע, און אויב דער ניגון איז אים נישט געפעלן, פלעגט

גאָלדפאַדען רעזיגנירן פון דעם ניגון. דער בייגל־פאַרקויפער איז פאַר
גאָלדפאַדענען געווען דער אויסדרוק פון פאָלקס־געשמאַק.

דער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר יאָזעף רומשינסקי האַלט, אַז
„גאָלדפאַדען אַליין איז נישט געווען קיין מוזיקער, אַז ער האָט גע־
האַט אַ מוזיקאַלישן אויער. אַלס פּאָעט און הייסער ייד, האָט ער זייער
שטאַרק געפילט דעם ריטם אין די יידישע מעלאָדיעס. גלייך פון אָנ־
פאַנג אָן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז יידישע פּיעסעס דאַרפן גיין מיט
מוזיק. גאָלדפאַדען איז דאַן געווען אין זיד־רוסלאַנד, וואו עס האָבן
עקסיסטירט די מאַלאָרוסישע (קליין־רוסישע, אוקראַאינישע) טרו־
פּעס, וואָס פלעגן אויפירן לעבנס־בילדער מיט געזאַנג. אָט די אויפּי־
רונגען זענען געווען זייער ערפאָלגרייך. גאָלדפאַדען איז געווען באַ־
פריינדעט מיט דעם דאַמאָלטיקן קליין־רוסישן פּראָפעסאָר און דירעק־
טאָר קראָפּאָווניצקי, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ שטאַרקן איינ־
פלוס, און ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין יענעמס וועגן, דאָס הייסט,
אויפירן יידישע פּיעסעס מיט מוזיק. ער פלעגט נעמען משוררים, וואָס
האָבן געזונגען ביי אַ חזן און זיי בעטן, אַז זיי זאָלן ברענגען אַ בוך
מיט חזנישע נאָטען, אַ „גרויסן בוך”. דער משורר פלעגט זינגען פון
די נאָטן, ביז וואַנען אים גאָלדפאַדענען, איז עפּעס געפעלן, און ער
פלעגט עס נעמען פאַר זיינער אַ פּיעסע. די ערשטע פּעריאָדע איז באַ־
שטאַנען 90 פּראָצענט פון חזנישע מוזיק. די ערשטע פראַגע, וואָס
גאָלדפאַדען פלעגט פרעגן אַן אַקטיאָר איז געווען צי ער קען זינגען,
צי ער האָט אַ שטימע, צי ער קען נאָטן”.

אַמבעסטן דערקלערט גאָלדפאַדען אַליין זיין אופן פון שאַפן די
מוזיק צו זיינע פּיעסעס: „קודם כל בין איך זיך מודה ומתודה: דער
מחבר פון דער מוזיק פון „שולמית” און אַ סך אַנדערע יידישע זינג־
שפּילן, דער שרייבער פון די שורות, האָט נישט קיין שום טעאָרעטי־
שע ידיעות אין מוזיק, און קען אפילו נישט לייענען קיין נאָטן. כאָטש
איך האָב ביי די קאָמפּאָזיציעס פון מיינע שטיק שטענדיק אַכטונג גע־
געבן דערויף, אַז די מוזיק זאָל זיך צוזאַמענשטעלן פון פאָלגענדע
עלעמענטן: 1) אָנהייב און שלום־כאָרן, 2) מאַרשן, 3) טענץ, 4)
אַריעס, 5)דועטן, 6) טערצעטן, 7) באַלאַדעס, 8) לידער, 9) שאַנסאָ־
נעטס —, פונדעסטוועגן האַלט איך, אַז ס'איז ניט ריכטיק וואָס

מ'האָט מיינע געזאַנגס־שפּילן אָנגערופן „אָפּערע" [אָפּערעטע], וואָ־רום כדי צו פאַרדינען דעם נאָמען „אָפּערע", וואָלטן זיי געדאַרפט זיין א מוזיקאַלישע איינהייט, אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט, און דאָס איז אָבער נישט אַזוי, ווייל איך האָב אַ טייל נומערן אַליין געשאַפן און אַ טייל געבאָרגט ביי אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן. איך קאָן מיט אַ רואיק געוויסן זאָגן „געבאָרגט", וואָרום טיילמאָל האָט מיר אַ חזן בהכשר הכשרות געבאָרגט פאַר מיין בינע דעם אָדער יענעם נומער פון זיין שול־רע־פּערטואַר, אַזוי, אַז אָפט איז אַ מעלאָדיע געזונגען געוואָרן אין דער שול און אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער שטאָט איז די מעלאָדיע „געטאַנצט" געוואָרן אויף מיין בינע, פאַרשטייט זיך מיט מאָדולאַציעס".

און דאָ קומט גאָלדפאַדען צו דער פראַגע צי איז ער ביי אַזעלכע באַדינגונגען אַן אָריגינעלער שאַפער, אַ קאָמפּאָזיטאָר צי נישט: „מ'מעג טאַקע זאָגן, אַז איך בין מער קאָמפּילאַטאָר ווי קאָמפּאָזיטאָר. איך מיין אָבער, אַז אויך דאָס קאָמפּילירן איז אַ קו נ ס ט . איך באָרג מיר — ווי שוין אויבן באַמערקט — פון אַ חזן עטלעכע שיינע טענער פון זיינער אַ „קדושה", פון אַן אַנדערן — זיינעם אַ „מן המצר", פון אַ דריטן — עטלעכע אַקאָרדן פון זיינעם אַ „יהי רצון" א. א. וו. און דיזאָזיקע מעלאָדישע שטיקלעך פון די פאַרשי־דענסטע טאָן־אַרטן שמעלץ איך צוזאַמען, מיט דער הילף פון מיין די־ריגענט, אין שמעלץ־טאָפּ פון געשמאַק און האַרמאָניע, אַזוי , אַז ס'קומט אַרויס אַ פולשטענדיק נייער, קונסט־אויסגעהאַלטענער דועט א. ד. ג. איך מאַך נישט קיין סוד: אין די ערשטע יאָרן פון מיין גרינדן דאָס יידישע טעאַטער, האָב איך מיר דאָ און דאָרט דערלויבט צו מאַכן קליינע הלוואות, וועגן וועלכע איך האָב גאָרנישט געמאָלדן מיינע קרעדיטאָרן. איך האָב ביי אַ געלעגנהייט אַריינגעשמוגלט אין מיינע שטיק מעלאָדיעס פון אָפענבאַך, ל'קאָק, ווערדי, מייערבעער, אַפילו פון וואַגנערן. כדי זיך צו אַנטשולדיקן, קאָן איך, אַ חוץ היינעס ווערטל „אין דער קונסט איז נישטאָ קיין זעקסט געבאָט", אויך זיך שטיצן אויף דעם אומשטאַנד, אַז איך האָב מיינע געצוואונגענע הלוואות נישט געמאַכט צוליב אייגננוץ אָדער דעם חשק צו פאַרדינען. וואָס פאַרע נוצן האָט אַן אָרימער קאָמפּאָניסט פון מיין שטייגער גע־

קאָנט ציען פון „פּלאַגיאַטן" אין גרעסערן סטיל?, נאָר איך האָב עס געטאָן אויסשליסלעך, ווייל איך האָב געשטרעבט אויפצוהייבן אויף אַזאַ אופן דעם מוזיקאַלישן געשמאַק פון די ברייטע שיכטן פון מיין פאָלק".

גאָלדפאַדען מאַכט, אַלזאָ, אַ דערקלערונג, אַז מיט זיין נעמען מוזיק ביי וועלט־באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן האָט ער פּשוט געהאַט אַ דידאַקטישע אויפגאַבע — הייבן און אַנטוויקלען דעם מוזיקאַלישן, נישט־אַנטוויקלטן געשמאַק פון דעם גרויסן יידישן עולם, וועלכער איז — צו יענער צייט — געווען פרעמד פון דער וועלט־מוזיק.

האָט ער דערגרייכט דעם ציל?

האָט גאָלדפאַדען געהאַט דערפאָלג אין זיין שטרעבן צו דער־ציען מוזיקאַליש די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן פאַר וועלכע דאָס יידישע טעאַטער איז געווען דאָס איינציקע פאַרוויילונגס־פּלאַץ, וואו זיי האָבן געהערט די מוזיק פון וועלט־קאָמפּאָזיטאָרן?

גאָלדפאַדען ענטפערט דערויף: „צום באַדויערן האָט אויך דאָס דרייסטע מיטל נישט געטראָפן אין ציל. דער געשמאַק פון די אונטער־שטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַזוי פאַר־דאָרבן, אַז זיי האָבן פּשוט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אייראָפּעאי־שע מוזיק. זייער געהער איז כּלל נישט געווען פעאיק אויפצונעמען אַנדערע מעלאָדיעס ווי די, וועלכע ווערן געזונגען אין דער שול און אין קלויז. איך האָב זיך געמוזט אָפּזאָגן פון די צוועקלאָזע פּרובן און זיך נעמען אויף אַן אַנדער וועג. איך האָב זיך דעריבער באַגרענעצט אויף אָפּצוהיטן אַן אייגנאַרטיקע יידישע פאָלקס־מוזיק, וואָס איז כאַ־ראַקטעריזאַציע איז אַ געוויסער פריגישער [מעלאַנכאָלישער] טאָן־אַרט, און דערדאָזיקער וועג מיינער איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פּובליקום, אַ פּובליקום, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ פּרימיטיוון זין פאַר קונסט און אַ נישט־אַנטוויקלטן מוזיקאַלישן געשמאַק, האָט מען געמוזט געבן די אמתע „לייכטע" מוזיק. כאָרן, אַריעס, דועטן א. א. וו. האָב איך אריינגע־שטעלט בלויז צוליב בינע - עפעקט: פאַר מיין עולם האָט דאָס ניט געהאַט קיין שום רייץ. עס האָט אים נאָר „אַנגעברומט אין קאָפּ", ווי איינער פון מיינע אומצופרידענע טעאַטער־באַזוכער האָט זיך אויס־

געדריקט. דאָקעגן האָט דאָסדאָזיקע אייגנטימלעכע טעאַטער־פּובלי־קום אַרויסגעוויזן אַ פּאַרליבע צו סענטימענטאַלע פאָלקס־לידער און קאָמישע שאַנסאָנעטעס. זיי האָבן דאָס איינגעשלונגען מיט גרויס חשק און פלעגן עס שטענדיק נאָכזינגען ביי זיך אין דער היים, בעת דער אַרבעט אָדער אין אַ יום־טוב".

גאָלדפאַדען דערקלערט אויך געני וויי וויי וויט בקי ער איז אין מו־זיק און אין די טעכנישע אייגנשאַפטן פאַר קאָמפּאָזיציע: „איצט עפּעס וועגן מיין שאַפן: איך זינג אָפּ אָדער כ'שפּיל אויף דער פּיאַנאָ די מעלאָדיע, וועלכע כ'האָב פאַרפאַסט, און אַ מוזיקאַליש־געבילדע־טער מיטאַרבעטער מיינער קאָפּירט דאָס אויף נאָטן. מיין מיטאַר־בעטער נעמט דערנאָך אַהיים די פּאַרטיטור און מאַכט דערפון אַן אָר־קעסטראַציע. פריער אָבער, כאָטש איך פאַרשטיי מיך נישט אויף קאָנטראַפּונקט, גיב איך אים גענויע אָנווייזונגען בנוגע דער אינס־טרומענטאַציע. איך היים אים, צום ביישפּיל, אַז אַ געוויסע מעלאָדיע זאָל נאָר ש ט י ל געשפּילט ווערן פון שטרייך ־ אינסטרומענטן מיט אַ לייכטן אַקאָמפּאַנימענט פון פלייטן, זי טאָר בשום אופן ניט באַגלייט ווערן פון שווערע בלאָז אָדער שלאָג־אינסטרומענטן. אָדער איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז אַ געוויסער נומער טראָגט דעם כאַ־ראַקטער פון אַ שלאָף־ליד, אַן אַנדער ליד דאַרף בילדן אַ פּאַסטוך־ליד, צוליב וואָס עס דאַרף נאָר די פלייט שפּילן סאָלאָ, א. ד. ג. ביי עכט־פריגישע מאָטיוון פאַרטראַג איך איבערהויפּט נישט קיין אינסטרו־מענטאַציע, נאָר כ'לאָז דעם באַטרעפנדן נומער שפּילן אוניסאָנאָ [איינשטימיק]. אין אַזאַ פאַל מוזן מיינע קאַפּעלמייסטערס מיך פאָל־גען און קענען זייער ווילן לאָזן זיי מיר פריי די מעלאָדישע פּרימאַ".

ווען גאָלדפאַדען איז צוגעטראָטן שרייבן די מוזיק צו „שולמית", האָט ער געהאַט אין זיין טרופּע מאַגולעסקאָן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מנגן, און ער האָט זיך מיט אים מישב געווען וועגן דער מוזיק, „און מאַגולעסקאָס השפּעה — שרייבט גאָרין — פאַרשפּרייט זיך כמעט איבער דעם גאַנצן ערשטן אַקט. דאָס האָט ער צוגעפּאַסט דעם חזן וועלוועלע שעסטאָפּאָליעס „לך השם הגדולה" צום ערשטן כאָר „אַנגעלאָדן מיט אַלעם גוטס". די סאָלאָ, וואָס שולמית זינגט ווען זי פאַרבלאָנדזשעט „לאָז זשע דיין נס", איז געווען

פון זעלביקן וועלכע שעסטאָפּאָליעם „ד' זכרני" (הלל) און אַזוי כמעט דורך דעם גאַנצן אַקט. עס איז אויך נויטיק צו באַמערקן, אַז געלדפאַדען האָט אַליין אויך געשאַפן ניגונים פאַר „שולמית". אין צווייטן אַקט איז גאָלדפאַדענס „קום צו מיר, דו שיינער בחור" ווי אויך דער געזאַנג פון חתן און כּאַר און דאָס גליכן. די מוזיק פון דעם „פּאַסטוכל" האָט געגעבן מינדל צוקערמאַן פון אַ טערקיש ליד".

דער העברעאיש־יידישער שרייבער ש. ל. ציטראָן, ריידענדיק וועגן גאָלדפאַדענס מוזיק־נייגונגען, דערציילט, אַז ביי גאָלדפאַדענען „האָט זיך דערוועקט דער געדאַנק צו אַראַנזשירן דאָס שטיק [שול־מית] אין מוזיק און אין דער פאָרם פון אַן אָפּערע. אָבער אַ ווערק פון היסטאָרישן מזרח־לעבן קאָן נישט אַנגעקליידט ווערן אין חזנישע ניגונים און פאָלקס־לידער: דערצו דאַרף אָנגעווענדט ווערן אָריענ־טאַלישע, אָדער לכל הפחות אָריענטאַליש־ענלעכע מוזיק. וויסנדיק, אַז קיין אָדעס קומען אָפט מאָל טערקישע און גריכישע שטעט־אָרומ־שלעפנדיקע זינגער און מוזיקאַנטן, וועלכע באַזוכן די ווינקעלערס און די איבריקע וואָלוועלע פאַרווײלונגס־ערטער פון די אונטערשטע פאָלקס־שיכטן, פלעגט גאָלדפאַדען גאַנץ אָפט אַהינקומען, אום צו פאַרשרייבן און פאַרנאָטירן זייערע געזאַנגען. אָבער די אַלע מאָטיוון, וואָס ער האָט דאַמאָלט צונויפגעקליבן, זענען נאָך אים געווען ווייניק. באַזוכנדיק שפּעטער אין די רומענישע שטעט די פאַרשידענע קאַפע־הייזער און טראַקטירן, האָט ער דאָרט אָפּגעשריבן גאַנצע אוצרות מיט מאָטיוון פון די אַלערליי באַלקאַנישע פעלקער און פון די מזרח־איינוואוינער בכלל. צווישן די געזאַנגען זענען געווען פיל יידיש שפּאַניאָלישע און פאַרצייטיקע ארץ־ישראלדיקע".

יעקב מעסטל, וועלכער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אויפן באַלקאַן, גיט איבער, אַז אָפט, הערנדיק זינגען די מאָנטאָנעגרישע און אַלבאַנעזישע פאָלקס־לידער, האָט אים געקלונגען אין אויער דער גאַנצער גאָלדפאַדען־רעפּערטואַר.

אויספירלעך אַנאַליזירט גאָלדפאַדענס מוזיק־נומערן צו „שול־מית" דער באַקאַנטער יידישער מוזיק־פאָרשער פּראָפ. א. ז. אידעל־זאָן. ער ווייזט אָן, ביי יעדן נומער, זיין אָפּשטאַם, אָבער דאָך גיט ער צו „הגם דורך די צוויי אַנאַליזירטע אָפּערעטן („שולמית" און "בר

כּוכבא") קאָן גאָלדפאַדען נישט גערעכנט ווערן אַלס אַן אָריגינעלער שאַפער פון מוזיק, פונדעסטוועגן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך דראַמאַטישע טעכניק און מוזיקאַלישן געשמאַק אין זיין צופּאַסן חנודיקע ניגונים, וואָס קאָנען אַפּעלירן צו די יידישע מאַסן. די ניגונים זענען פיין צוגעקליבן, אויך בנוגע דעם דראַמאַטישן עפעקט, וועלכן זיי דאַרפן איבערלאָזן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אַקאָמפּאַנימענט איז זייער אַ פּרימיטיווער און ס'געפינט זיך נישט אין זיי קיין מוזיקאַלישער סטיל, אַ חוץ דאָס, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ פּאָטפּורי. אויפן פּובליקום, וואָס זיין געשמאַק איז מער אַנטוויקלט, מאַכן גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס קיין איינדרוק, אָבער צוריק מיט 50 יאָר זענען זיינע אָפּערעטן געווען אַן אַנטפלעקונג אין מזרח־אייראָפּע און האָבן אַרויסגערופן אַ פוראָר אין אַלע יידישע ישובים אין רוסלאַנד".

אַן אַנדערער יידישער מוזיק־קריטיקער, דער יידיש־דייטשער פאָרשער פון יידישער פאָלקס־מוזיק מ. קויפמאַן, האָט אַן אַנדערע מיינונג: „אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט גלייכצייטיק געשאַפן טעקסט און מוזיק, איז אַרויסגעוואַקסן אַן ענגע גאַנצקייט, אַן איינהייט, פון וועלכער סיי דער טעקסט אָדער די מוזיק אַליין איז נישט געווען בכח אַזוי אַרויסצוברענגען די אַלגעמיינע ווירקונג, אַזוי ווי ביידע האָבן עס גלייכצייטיק געקאָנט טאָן אַלס נישט צעטיילבאַר".

גאָלדפאַדענס „שולמית" איז געוואָרן די קרוין־שאַפונג פון דיכטער. די אָפּערעטע איז געשפּילט געוואָרן אויף יידיש, רוסיש, פּויליש, אוקראַאיניש און אונגאַריש, אָבער וועגן דער אונגאַרישער אויפירונג וועט אונז אויסקומען שפּעטער צו ריידן, ווייל די געשיכטע שפּילט אַ געוויסע ראָל אין גאָלדפאַדענס קאַריערע.

„שולמית" איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעאיש און אין ענגליש. די מוזיק פון „שולמית" איז פיל מאָל איבעראָרקעסטרירט געוואָרן, צוגעפּאַסט צו די נייע אינסטרומענטן אין מאָדערנע אָרקעסטערס. די קאָמפּאָזיטאָרן יוסף רומשינסקי און שלום סעקונדא האָבן די מוזיק פון דער אָפּערעטע אויך באַאַרבעט אַלס אָפּערעס, אין אונגאַריש איז די פּיעסע אויך דעמאָנסטרירט געוואָרן אויפן פילם און אין יידיש איז די אָפּערעטע אויך געשפּילט געוואָרן דורך דער ראַדיאָ.

די סענטימענטאַלע מוזיק פון „שולמית" צוזאַמען מיטן טעקסט,

וואָס אָטעמט מיט אַן אומגעהויערע ליבע צו ארץ־ישראל, האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו דער פאַרשפּרייטונג פון נאַציאָנאַלן געדאַנק ביי יידן.

די אויפירונגען פון „שולמית" האָבן אומעטום ארויסגערופן די געפילן פון ליבע און בענקשאַפט צו ארץ־ישראל. אויף אַזאַ אופן האָט גאָלדפאַדען אומדירעקט מיטגעהאָלפן צו דער חבת־ציון באַוועגונג און צו איר שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג — צום פּאָליטישן ציוניזם.

7

ביז זומער 1880 האָט גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע באַזוכט דאָס רוב נאָר די שטעט פון דרום־רוסלאַנד. דאָ האָט ער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ נייעם עולם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן נישט נאָר פרישע באַגייסטערונג פאַר זיין טעאַטער, נאָר אויך אַ נייע מין אָפּשאַצונג פאַר זיינע פאַרדינסטן פאַר דער דערציאונג פון די פאָלקס־מאַסן און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער קולטור. אָבער אין דער זעלבער צייט ווערט אין דער רוסיש - יידישער פּרעסע און אין דער קלעריקאַלער צייטונג „הישראלי" אין מיינץ געפירט אַן אָרגאַניזירטער סיסטעמאַטישער קאַמף קעגן גאָלדפאַדענען. אין דעם דאָזיקן קאַמף וואַרפט מען פאַר גאָלדפאַדענען, אַז אין זיינע פּיעסעס „פאַרשפּאָט ער דאָס יודענטום און אהנט דעם יודנטום זאַלבע אָפּשוילעכע זאַכן ווי גנבה, רציחה, שכרות"

די טענדענץ פון דער דאָזיקער פּרעסע אין רוסיש און אין דייטש איז געווען, אַז „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", יידן האָבן בלויז מעלות, זענען ממש מלאכים, און אויב מיר האָבן געוויסע שלעכטע זיטן, דאַרפן מיר זיי צווישן זיך אַליין אויסוואָרצלען, די וועלט דאַרף דערפון נישט וויסן, און דאָ קומט גאָלדפאַדען און דערציילט פאַר דער וועלט, אַז מיר ליידן פון די זעלבע מדות און חסרונות וואָס אַלע לעבעדיקע מענטשן פון אַלע אַנדערע פעלקער. ד אָ ס איז דער - דאָזיקער פּרעסע נישט געווען צום הארצן, אָבער אין דעם קאַמף פון דער דאָזיקער פּרעסע איז געווען פאַרמישט נאָך אַ מאָטיוו, וואָס זיי האָבן עפנטלעך נישט ארויסגעבראַכט: דאָס איז געווען זייער שנאה צו דער י י ד י ש ע ר שפּראַך, וועלכע גאָלדפאַדען האָט אַזוי פאַרשפּרייט און דערהויבן דורך דעם גערעדטן יידישן וואָרט אויף דער

בינע. דערדאָזיקער, אין תוך גענומענער, אסימילירטער פּרעסע, איז דאָס יידישע לשון געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן, און דעריבער האָבן זיי אויף דעם יידיש־פאַרשפּרייטער אברהם גאָלדפאַדען געקוקט ווי אויף זייערן אַ שונא, און ווען זיי האָבן געקאָנט זייער שנאה פאַר־שטעלן אונטערן מאַנטל פון „כבוד יידנטום״, האָבן זיי עס גערן גע־טאָן.

בפרט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ תירוץ, אַז די שלעכטע יידישע מדות שטעלט גאָלדפאַדענס טעאַטער אַרויס נישט נאָר פאַר יידן, נאָר אויך פאַר גויים.

אַזוי דערציילט גאָרין, אַז בעת די גאַסטראָלן פון גאָלדפאַדענס טרופּע זומער 1880 אין זומער טעאַטער פון דייטשן קלוב אין מאָס־קווע, איז „דאָ די גאַנגבאַרסטע סחורה געווען „שמענדריק״ און דאָס פּובליקום איז געווען אַ געמישטעס. מען רעכנט, אַז אַ העלפט באַזו־כער זענען געווען קריסטן און אַזוי גיך ווי די ערשטע פאָרשטעלונגען זענען געגעבן געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן צו באַגריסן יידן אין די מאָסקווער גאַסן מיטן נאָמען „שמענדריק״. וואו נאָר אַ קריסט האָט באַגעגנט אַ יידן, האָט ער אים גערופן שמענדריק. דאָס איז זייער ניט געפעלן געוואָרן די מאָסקווער יידן און זיי האָבן אָנגעהויבן מירמלען קעגן גאָלדפאַדענען. די יידישע אינטעליגענץ האָט אים אויפגעוואַ־פן, אַז מיט זיינע שטיקער ברענגט ער אַ חרפה אויפן יידישן נאָמען און מ'איז אים אַזוי דערגאַנגען די יאָרן, אַז נאָכדעם ווי די טרופּע האָט דאָרט געשפּילט דריי חדשים [באמת האָט די טרופּע נאָר געשפּילט 14 פאָרשטעלונגען אין משך פון 6 וואָכן], האָט ער דערקלערט צו־קערמאַנען, אַז ער איז שוואַך און אויסגעמאַטערט און ער וויל אָפּ־רוען, און דערביי האָט ער אים געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז ער, זאָל גע־מען די טרופּע און אַוועקלאָזן זיך אין דער ליטע און אַליין איז גאָלד־פאַדען אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו״.

סוף סעפּטעמבער 1880 האָט פּאַקטיש אַ טייל פון גאָלדפאַ־דענס טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון צוקערמאַנען געשפּילט אין מינסק, אָבער אַ צווייטער טייל פון דער טרופּע מיט גאָלדפאַדענען אין דער שפּיץ איז געפאָרן קיין בערדיטשעוו. סוף 1880 און אין די ער־שטע חדשים פון 1881 איז גאָלדפאַדען מיט דער טרופּע אַרויסגע־

פֿאַרן איבערן באַלטישן געגנט און דערמיט האָט זיך פֿאַרענדיקט זיין ערשטע גרעסערע נסיעה איבער רוסלאַנד.

„עס איז קלאָר — שרייבן די סאָוויעטישע טעאַטער־פֿאָרשער אויסלענדער און פֿינקל —, אַז בעת דער רייזע וואָס האָט געבראַכט גאָלדפֿאַדענען אין אַן ענגען קאָנטאַקט מיט אַזאַ אומגעהויער ברייטער אוידיטאָריע, איז דער וועזן פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער ניט געבליבן אומפֿאַרענדערט, פֿאַרגליוועט. שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס אין פֿאַרלויף פֿון דער רייזע פֿלעגן אין פֿאַרשידענע שטעט צוקומען נייע אַקטיאָרן, על פּי רוב פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן, מיט אָרגאַנישער פֿאָלקסטימלעכער באַציאונג צו טעאַטער־שפּיל, האָט דאָך גאָלדפֿאַדענען געמוזט ציען צו באַגעגענען זיך מיט דער סביבה פֿון די פֿעטער־בורגער און מאָסקווער מפֿונקים, וואָס האָבן שוין עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד מיט אומצוטרוי און גרינגשעצונג צוגעזען דעם טריומף פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער", אָבער „מיר ווייסן נישט וועלכע סיבות האָבן אַזוי לאַנג אָפּגעהאַלטן גאָלדפֿאַדענען פֿון באַזוכן די ליטווישע שטעט. עס קאָן זיין, אַז דאָ האָט מיטגעווירקט דאָס, וואָס דער דיאַלעקט אויף וועלכן עס האָבן גערעדט גאָלדפֿאַדענס אַרטיסטן און גאָלדפֿאַדען אַליין אויך, איז געווען דער דרום־דיאַלעקט, וואָס האָט געקאָנט אין דער ליטע שטערן דעם טעאַטראַלן עפֿעקט. אָבער אינגיכן זענען געקומען געשעענישן, וועלכע האָבן געצוואונגען גאָלדפֿאַדענען אָפּצוזאָגן זיך פֿון זיין מאַרשרוט איבער דרום־רוסלאַנד".

וואָס פֿאַרע געשעענישן זענען דאָס געווען?

„אין אַפּריל 1881 — דערציילן די אויבנדערמאָנטע — האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דרום־רוסלאַנד די פּאָגראָם־כוואַליע, פֿון וועלכער עס האָבן געליטן דערהויפּט די אָרעמסטע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. דאָס האָט געמוזט אונטער אַ געפֿאַר די עקסיסטענץ פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער. גאָלדפֿאַדענס טעאַטער, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַט די לעבעדיקסטע באַהעפֿטונג מיט די אָרעמסטע שיכטן, האָט גלייך געמוזט דערפֿילן די אָנגעקומענע פֿאַראָרעמונג און רואינירונג פֿון די יידישע מאַסן. אויפֿן דרום איז נישט געבליבן קיין אָרט פֿאַר יידישן טעאַטער. גאָלדפֿאַדענס טרופּע ציט זיך

איבער אין יענע געגנטן, וועלכע זענען מער געזיכערט פון דער פאָגראָם־כוואַליע".

אויף וויפל אויסלענדער און פינקלס כאַראַקטעריזירונג פון דער יידישער לאַגע אין דרום־רוסלאַנד נאָך דער פאָגראָם־כוואַליע אין אַפּריל 1881, שטימט, איז זי אָבער נישט געגוג געגוי בנוגע גאָלדפאַדענס טעאַטער, ווייל, ווי מיר ווייסן שוין, האָט גאָלדפאַדען נאָך סוף 1880 זיך אַריבערגעטראָגן אין די באַלטישע געגנטן, און לויט יעקב פּ. אדלערס זכרונות, — האָט די טרופּע געשפּילט „שולמית" אין דווינסק, בעת ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער דערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן (17 מערץ 1881), וואָס איז שפּעטער אויסגענוצט געוואָרן אַלס סטימול צו פּאָגראָמען. אַ געוויסע צייט האָט די דערמאָרדונג אַפילו אַרויסגערופן אַ פאַרבאָט צו שפּילן. שפּעטער איז די טרופּע אַריבער אין מינסק, וואו זי איז געוואָרן „אַ מאַרקן־טריפּע" (אַ מין שותפות), אָבער באַלד ווערט גאָלדפאַדען צוריק דירעקטאָר און דאָס דערפירט אַפילו אין זומער 1881 צו אַ סטרייק מצד דער טרופּע.

אין יולי 1881 איז גאָלדפאַדען מיט דער טרופּע אָנגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון דער אַמאָליקער צאַרישער אימפּעריע — אין פּעטערסבורג. דעם 23 יולי (רוסישן סטיל) איז דאָ אין קרעסטאָווער גאָרטן פאָרגעקומען די ערשטע פאָרשטעלונג. די מיינונג פון דער רוסישער פרעסע בנוגע דעם כאַראַקטער פון גאָלדפאַדענס טעאַטער און בנוגע דעם שפּילן פון מענער־פּערסאָנאַל איז אַ געטיילטע; פאַרהאַן מיינונגען, אַז אַלץ איז גוט, פאַרהאַן אָבער אויך אַ שטאַרקע קריטיק, אָבער אַלע באַטאָנען די שוואַכע דעקאָראַטיווע און מוזיקאַלישע זייט ווי אויך דעם מאַנגעל פון פרויען־כחות. דעריבער, ווען די טרופּע באַשליסט צו פאַרבלייבן אין פּעטערסבורג אויפן ווינטער און גייט איבער, צו דעם צוועק אין אָקטאָבער 1881 אין „זאַל פאַר ביליקע דירות", ווערט די בינע רעמאָנטירט, מ'באַשטעלט נייע דעקאָראַציעס און צוקערמאַן פאַרט אַנגאַזשירן אייניקע אַקטריסעס.

דער רעפּערטואַר באַשטייט אין אָנהייב פון די געשפּילטע פּיעסעס, אָבער די נעגאַטיווע באַציאונג פון יענער יידישער געזעלשאַפט־

לעבער מיינונג, וועלכע אינטערעסירט זיך מיט טעאטער, צווינגט גאָלדפאַדענען צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון זיין רעפּערטואַר.

דער מער אויפגעקלערטער טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט — דערציילט דער באַרימטער יידישער שרייבער ש. אַנסקי — וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין א טיפער אַכטונג צום געדרוקטן וואָרט, איז געווען שאָקירט פון דעם לייכטזיניקן כאַראַקטער פון רעפּערטואַר פונם יידישן טעאַטער, און גאָלדפאַדען, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו די מיינונגען פון דער אינטעליגענץ, האָט גענומען שרייבן נאַ־ציאָנאַלע דראַמען אויף היסטאָרישע טעמען".

די ענדערונג אין גאָלדפאַדענס שאַפן באַהאַנדלען אויך אויס־לענדער און פינקל: „ווען גאָלדפאַדען איז געפאָרן קיין פּעטערבורג, איז ער אַליין שוין נישט געווען ענלעך צו דעם גאָלדפאַדען, וואָס איז מיט א יאָר צוריק אַרויסגעפאָרן פון אָדעס. פון די לידער און שפּע־טערדיקע פּיעסן זיינע, וואָס האָבן דירעקט באַהאַנדלט דעם פּאָגראָם־סוזשעט, זעט מען, ווי די פּאָגראָם־צייט האָט אומגעביטן גאָלדפאַ־דענס געדאַנק און געשטויסן אים צו גיין אויפן וועג פון חבת־ציון. אין אַן אינטערוויאו, וואָס ער האָט דאַמאָלט געגעבן א פאַרשטייער פון „ראַזסוויעט", האָט ער שוין גענומען ריידן מיט א באַזונדערער גרינגשעצונג וועגן זיינע פריערדיקע פּיעסן, וואָס גייען אַזוי גרינג איבער פון סאַציאַלער סאַטירע צום וואָדעוויל און פאַרס, די אויס־לאַכונג פון די נעגאַטיווע געשטאַלטן פון יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס איז ביז אַהער געווען דער לעבעדיקער נערוו פון גאָלדפאַדענס טעאַטער־שפּיל —, דאָס אַלץ האָט איצט גלייך אַנגעוואָרן אין גאָלד־פאַדענס אויגן די באַרעכטיקונג. יעדנפאַלס אַזוי האָט ער געוואָלט דאָס אויסמאָלן אין זיין אינטערוויאו".

זיין שטימונג אין יענעם פּעריאָד דריקט גאָלדפאַדען אויס אין זיין באַרימט ליד „פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט", ווי ער שילדערט דעם יידן אין זיין אָפּערעטע „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ, אָדער, די יידן פון פּאַ־לערמאָ", וועלכע ער באַאַרבעט נאָך א דייטשן ראָמאַן, און וועלכע ווערט אין יאַנואַר 1882 געשפּילט אין פּעטערבורג.

די אויפפירונג פון דערדאָזיקער פּיעסע איז וואָרם באַגריסט גע־

וואָרן מצד דער יידיש־רוסישער פּרעסע. גאָלדפאַדען האָט מיט זײַער דאָזיקער פּיעסע צוריקגעשטעלט זײַן גוטע מערכה.

גאָלדפאַדען הייבט אָן פאַרוואַרפן זיינע לייכטע פּיעסעס, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט שטיפעריי און חוזק־מאַכעריי. ער ווערט ערנסט. ער דערנענטערט זיך צו דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, צו דער יידישער געשיכטע מיט אירע העלדן. אַזוי הייבט ער אָן צוצוגרייטן פאַר זיין טרופּע אַ יידישע באַאַרבעטונג פון קאַרל גוצקאָווס טראַגעדיע „אורי־אל אַקאָסטאַ". דידאָזיקע פּיעסע איז צו יענער צייט שוין געשפּילט געוואָרן דורך אַן אַנדערער יידישער טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון רוסיש־יידישן שרייבער י. י. לערנער, וועלכער האָט די פּיעסע באַאַר־בעט אויף יידיש.

די פּערזאָן פון י ו ס ף י ה ו ד ה ל ע ר נ ע ר האָט בכלל געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג און שפּעטער אין דעם רעגרעס פון יידישן טעאַטער. לערנער איז געבוירן געוואָרן אין 1847 אָדער אין 1849 אין בערדיטשעוו ביי פרומע עלטערן. ביז 13 יאָר האָט ער געלערנט יידישע למודים, דערנאָך איז ער אַוועק קיין זשי־טאָמיר, וואו ער באַזוכט די גימנאַזיע. אין 1862 האָט ער פאַרעפנט־לעכט אין „קול מבשר" אַ ביאָגראַפיע וועגן מערקווירדיקן יידישן פאָלקס־מוזיקאַנט גוזיקאָוו, און 3 יאָר שפּעטער האָט ער זיך געדרוקט אין דער רוסישער צייטונג „קיעווסקי טעלעגראַף". אין 1866 האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו עס איז אַ יאָר צייט געווען אַ פרייער צו־הערער אויפן יורידישן פאַקולטעט פון נייר־רוסישן אוניווערזיטעט. 10 יאָר צייט איז לערנער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין רוסישע צייטונגען אין וועלכע ער האָט געשריבן וועגן יידישע ענ־נים און וועגן דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור.

זלמן רייזען האַלט, אַז לערנער איז געווען איינער פון די ערשטע צווישן דער נייער יידיש־רוסישער אינטעליגענץ אָפּצושאַצן די באַ־דייטונג און דעם זעלבסטווערט פון יידיש און האָט דער ערשטער פּאָ־פּולאַריזירט די יידישע ליטעראַטור פאַר די רוסישע לעזער. אין זיין איבערגעבנהייט צו יידיש, האָט ער, אַלס אָנגעזעענער רוסישער זשור־נאַליסט דאָך זיך נישט געשעמט אויך צו שרייבן יידיש אין אַ צייט ווען בטלנים האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַן אַבסורד. גלייכצייטיק האָט

ער אויך גענומען אן אָנטייל אין דער העברעאישער ליטעראַטור און איז געווען צווישן די, וועלכע האָבן באַקעמפט די אַלטע בטלנישע ליטעראַטור.

צוליב אַ קרימינעל פאַרברעכן איז לערנער בערך אין 1873 אַנטלאָפן קיין ווין, און דאָרט אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „עמק שושנים". בעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה איז לערנער, צוזאַמען מיט די רוסישע זשורנאַליסטן, מיטגעגאַנגען מיטן רוסישן מיליטער און אין משך פון 1878 האָט ער אפילו אַרויסגעגעבן אין בוקאַרעסט אַ טאָגבלאַט אויף רוסיש.

אַ מאָדנע כאַראַקטעריסטיק, פול מיט שווינדלערישע באַשולדיגונגען און ביטערע אויסדריקן אויף לערנערן, גיט אַ. קויפמאַן אין רוסיש־יידישן זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ". ער דערציילט, אַז שוין אין די 80־ער יאָרן האָט לערנער געשריבן שאַרף־אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין שוואַרץ־מאַהדיקן אָרגאַן „נאָוואָראָסיסקי טעלעגראַף" און איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון רוסישן שאָוויניזם. לערנער זאָל אויך זיין אַריינגעפאַלן אין דער דעמאָראַליזירטער סביבה פון דער ווינקל־אַדוואָקאַטור, האָט איינמאָל געפעלשט די אונטערשריפט פון זיינעם אַ קליענט כדי צו פאַרכאַפן יענעמס אַ גרויס הויז, איז צוליב דעם אַריין אין טורמע, פון וואַנען דער וועג איז געבליבן דירעקט אין דער רעדאַקציע פון דער יידן־פרעסערישער צייטונג. לערנער איז געווען אַ פאַרביסענער שונא־ישראל, אַ מיסיאָנער און שתדלן ביי דער פּאָליציי. בעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה, ווען איבער לערנערן האָט שוין געלויערט דער פּראָצעס, איז ער אַוועק קיין בוקאַרעסט, וואו ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ווקן פון דער רוסישער אַרמעע אַ בלאַט, און ס'איז נישט געווען די געמיינהייט, וואָס זאָל נישט געפונען קיין אָרט אין די אַרטיקלען פון לערנערן.

זלמן רייזען האַלט, אַז ס'איז שווער פעסטצושטעלן ווי אַזוי די־דאָזיקע פאַקטן לאָזן זיך פאַרבינדן מיט דער שפּעטערער טעטיקייט לערנערס אויפן געביט פון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער, בפרט, אַז מיר האָבן נישט געפונען אין דער יידישער, העברעאישער

און יידיש־רוסישער פּרעסע קיין שום נעקראָלאָג פון דעם אַמאָל באַ־וואוסטן און טעטיקן שריפטשטעלער.

אָבער וואָס עס איז יאָ זיכער, איז, אַז לערנער האָט זיך געשמדט און איז געשטאָרבן אַלס קריסט. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט זיין פרוי און זייער איינציקן זון, ניקאָליי, אַ באַרימטער רוסישער ליטעראַטור־היסטאָריקער און ספּעציעל באַוואוסט אַלס פּושקין־פאָר־שער.

ווי מיר ווייסן שוין, האָט בעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה גע־שפּילט אין בוקאַרעסט גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע, און לערנער, אַלס פאַראינטערעסירטער אין יידיש, איז דאָרט זיכער געווען אַן אָפטער באַזוכער.

ווען לערנער איז צוריקגעקומען אין אָדעס, האָט ער באַשלאָסן דאָרט צו גרינדן אַ יידיש טעאַטער, אָבער ער האָט זיך דערביי גע־שטעלט העכערע אויפגאַבן ווי גאָלדפאַדען. אין דער צייט, וואָס גאָלדפאַדען האָט זיין טעאַטער צוגעפּאַסט צו די ברייטע שיכטן, צו דעם המון, וואָס האָט קיין טעאַטער פריער אינגאַנצן נישט געזעען און האָט נישט געהאַט קיין העכערע קינסטלערישע פאָדערונגען צו דער נייער אינסטיטוציע, האָט לערנער באַשלאָסן זיך צו ווידמען דער יידישער אינטעליגענץ. ער האָט זיין טעאַטער געוואָלט געבן אַ פּרצוף־פּנים, וואָס זאָל באַפרידיקן דעם יידישן אינטעליגענט, וואָר אין דער יידישער שפּראַך, און צו דעם צוועק האָט ער גענומען ביים גריך אָמער דאָס מאַרינסקי טעאַטער.

גאָרין, דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, שילדערט אַזוי לערנערס צוטרעטן צום יידישן טעאַטער: „לערנער איז נישט אַראָפּ־געפאַלן פון הימל ווען ער האָט איבערגענומען דאָס מאַרינסקי טעאַ־טער. ער איז באַקאַנט געווען מיטן יידישן טעאַטער פון דער ערשטער שעה, וואָס עס האָט זיך געגרינדעט אין בוקאַרעסט. ווי עס זעט אויס פון דעם אָנהייב פון זיין קאַריערע, איז ער געווען אַן אומרואיקע נאַ־טור און האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן. אַליין וואָלט לערנערן קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז די צייט איז געקומען פאַר אַ יידיש טעַ־אַטער. ער איז געווען ווייט פון יענעם יידן, וועלכער האָט זיך יענווי־טיקט אין אַזאַ אונטערהאַלטונג, וואָס אַ יידישער טעאַטער האָט גע־

קאָנט געבן. נאָר ווען דער טעאַטער [גאָלדפאַדענס] איז שוין געווען אַ טאַט־זאַך, איז אים אַריין אַ געדאַנק, אַז דאָס איז אַ פּרובירבאַר פעלד ווען מען זאָל עס באַארבעטן ווי געהעריק איז. ליערנער האָט באַלאַנגט צו אַן אַנדערן פליגל פון דער יידישער אינטעליגענץ. ער האָט זיך נישט געשטעלט צופרידן מיט גאָלדפאַדענס אַראָפּלאָזן זיך צום פאָלק. ער האָט גערעכנט, אַז די אויפגאַבע פון אַ יידישן טעאַטער איז אויפצוהייבן דאָס פאָלק צו זיך. און אַזוי ווי אים איז אויסגעקומען צו זען אין בוקאַרעסט די ערגסטע בורלעסקעס פון יידישן טעאַטער, האָט זיך אין אים גענומען אַנטוויקלען אַ פאַרלאַנג צו ווייזן וואָס מען קאָן אויפטאָן מיט אַ יידיש טעאַטער און ער האָט געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט. דידאָזיקע געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט אין אָדעס. נאָר צו געבן די בעסערע פּיעסן, פון וועלכע ער האָט געטרוימט, האָבן זיך געפאָדערט שרייבער, וועלכע זאָלן זיי קאָנען שאַפן. מיר האָבן שוין דאַמאָלט געהאַט גוטע טאַלאַנטפולע יידישע שרייבער, נאָר זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַקאַנטשאַפט מיט דער בינע. ליערנער האָט דידאָזיקע שווערע פראַגע פאַרענטפערט דערמיט וואָס ער האָט זיך געווענדעט צו די שרייבער פון די אומות העולם".

איינגנטלעך האָבן דאָסזעלביקע געטאָן אויך די פריערדיקע יידישע דראַמאַטורגן. ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, האָבן סיי גאָלדפאַדען, סיי לאַטיינער און הורוויץ גענומען זייערע סוזשעטן פון נישט־יידישע פּיעסעס אָדער האָבן די פּיעסעס פּשוט איבערזעצט צי אַביסל באַארבעט, ליערנער איז אָבער אין דעם דאָזיקן ענין געגאַנגען אין אַן אַנדערער ריכטונג: „ער האָט באַגריפן — שרייבט גאָרין — אַז דער גאַנצער ענין וועט נישט ווערט זיין קיין שאָס פּולווער אויב די בעסערע שטיקער וועלן נישט האָבן יידישעס אין זיך. אַז עס וועט זיין גאָר אַ קנאַפּע קונץ צו נעמען אַ גוטע דראַמע פון די גויים און דערלאַנגען די באַזוכער פון יידישן טעאַטער. דער פּראָסטער טעאַטער־באַזוכער וועט אויף אַזאַ דראַמע קוקן ווי אַ האָן אויפן בני אָדם און די יידישע אינטעליגענץ וועט אויסבייטלענען אַלע בייזע חלומות צום דירעקטאָר פון טעאַטער. ליערנער האָט דעריבער געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס. ער האָט אויסגעקליבן ביי די אומות העולם אַזעלכע פּיעסן אין וועלכע די האַנדלונג און די פּערזאָנען זענען געווען יידישע. פון דעם

דייטשן רעפּערטואַר האָט ער אויסגעקליבן גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“, פון דעם פראַנצויזישן האָט ער גענומען סקריבס „די יידן“ און זיי איבערזעצט (אייגנטלעך פריי באַאַרבעט, פאַרוואַנדלענדיק אין פּשוטער פּראָזע און אָפטמאָל אויסלאָזנדיק אַלע פּאָעטישע שטעלן פון דידאָזיקע ווערק. — ז. ז.) אין אַ ריינעם יידיש. די דערמאָנטע פּיעסן האָבן נישט נאָר געהאַט די מעלה, וואָס זייער אינהאַלט איז געווען אַ יידישער און פאַרשטענדלעך פאַר דעם דורכשניטלעכן יידישן טעאַטער־גייער, נאָר זיי זענען געווען אין דעם רעפּערטואַר פון יעדער אייראָפּעאישער בינע און די יידישע אַקטיאָרן האָבן געקאָנט גיין זען באַרימטע רוסישע אָדער דייטשע אַקטיאָרן שפּילן אין דידאָזיקע ראָלן, האָבן עס געקאָנט אָפּלערנען פון באַרימטע אַקטיאָרן. די הויפּטראָלן אין דידאָזיקע צוויי פּיעסן האָבן געשפּילט אבא שיינגאָלד און סאָפיע גאָלדשטיין [קאַרפּ] און האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זיי“.

דוד קעסלער גיט אָן אין זיינע זכרונות, אַז לערנערס טרופּע איז באַשטאַנען פון די אַקטיאָרן מאָגולעסקאָ, פינקל, עדעלמאַן, זילבערמאַן, ליזאַ איינהאָרן א. א.

יעקב פּ. אַדלער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז בעת לערנער האָט איבערגענומען דאָס מארינסקי טעאַטער, פריער אַליין און דערנאָך מיטן באַרימטן ראָמאַניסט שמ״ר־שייקעוויטש, האָט ער געלאָזט אויפירן ביי זיך צוערשט איינִיקע שמ׳ר־פּיעסעס ווי „דער יידישער פּריץ“, „דער קאַטאָרזשניק“, „דער בעל־תשובה“ און „דער בלוטיקער אַדיע“ ווי אויך מאַריע לעדנערס „די עגונה“ און ערשט דערנאָך האָט מען געשפּילט לערנערס צוויי אויבנדערמאָנטע איבערזעצונגען. דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער איז אַנגאַזשירט געוואָרן אַ ספּעציעלער ר ע ז ש י ס ע ר: דאָס איז געווען דער דייטשער רעזשיסער גרודסקי, וועלכער האָט אויפגעפירט „אוריאל אַקאָסטאַ“ מיט אבא שיינגאָלד אין דער טיטל ראָל.

דער סאָוויעטישער טעאַטער־פאָרשער י. רימיניק, שטיצנדיק זיך אויף אַ רעצענזיע אין אַן אָדעסער רוסישער צייטונג, ווייזט אָן, אַז אין 1880 האָט לערנער אויפגעפירט אין זיין טעאַטער דר. שלמה עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע“ מיט שכר גאָלדשטיין אין דער טיטל־

ראָל, און אַז לערנער האָט אַנאָנסירט די קאָמעדיע נישט אַלס פּיעסע, נאָר אַלס זיינע אַ דראַמאַטיזאַציע פון עטינגערס ראָמאַן(!).

ווי מיר זעען, אַלזאָ, האָט לערנער אויסגעהאַלטן זיין טעאַטער מיט אַ גאַנץ אַנדערן רעפּערטואַר ווי די טעאַטערס פון גאָלדפאַדען, לאַטיינער און הורוויץ. גאָלדפאַדען האָט, אַלזאָ, געוואָלט איינע פון לערנערס פּיעסעס אַריינגעמען אין זיין רעפּערטואַר, אָבער אין פעב־רואַר 1882 פאַרלאָזט גאָלדפאַדען פּעטערבורג און לאָזט זיך מיט זיין טרופּע איבער רוסלאַנד, און באַגנוגנט זיך דערווייל מיט שפּילן דעם אַלטן רעפּערטואַר זיינעם.

צו גאָלדפאַדענס פריערדיקע קאָנקורענטן איז אָבער צוגעקומען לערנער אַלס זייער אַן ערנסטער קאָנקורענט. וועגן דעם שרייבן אויס־לענדער און פינקל: „אין 1881 האָט גאָלדפאַדען געהאַט אויסצושטיין אַ קאָנקורענץ בלויז אין אָדעס (לערנערס טרופּע). אַרויספאָרנדיק פון אָדעס, האָט ער געקאָנט פריי אויסקלייבן זיך אַ מאַרשרוט, פאַר־בלייבן אין יעדער שטאָט וויפל ער האָט געוואָלט און בכלל פילן זיך פריי פון יעטוועדער קאָנקורענץ. אין 1882 און 1883 יאָרן איז די לאַגע געוואָרן אַנדערש. גאָלדפאַדענס קאָנקורענטן (די טרופּעס פון לערנער, מאָגולעסקאָ) האָבן שוין אָנגעהויבן באַזוכן אויך אידערע שטעט חוץ אָדעס (פּאָלטאַוואַ, קעשעניעוו, א. א.) און אין אָדעס גו־פאַ האָבן זיך גאָלדפאַדענס קאָנקורענטן שוין אודאי פאַרפעסטיקט".

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז גאָלדפאַדען האָט אַ געוויסע צייט (סוף 1882) זיך געמוזט פאַראייניקן מיט לערנערן, אָבער שוין אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1883 לייענען מיר אין אַן אָדעסער צייטונג אַ נאָטיץ, אַז גאָלדפאַדען האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיין שותּף לערנער און האָט אַריבערגעטראָגן זיינע פאָרשטעלונגען אין האַנט־ווערקער־קלוב. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז געשען נאָך אַ סכסוך צווישן גאָלדפאַדען און לערנערן און „אין אַזאַ פאַל — שרייבן אויסלענדער און פינקל — ווען גאָלדפאַדען איז זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען מיט זיינע שותּפים, האָט עס באַדייט דעם אָנהייב פון אַ פאַרביטערטער העצע, וועלכע לערנער האָט מיט אַלע מיטלען גע־פירט קעגן גאָלדפאַדענען. ווי עס ווערט דערציילט אין איניקע ער־טער, האָט צווישן די קאַמפּס־מיטלען קעגן גאָלדפאַדענס־טעאַטער באַ־

זונדערס געהאַלפן מסירה. צו דעם אויסגעפּרובטן מיטל פלעגן אַנקו־מען נישט נאָר גאָלדפאַדענס קאָנקורענטן"...

און מען האָט טאַקע געמסרט גאָלדפאַדענס טעאַטער...

בלייבנדיק אַליין בעל־הבית פון טעאַטער, פירט דאָ אויף גאָלד־פאַדען דעם 26 יאַנואַר 1883 זיין באַאַרבעטונג פון „אוריאל אַקאָס־טאַ". באַלד אָבער גייט איבער גאָלדפאַדענס טרופּע אין מאַרינסקי טעאַטער, און דאָ פירט אויף גאָלדפאַדען זיין פּיעסע „יהודה המכבי".

דוד קעסלער וואַרפט אַ חשד, אַז די פּיעסע האָט גאָלדפאַדען אַליין נישט געשריבן, נאָר זי בלויז באַאַרבעט. אַ געוויסער קעשעניע־ווער ייִד קאָרעס איז געקומען אין אָדעס און געגעבן גאָלדפאַדענען אַ פּיעסע „די מאַקאַבעער". די פּיעסע איז באַלד אויפגעפירט גע־וואָרן. אַ פּנים, אַז גאָלדפאַדען האָט זי באַאַרבעט, אָבער שפּעטער האָט מען זי שוין כסדר אַנאָנסירט אַלס גאָלדפאַדענס אַ פּיעסע, און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן.

סיי ווי סיי אָבער האָבן די צוויי לעצטע פּיעסעס („אוריאל אַקאָס־טאַ" און „יהודה המכבי") נישט געשפּילט קיין שום ראָל אין גאָלד־פאַדענס קאַריערע, נאָר זיי זענען געלעגן אויף דער נייער ליניע, וועלכע ער האָט געגעבן זיין טעאַטער.

ערשט דעם 5 מאַי (רוסישן סטיל) 1883 האָט גאָלדפאַדען אויפ־געפירט אין אָדעס זיינע אַ נייע היסטאָרישע פּיעסע, וואָס האָט גע־שפּילט אַ גרויסע ראָל סיי אין זיין דראַמאַטורגישן לעבנס־לויף און סיי אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער בכלל. דאָס איז געווען גאָלדפאַדענס „בר כוכבא".

וועגן דער פּיעסע שרייבט ב. גאָרין: „גאָלדפאַדען האָט שוין איצט, נאָך די פּאָגראָמען, מער נישט געקאָנט לוסטיק מאַכן זיך אי־בער זיינע פאַנאַטישע ברידער און פון זיין מוזע האָט זיך געדערט נייע טענער. אין דער צייט האָט ער געשאַפן „בר כוכבא". פאַר אַ קעמפער פון השכלה איז „בר כוכבא" געווען אַ סוזשעט, אויף וועלכן ער האָט זיך גרינג געקאָנט אויסגלייטשן. „בר כוכבא" איז געווען אַ קעמפער און פאַרטרעטער פון דעם נייעם דור אין זיין צייט. זיין רע־וואָלוציאָנערער גייסט האָט געדאַרפט געווינען די גאַנצע סימפּאַטיע פון אַ שרייבער, וועלכער האָט אַ ביטערן קאַמף מיטן אַלטן דור. פאַר

די פּאָגראָמען וואָלטן די קעגנער פון בר כוכבא ארויסגעקומען פון גאָלדפאַדענס פעדער ווי שוואַרצע טייוולאָנים. נאָר איצט איז זיין בליק געוועזן טיפער, זיין טאַלאַנט רייפער. דער טיכטיקסטער קעגנער פון בר כוכבא, דער פּרעדיקער פון קושן דעם שונאס רוט, איז געוועזן רבי אליעזר, און איצט ווערט ער געשילדערט גאָר אַנדערש".

גאָרין מיינט, אַלזאָ, צו זאָגן, אַז די אַפּאַטיע און דערשלאָגנ־קייט, וואָס האָט באַהערשט די יידישע באַפעלקערונג נאָך די בלוטיקע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט צוגענומען ביי גאָלדפאַדענען זיין קאַמפּס־לוסטיקייט קעגן אליעזרן, וועלכער פּרעדיקט אונטערטעני־קייט און נאָכגיביקייט צו דער הערשנדער מאַכט...

אָבער דאָך האָט די דאָזיקע אויסטייטשונג פון די היסטאָרישע געשעענישן אין אַלטן רוים, ווי מיר וועלן באַלד זעען, געהאַט גאָר אַ פאַרקערטע ווירקונג אויף דער רוסישער רעגירונגס־מאַכט.

זיין נייע פּיעסע, וועלכע ער האָט לויט זיין אייגענער דערקלערונג, באַאַרבעט פון פאַרשידענע היסטאָרישע קוועלן, האָט גאָלדפאַדען אָנגע־רופן „בר כוכבא, דער זון פון דעם שטערן, אָדער די לעצטע טעג פון ירו־שלים, אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע אין ריימען אין 4 אַקטן און אַ פּראָ־לאָג, מיט 14 בילדער", אָבער אין דער טעאַטער־וועלט גייט אָן „בר כוכבא" ווי אַ „היסטאָרישע אָפּערעטע", און באַלד נאָך איר אויפירונג איז זי געוואָרן איינע פון די יסוד־פּיעסעס פון מוזיקאַלישן יידישן טעאַטער ־ רעפּערטואַר איבער דער גאַנצער וועלט ביז היינט צו טאָג.

די מוזיק צו דער פּיעסע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך גאָלדפאַדענען פון פאַרשידענע קוועלן: מאָטיוון צו „דאָס פאָסטוכל" און „געקומען איז די צייט" האָט אים געגעבן מאָגולעסקאָ, די מוזיק צו „הער דו, בר כוכבא" איז גענומען פון ירוחם הקטנס „אהבה רבה" און די „וועכטער־מאָטיוון" אין לעצטן אַקט זענען גענומען פון נ. בלומענטאַלס „לכה דודי".

יוסף רומשינסקי ווייזט אָן, אַז די מוזיק צו „אַזוי זאָגט גאָט אַ צינד" איז גענומען פון וועלוועלע שעסטאַפּאַלעס „גואל מרגל", „די שבועה" איז אַ געמיש פון וועלוועלע שעסטאַפּאַלעס „צדיק כתמר יפרח" און הענדעלס „הללויה". דער „מאַרש צו דער קרוינונג" פלעגט שטענ־דיק האָבן אַ דאָפּלטע ווערסיע: ווען מ'האָט געשפּילט „בר כוכבא"

אין רוסלאַנד, פלעגט מען דאָרט באַנוצן אַ רומענישן פאָלקס־מאַרש און ווען מ'האָט די אָפּערעטע געשפּילט אין רומעניע האָט דער כּוזי־קער פינקעלשטיין צוגעפּאַסט צום קרוינונגס־מאַרש די מעלאָדיע פון דונאַיעווסקיס „אדון עולם".

„בר כוכבא" איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעאיש און איז אין 1927 אויפגעפירט געוואָרן אין ארץ־ישראל.

אָבער מיט „בר כוכבא" איז פאַרבונדן אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד. אָט די פּאַסידונג האָט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָל אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג און גאַנג פון דער יידישער בינע.

8

„גאָלדפאַדענס טעאַטער — שרייבן אויסלענדער און פינקל — האָט געהאַט נאָך פאַרביטערטע שונאים. דאָס זענען געווען פריער פאַר אַלץ די פאָרשטייער פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע צוזאַמען מיט דער יידישער געלט־אַריסטאָקראַטיע: פון פאַרשידענע קוועלן הערן מיר, אַז מסירות אויף דעם יידישן טעאַטער האָבן באַזונדערס געשטאַמט פון אונזערע גרויסע באַנקירן, די פאָנען־טרעגער פון דער אָפיציעלער השכלה און פון דער אידעע פון אַסימילאַציע. אויב אין די פריערדיקע צייטן האָבן די אידעאָלאָגן פון דער יידישער רעאַקציע באַנוגנט זיך מיט אַ העצע־קאָמפּאַניע אין דער רוסיש־יידישער פרעסע, איז דאָס איצט שוין, קאָנטיק, געווען ווייניק פאַר זיי. זייער פאַרלאַנג איז געווען צו אַרויסרופן אַ דירעקטן פאַרבאָט פון יידישן טעאַטער".

און „בר כוכבא" האָט געגעבן די געלעגנהייט דערצו.

ב. גאָרין האַלט אָבער, אַז דער גאַנצער ענין האָט געהאַט זיין שורש אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די יידישע טעאַטערס: „עס האָט לאַנג נישט גענומען און גאָלדפאַדען איז ווידער געוואָרן דירעקטאָר אין דעם טעאַטער אין אָדעס, נאָר איצט איז די מלוכה געווען צעטיילט צווישן אים, לערנער און שייקעוויטש, אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעריי צווישן זיי און גאָלדפאַדענען איז געלונגען אַרויסצושטופּן לערנערן פון טעאַטער. גאָלדפאַדען האָט בייב צוריקקערן זיך קיין אָדעס מיטגעבראַכט זיין צווייטע היסטאָרישע פּיעסע

„בר כוכבא" און מיט מאַגולעסקאַן ביי דער זייט איז ער גיך פאַרטיק געוואָרן מיט דער מוזיק. „בר כוכבא" האָט שטאַרק אויסגענומען, אָבער נאָך איידער גאָלדפאַדען האָט צייט געהאַט אָנצופרייען זיך מיט דעם דערפאָלג, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די ביטערע גזרה, וואָס האָט פאַרבאָטן יידיש טעאַטער אין גאַנץ רוסלאַנד. דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער 1883. מען זאָגט, אַז די גזרה האָט זיך גענומען פון אַ מסירה. עמיצער האָט געמסרט, אַז „בר כוכבא" איז נישט קיין כשרע שטיק און אַז דער פּראָלאָג איז געצילט קעגן דער רעגירונג. מען זאָגט אויך, אַז די מסירה איז געקומען פון אַ פּראָפעסער, וועלכער האָט נישט אַזוי שלעכט געמיינט ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט. ער האָט גע־האָפט צו ווערן אַ צענזאָר און דאָס וואָלט אים געגעבן די אויבער־האַנט אין טעאַטער".

דער פאַרבאָט איז געווען דאַטירט דעם 17 אויגוסט 1883 אין פּעטערבורג און דער אסור צו שפּילן יידיש טעאַטער איז געווען גיל־טיק פאַר דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע. דערביי זענען פון דער העכערער מאַכט פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו די לאָקאַלע אַמטן שטרענגע אָנווייזונגען אָפּצוהיטן דעם פאַרבאָט.

גאָרין רופט נישט אָן דעם מסור דייטלעך ביים נאָמען. ער ווייזט נאָר אָנצוהערן, אַז דאָס האָט געטאָן גאָלדפאַדענס אַ קאָנקורענט, אַ מחבר, וואָס האָט געגלויבט, אַז דער פאַרבאָט וועט נישט זיין קיין אַל־געמיינער, נאָר אַ שטרענגערער ווי די פריערדיקע, דהינו, אַז די אַקטי־קע צענזור זאָל גענוי מיט אַלע חומרות איבערלייענען די פּיעסעס, וועלכע מען גייט שפּילן, און אין אַזאַ פאַל, וועט ער, וועלכער האָט אונטערגעטראָגן די מסירה, באַשטימט ווערן אַלס צענזאָר, און דאַ־מאָלט ווען דאָס אויפירן אַ פּיעסע וועט ליגן אין זיינע הענט, וועט ער קאָנען אונטערדריקן גאָלדפאַדענען און ווערן דער הויפּט בעל־דעה איבערן יידישן טעאַטער.

קלאָרער אָבער וועגן דעם ענין האָט זיך אויסגעדריקט אַ געווי־סער פעלדבערג, גאָלדפאַדענס אַ שוואָגער: „אין אונטערגאַנג פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד האָט ער, לערנער, געהאַט אַ האַנט. איצט שרייבט דער משומד לערנער די „יודישע היסטאָריע" איז ער נישט אומפאַרשעמט?!".

לערנער האָט צו יענער צייט (1887) איבערזעצט אויף יידיש גורעצם „יידישע געשיכטע".

קיין פּאַקטישע באַווייזן קעגן לערנערן זענען, אייגנטלעך, נישט געווען, נאָר זיין טונקעלע פאַרגאַנגנהייט, זיין שפּעטערדיקער יומד און דער פאַרביטערטער קאָנקורענץ־קאַמף קעגן גאָלדפאַדענען זענען געווען די יסודות פאַרן דאַזיקן חשד. אָבער בכלל איז לערנער נישט געווען באַליבט. אַזוי דריקט זיך אויס וועגן אים יעקב גאָרדין: „לער־נערן געדענק איך זייער גוט. אָבער זאָל ער מיר מוחל זיין, ער איז אַן אַנטיפּאַטישער מענטש, און איך האָב אים קיינמאָל נישט ליב גע־האַט. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ. זיין איינציקער אידעאַל, זיין איינציקער גאָט איז געווען אָסיפּ לער־נער. אַ מענטש, וואָס האָט אַזאַ קליינעם מיזעראַבעלן גאָט — קאָן נישט זיין גרויס".

אויב די פריערדיקע גזרות קעגן יידישן טעאַטער, האָט מען נאָך געקאָנט אָפּבעטן, איז די נייע גזרה געווען זייער אַ שטרענגע. דער פאַרבאָט איז געווען גילטיק אויף גאַנץ רוסלאַנד. צווישן די יידישע אַק־טיאָרן איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע מהומה. זיי האָבן גענומען וואַנ־דערן קיין אויסלאַנד. אַ קליינער טייל איז פאַרבליבן אין אָדעס און בדי ארויסצושלאָגן דאָס שטיקל ברויט, האָבן זיי זיך באַטייליקט אין די „פאָרשטעלונגען פון אַ ענגליש־אַמעריקאַנישע טרופּע קאָמיקער, גימנאַסטן און אַקראָבאַטן". אַ טרופּע מיט ספּיוואַקאָווסקי, לייזער צוקערמאַן, אַבאַ שיינגאָלד, שרה גאָלדשטיין־קאַרפּ, גאָלדשמידט, י. וויינשטאָק, שואל וויינשטיין, קויפמאַן, זאַקס א. א., וואָס האָט בעת דער גזרה, געשפּילט אין לאָדזש, איז אונטער דער אָנפירונג פון סופּ־לער בערגער אָפּגעפאָרן קיין קעניגסבערג (פּרייסן), וואו זיי האָבן גע־שפּילט 2 חדשים, דערנאָך צוויי וואָכן אין דאַנציג און זענען אויעק קיין בערלין. לאַטיינער, מאָגולעסקאָ און די אַנדערע יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשטאַמט פון רומעניע, זענען באַלד צוריקגעפאָרן קיין רומעניע, וואו מאָרים פינקל האָט אָנגעהויבן אָנצופירן מיט דער טרופּע. ווידער אַנדערע אַקטיאָרן האָבן אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן.

אויך גאָלדפאַדען, וועמען די גזרה האָט געטראָפן אין וועג, האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן רוסלאַנד, היות ווי זיין הויפּט־

באשעפטיגונג — דאָס יידישע טעאַטער האָט פאַרלוירן יעדע עקסיס־טענץ־מעגלעכקייט אין רוסלאַנד.

באַלד דערמאָנט זיך אָבער גאָלדפאַדען, אַז אַ חוץ דראַמאַטורג איז ער אויך אַ שריפטשטעלער, אַ דיכטער, און אויב דאָס געֶ ר ע ד ט ע יידישע וואָרט איז פאַרווערט, איז אָבער דאָס געֶ ד ר ו ק ט ע יידישע וואָרט נישט פאַרבאָטן, און ער גיט באַלד אַרויס אין אָדעס אַ זאַמלונג פון פאָלקסלידער, הומאָריסטישע און ערנסטע אונטערן נאָמען „דאָס פידעלע". מיט דערדאָזיקער זאַמלונג לידער ענדערט זיך אויך גאָלדפאַדענס שטעלונג צו דער יידישער שפּראַך: „איך אַליין — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע אין שיכות צו זיין אָנהייב־טעטיקייט ביים יידישן טעאַטער — בין געווען דער ערשטער קעגנער פון ליבהאָבער־דאָלן אויף דער יידישער בינע, וועגן אייניקע גרינדע: ערשטנס! מוז געוויינלעך דאָס ליבעס־פּאָר אויף דער בינע פירן אַן עלעגאַנטע דייטשע שפּראַכע, און אַזוי ווי די עלעגאַנטע דייטשע שפּראַכע האָבן יענע אַקטיאָרן נישט געקענט, פלעגט דאָס פּובליקום פאַרדרייען מיט די קעפּ, ווערנד אַן אַקטיאָר האָט גערעדט אַ דייטש וואָרט. פון דעם יידישן טעאַטער האָט מען געפאָדערט ריין יידיש, אָבער אונזער ריין־יידישע שפּראַך איז מער געאייגנעט צו אַ וויץ ווי צו אַן ערנסט און באמת! וואָס פאַר אַ פּנים און אַ טעם האָט עס געקאָנט האָבן ווען אַ יידישער לאַנגער באהעלפער־יונג האָט זיך אויסגעצויגן און האָט געזאָגט זיין געליבטער: „דאָס האַרץ קלאַפּט מיר". אין אַלע שפּראַכן האָט עס אַ טעם, נאָר אין זשאַרגאָן האָט עס עפּעס אַ נאָך ריח... דער ייד ווייסט גאָרנישט דערפון. דעם יידן קלאַפּט קיינמאָל נישט דאָס האַרץ. „דאָס האַרץ איז מיר פאַרחלשט" — דריקט זיך אויס דער ייד. „איך וואָלט עפּעס געוואָלט איבערכאַפּן" אָבער ס'זאָל אים קלאַפּן זיין האַרץ פון ליבעס־געפילע, פון דעם ווייסט ער נישט".

ווי גאָלדפאַדענס דאַמאָלטיקע שטעלונג צו יידיש דערמאָנט אין דער אַמאָליקער פרײַ־באַציונג צו יידיש, אין זיין „מאָניש":

„אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען

ווען כ'וואָלט פאַר גוֹיים גוייש זינגען"

און ווייטער:

„קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן
ס'האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל
נישט קיין פּאַסנד וואָרט, קיין סטיל"
אָדער אַפילו מאָרים ווינטשעווסקים:
„פון יידישע ווערטער אַלטמאָדישע
פון איינפאַכע רייד, אָן אַ קלאַנג
פון טענער, אָפט ווייניק מעלאָדישע"

איצט אָבער, אין זיין פאָרוואָרט צו „שולמית", וואָס איז אַרויס אין 1883, שרייבט גאָלדפאַדען: „דאָס פובליקום, וואָס האָט שוין גע־זען שפּילן „שולמית" אויף דער בינע, וועט באַמערקן יעצט וויפל איך האָב געענדערט אַ טייל שטעלן. די אורזאַכע דערפון וועל איך זיי דער־ציילן באַריכות אין מיין ווערק „די ביאָגראַפיע פונעם יידישן טעאַ־טער". פאַר דער האַנט האָב איך נאָך מיך צו שלאָגן אַצינד איין „על חטא" פאַר דעם פובליקום „שחטאתי" מיט די עטלעכע דייטשע ווער־טער, וואָס וואַרפן זיך דורך אין דעם ספר בשוגג — גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך בין דאָס אויך נישט גערן, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מסתמא איז אַזוי באַשערט".

גאָלדפאַדען דערנענטערט זיך איצט צו דער חבת־ציון־באַוועגונג, ווי עס באַווייזט זיין נייע זאַמלונג לידער „ישראליק", וואָס איז דערשינען אין 1884 אין אָדעס, און אויך די אַנדערע לידער פון יענער צייט ווי „וואַניושאַ בן ישי" און „יודעל סעמיט". אין די אַלע לידער פראָקלאַמירט ער די שטרעבונג און האָפנונג פון יידן צו ווערן אַ פאָלק גלייך מיט אַלע פעלקער אויפן אייגענעם באָדן.

עס זענען נישטאָ פאָרלויפיק קיין דאַטן וועגן דעם ווי אַזוי די יידישע אַקטיאָרן האָבן מיט פאַרשידענע קונצן געמאַכט אַ דורכברוך אין דעם שטרענגן פעטערבורגער גזירה, אָבער ס'איז פאָרט אַ פאַקט, אַז גאָר אינגיכן נאָכן פאַרבאָט האָט מען דאָ און דאָרט געמאַכט אַזעלכע פרובן. דאָס האָבן געטאָן די יידישע אַקטיאָרן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין איינע פון די טיילן פון דער גרויסער רוסישער אימ־פעריע.

אַזאַ ברוב איז אויך געמאַכט געוואָרן אין וואַרשע, די הויפּט־שטאָט פון דעם „פּריווויסלאַנסקי קריי", ווי די צאַרישע מאַכט האָט

אָנגערופן די מדינה פוילן, וואָס איז געווען אונטער איר קנאַפּל. די שטאָט איז געווען אַן עכט פּוילישע מיט אַ גרויסע פּוילישע און יידי־שע באַפעלקערונג. זיי האָבן גערעדט זייערע שפּראַכן: פּויליש און יידיש. אַ זייער דינער שיכט פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון רוסן. דאָס זענען געווען רעגירונגס־באַאמטע, מיליטערישע פאַר־שטייער און אינטעליגענץ. די צאַרישע פאַרוואַלטונג האָט זיך מיט גוואַלד באַמיט צו ר ו ס י פ י צ י ר ן די שטאָט. אַזוי איז דאָרט אויסגעהאַלטן געוואָרן אַ רוסיש טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון אַ געוויסער ליציענקאַ, אַ קאַקאָטע, אַ מאַטרעסע פון אַ הויכן רוסיש' באַאַמטן. די רוסישע טרופּע האָט געמאַכט ביטערע געשעפטן, די סוב־סידיע איז נישט געווען גענוגנט, און כדי צו פאַרקלענערן איר דעפי־ציט, איז די דירעקטאָרשע געפאַלן אויפן פּלאַן אַריינצונעמען אין איר טעאַטער אַ יידישע טרופּע. היות ווי יידיש טעאַטער אין דער י י ד י ש ע ר שפּראַך איז אָבער געווען פאַרווערט, איז מען געפאַלן אויפן פּלאַץ צו רופן די טרופּע „י י ד י ש ־ ד י י ט ש", וואָס האָט געזאָלט באַדייטן, אַז די אַקטיאָרן זענען טאַקע י י ד ן , נאָר זיי שפּילן אויף ד י י ט ש, און דייטש טעאַטער איז דאָך נישט פאַר־ווערט.

הערנדיק וועגן דער מעגלעכקייט אויפצולעבן זיין טעאַטער־קאַריערע, רייסט גאָלדפאַדען באַלד איבער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט און פאָרט קיין וואַרשע, וואו ער שפּילט אין משך פון די יאָרן 1885 ביז 1887. בעת די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען מערקווירדיקע עפּיזאָדן. אַזוי דערציילן די עלטערע אַקטיאָרן, אַז די רוסישע דירעק־טאָרשע האָט איינגעפירט, אַז די יידישע פּיעסע פלעגט געשפּילט ווערן נאָך דער רוסישער פאָרשטעלונג. די פאָרשטעלונגען פלעגן זייער גוט באַזוכט ווערן מצד יידן, אָבער זיי פלעגן קומען זייער שפּעט, נאָכ־דעם ווי די רוסישע פּיעסע איז שוין געשפּילט געוואָרן. דאָס האָט דער דירעקטאָרשע פאַרדראָסן, האָט זי אַריינגעפירט די יידישע פּיעסעס אין מיטן פון דער רוסישער פאָרשטעלונג, איז דער יידישער עולם אָפּגע־זעסן איבער דער יידישער פאָרשטעלונג און ווען מ'האָט געדאַרפט פאַרענדיקן די רוסישע פּיעסע, איז שוין, אַ חוץ די געציילטע רוסי־שע באַאַמטע קיינער נישט געווען אין טעאַטער. אויף אַזאַ דייטלעכן

אופן האָט דער יידישער עולם אַרויסגעוויזן זיין אָפּנייגונג צו זייער געצוואונגענער רוסיפיקאַציע, און אַז ער איז בלויז פאַראינטערעסירט אין אייגענעם י י ד י ש ן טעאַטער.

דיזאָזיקע און אַנדערע אומשטענדן האָבן צוגעפירט צו סכסוכים צווישן גאָלדפאַדענען און דער רוסישער דירעקטאָרשע. גאָלדפאַדען איז אָפּגעפאָרן מיט די אַקטיאָרן טאַנצמאַן קיין לאָדזש, האָט דאָרט געשפּילט אַ קורצע צייט און איז ווידער צוריקגעקומען אין וואַרשע.

צווישן אַנדערע פּיעסעס האָט גאָלדפאַדען אויפגעפירט אין וואַרשע זיין נייע פּיעסע „אחשורוש", וואָס שילדערט אין אַ טעאַטראַלער פאָרם די מגלת אסתר. די מוזיק צו דער פּיעסע האָט קאָמבינירט דער מוזיקער אליהו־זלמן יאַריכאָווסקי. די פאָרשטעלונגען אין וואַרשע האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, כמעט ווי אין די ערשטע טעג פון יידישן טעאַטער אין רומעניע. „שולמית" איז געגאַנגען 150 מאָל ביי געפּאַקטע הייזער, און שפּעטער ווען אַ פּוילישע טרופּע האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון שלעכטע געשעפטן, האָט זי, מיט אייניקע יידישע אַקטיאָרן אין קליינע ראָלן, אויפגעפירט אויף פּויליש „שולמית" און טאַקע מאָמענטאַל פאַרבעסערט אירע געשעפטן אויף אַ גלענצענדן אופן.

גאָלדפאַדענס דערפאָלג אין וואַרשע איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָ איז אויך דערשינען אַ ספּעציעל ביכל וועגן זיין טעאַטער — דאָס־מאָל אין העברעאיש: „במת ישחק" פון יהושע מזח. די יידישע פּרעסע אין וואַרשע האָט זייער זעלטן געשריבן וועגן גאָלדפאַדענס טעאַטער מיטן אויסרייד, אַז איר פּובליקום שעמט זיך צו גיין אין יידישן טעאַטער. אָבער די וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענטן פון דער רוסישער, רוסיש־יידישער און יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד, האָבן געשריבן וועגן דעם שפּילן, באַזונדערס וועגן די היסטאָרישע פּיעסעס.

בערך 3 יאָר האָט גאָלדפאַדען פאַרבראַכט אין פּוילן. דאָס איז געווען זיין ערשטער דירעקטער קומען אין קאָנטאַקט מיטן פּוילישן יידנטום, „און — באַמערקן אויסלענדער און פינקל — עס איז מערקווירדיק, וואָס די יאָרן, וועלכע גאָלדפאַדען האָט פאַרבראַכט אין פּוילען, האָבן קיינע שפּורן אין זיין שאַפן נישט געלאָזן" (בעת אין „דיביידע קוני לעמעלס" שילדערט ער לעמבערג, באַקענענדיק זיך מיט

גאַליציאַנער יידן, אין „פּאַדריאַטשיק״ שילדערט ער די בוקאָרעסטער סביבה און אין אַנדערע פּיעסעס שילדערט ער די אָדעסער סביבה).

אין 1887 האָט גאָלדפאַדען פאַרלאָזט ווארשע און איז צוזאַמען מיט זיין פרוי און דעם אַקטיאָר יעקב ספּיוואַקאָווסקי געפאָ״ן קיין אַמעריקע, וואו עס האָט זיך שוין דערווייל געהאַט אַנטוויקלט אַ יידי־שע בינע אָן אים, אָבער מיט זיינע פּיעסעס.

גאָלדפאַדענס אָפּפאָר פון איירָאָפּע האָט געעפנט אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. די יידישע טעאַטערס, וועלכע האָבן פּאָרט דאָ און דאָרט ווייטער עקסיסטירט, האָבן פאַרלוירן זייער אָנגעזעענסטן דראַמאַטורג און האָבן זיך געמוזט אָנהייבן שטיצן אויף אַנדערע פּיעסעס־שרייבער. פון דער אַנדערער זייט האָט גאָלדפאַדען אָנגעהויבן איצט צו גיין אויף אַ גאַנץ נייעם לעבנס־וועג. כל זמן ער איז געווען אין איירָאָפּע, האָט ער געשפּילט די הויפּט־ראָל אין יידישן טעאַטער. ער האָט עס דאָך געשאַפן און אויפגעצויגן, אַלע, סיי די אַק־טיאָרן, סיי דאָס פּובליקום, זענען דאָך דירעקטע פּרוכט פון זיין זריעה. ער האָט דאָס פעלד פאַראַקערט און פאַרזייט. דאָ האָט ער אָנגעפירט מיט טרופּעס און דאָ איז ער געווען דער הויפּט טאָן־געבער. די אַק־טיאָרן זענען געווען די נעבן־זאַך. וועמען ער האָט געוואָלט, האָט ער אָנגאַזשירט און פון וועמען ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען, האָט ער עס לייכט געקאָנט טאָן. דאָס איז געווען סיי אין רומעניע און סיי שפּעטער אין רוסלאַנד. אָבער איצט, קומענדיק אין אַמעריקע, איז דאָס בילד געווען גאָר אינגאַנצן אַנדערש.

דאָ האָט מען אָנגעהויבן צו שפּילן טעאַטער אָן גאָלדפאַדענען. אמת, אַז אויך דאָ זענען די ערשטע פּיעסעס, מיט וועלכע באָרים טאָ־מאַשעווסקי, די גאָלובאָקס און אַנדערע „ליבהאָבער״ האָבן געעפנט די טויערן פון יידישן טעאַטער, געווען פון גאָלדפאַדענס פּע״ער, און אַזוי אויך שפּעטער די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע טרופּע פון משה זיל־בערמאַן, אָבער פּאָרט איז דאָ, אין אַמעריקע, דאָס יידישע טעאַטער געבוירן געוואָרן אָן גאָלדפאַדענען, און דאָס פּובליקום האָט נישט געקאָנט האָבן צו אים די באַציאונג פון יראת הכבוד און דרך־ארץ ווי אין דער אַלטער היים. אויך די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן דאָ אַליין

אויפגעבויט זייער עקסיסטענץ, האָבן אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ אַנדערע באַציאונג צו גאָלדפאַדענען.

מיט גאָלדפאַדענס נסיעה קיין אַמעריקע פאַרענדיקט זיך אייגנט־לעך דער פעריאָד פון אברהמס גאָלדפאַדענס זעלבסטשטענדיקייט ביים יידישן טעאַטער, ביי דער אינסטיטוציע ,וועלכע ער האָט אויס־געדיכטעט, אויסגעטרוימט און אויסגעטראָגן.

9

ווען גאָלדפאַדען, זיין פרוי און ספּיוואַקאָווסקי זענען געקומען אין אַמעריקע, האָבן זיי דאָרט גיצטראָפן שפּילן איינציקע יידישע טרו־פּעס, וואָס אין זייע רשפּיץ זענע ןגעשטאַנען די מחברים לאַטיינער און הורוויץ, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער דראַמאַטורגישע טעטיקייט אין איירָאָפּע צוזאַמען מיט גאָלדפאַדענען, אָבער זענען דורך אים באַזינגט און כמעט באַזייטיקט געוואָרן. די אַקטיאָרן אין די ניו־יאָר־קער טרופּעס האָבן גוט געקענט גאָלדפאַדענען; אָדער זיי אַליין האָבן געשפּילט אין גאָלדפאַדענס טרופּעס אין רומעניע און אין רוסלאַנד, אָדער זיי האָבן פריער אין איירָאָפּע געשפּילט מיט אַזעלכע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געשפּילט ביי גאָלדפאַדענען, און האָבן זיך פון זייערע קאָלעגעס זייער פיל אָנגעהערט וועגן גאָלדפאַדענען. דעריבער איז די גאַנצע יידישע „טעאַטער־וועלט” אַרויסגעפאָרן מקבל־פּנים זיין די געסט.

אָבער דער אָפיציעלער קבלת־פּנים איז זיך געווען איין זאַך און דער אופן ווי אַזוי די זעלבע אַקטיאָרן האָבן קורץ דערויף זיך באַ־צויגן צו גאָלדפאַדענען איז אַן אַנדערע זאַך.

גאָלדפאַדען אַליין דערציילט גאָרנישט אין זיין אויטאָביאָגראַ־פיע וועגן זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע. מיר וועלן דעריבער זיך מוזן באַגנוגענען מיט אויסהערן איין צד — דעם יידישן אַקטיאָר.

אַזוי דערציילט דער באַרימטער יידישער שוישפּילער דוד קעס־לער פּאָלגנדיקעס: „מיר זענען אַלע געקומען אָפּוואַרטן גאָלדפאַדע־נען ביי דער שיף. די גאַנצע קאָמפּאַניע [טרופּע] איז דאָרט געווען. מיר האָבן, ערשטנס, געוואָלט ווייזן ווי ווייט מיר האָבן זיך אַרויפ־

געאַרבעט אין אַמעריקע. מיר האָבן אים, צווייטנס, געוואָלט ווייזן ווי גוט מיר קאָנען שפּילן. מיר האָבן אים און ספּיוואַקאָווסקין גלייך איינגעלאַדן אין טעאַטער צו זיין „בר כוכבא", וועלכע מיר האָבן געוואָלט שפּילן יענעם אָוונט, ספּעציעל צו זיין כבוד. מיר זענען געווען זיכער, אַז גאָלדפאַדען וועט אָננעמען מיט דאַנקבאַרקייט אונזער פּריינטשאַפט. עס האָט זיך אָבער גאָרנישט אָנגעהויבן. גאָלדאַפדענען האָט נישט געפּאַסט אַריינצוקומען צו אונז אַלס געוויינלעכער גאַסט. גאָלדפאַדענען האָט נישט געפּאַסט אַוועקצוואַרפן זיין היימישן יחוס, און ער האָט געוואָלט אַריין צו אונז, אָבער אויף איין תנאי — און דער תנאי איז געווען, אַז ער זאָל בלייבן אונזער דירעקטאָר. איך קאָן נישט פאַרגעסן זיינע ווערטער, וועלכע ער האָט דאַן קלאָר און אָפן אונז אַלעמען געזאָגט אין די אויגן: „אום צו גיין אין אַ טעאַטער, מוז איך האָבן אַן אייגן טעאַטער. אין אַ פרעמדן טעאַטער וועל איך נישט גיין". דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָבן מיר אַלע, די גרויסע ווי די קליינע, זיך דערשראָקן און זיך צוזאַמענגעקליבן ווי אַ סטאַדע שעפּסן ווען זיי דערזען אַ וואָלף אָנקומענדיק. די גרויסע האָבן איינפאַך מורא געהאַט צו פאַרלירן זייער פירערשאַפט איבער אונז, די קלענערע האָבן זיך איבערהויפּט געשראָקן פאַר נייע צרות, ווייל זיי האָבן זיך שוין ווי עס איז געהאַט איינגעלעבט מיט די אַלטע. מיר האָבן נישט אָרגאַניזירט קיין אָפיציעלע יוניאָן, נאָר מיר האָבן אָפּגעמאַכט צו זיין פאַראייניקט און נישט דערלאָזן בשום אופן גאָלדפאַדענען צו נעמען אַן אויבערהאַנט איבער אונזער טרופּע. גאָלדפאַדען האָט זיך אָבער צונויפגערעדט מיט אונזערע מענעדזשערס*). ער האָט זיי גענומען אויפּווייזן, וואָס ער וואָלט געקאָנט מאַכן פון אונזער טרופּע ווען זיי וואָלטן אים איבערגעגעבן די לייצעס אין זיינע הענט. די מענעדזשערס האָבן זיך לכתחילה געקווענקעלט, דערנאָך זענען זיי צוגעשטאַנען צו אים. דאַן זענען זיי געקומען צו אונז מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן וועגן שפּילן אונטער גאָלדפאַדענס דירעקטאָרשיפּ**), מיר האָבן זיך אָנטזאָגט, זיי האָבן גענומען סטראַשען, אַז זיי

---

*) טעאַטער־דירעקטאָרן, פאַרוואַלטער.
**) אָנפירונג

וועלן ארויסוואַרפן די אומצופרידענע, אַז זיי וועלן איבעראָרגאַניזירן די גאַנצע טרופּע. מיר האָבן זיך פאַר דעם נישט דערשראָקן. די מענעדזשערס האָבן דאַן פּלוצלונג גענומען און פונאַנדערגעשפּרייט די ידיעה, אַז זיי גייען שפּילן „בר כוכבא" אונטער גאָלדפאַדענס אויפזיכט. מיר האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעקליבן און ערקלערט אַ סטרייק. זיי האָבן געהאַט נאָר צוויי סטרייקברעכער; ביידע פרויען — פינקל און קאַרפּ, צו זיי האָט דאָס נייע מענעדזשעמענט צוגעדונגען נאָך עטלעכע. מיר האָבן „געפּיקעט"***) דאָס טעאַטער. קיין אַרעסטן האָבן אויך נישט געפעלט. מיך האָט מען אויך איינמאָל אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין עסיק סטריט פּאָליציי־סטיישאָן, פון וואַנען מען האָט מיך דערנאָך אויסגעביילט".****)

די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן פאַרסטרייקט קעגן גאָלדפאַדענען זענען געווען דוד קעסלער, מאָגולעסקאָ, פינק לאון פיינמאַן — כמעט אַלע, וועלכע ער האָט אויף דער יידישער בינע אַרויפגעבראַכט.

וועגן סטרייק גופא דערציילט לעאָן בלאַנק אין זיינע זכרונות וועגן מאָגולעסקאָן: „איינמאָל זענען די מענעדזשערס צוגעגאַנגען צו מאָגולעסקאָן און אים געזאָגט גאַנץ „איידל", אַז ער זאָל מוחל זיין נעמען די גאַנצע טרופּע זיינע און אַרויס פון טעאַטער. וואָס איז געשען? אברהם גאָלדפאַדען האָט אויסגעדונגען דאָס טעאַטער און קלייבט זיך אַהין איבער מיט אַ טרופּע, וואָס ער וועט אַליין צונויפשטעלן און דאָס טעאַטער וועט שוין טראָגן זיין נאָמען „אברהם גאָלדפאַדענס טעאַטער". עס האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות, מאָגולעסקאָ האָט געמוזט אַרויס. אייניקע פון אונזער טרופּע זענען געבליבן מיט גאָלדפאַדענען — קאַרפּ, מרס' קאַרפּ, מאַקס אַבראַמאָוויטש און נאָך עטלעכע אַקטיאָרן... נישט קוקנדיק דערויף וואָס מיר זענען נישט געווען אָרגאַניזירט, האָבן מיר זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן שטאָל און אייזן. מיר האָבן אונזער קאַמף קעגן גאָלדפאַדענען געגעבן דעם כאַראַקטער פון אַ סטרייק, און איך מוז זאָגן, אַז לויט מיין מיינונג, איז דאָס געווען איינער פ ודי שענסטע סטרייקס, וואָס איך האָב ווען עס

***) געהיט דאָס פּלאַץ קעגן סטרייק־ברעכער

****) אַרויסגענומען אויף קויציע.

איז געזען. נישט צונויפּרײדנדיק זיך אײנער מיטן אַנדערן, האָט דאָס פּובליקום מיטגעסטרײקט מיט אונז. מען איז נישט געגאַנגען צו גאָלדפאַדענען אין טעאַטער".

די גאַנצע געשיכטע װעגן דעם קאַמף קעגן גאָלדפאַדענען באַהאַנדלט משה זײפערט אין זײן „געשיכטע פון יידישן טעאַטער". ער קומט אָבער צו אַ גאַנץ אַנדערן אױספיר: „די צײט װען אברהם גאָלדפאַדען איז פון אײראָפּע נאָך ניו־יאָרק געקומען מיט דער אַבזיכט די יידישע בינע צו לײטן און אַ גוטן יידישן רעפּערטואַר צו שאַפן. אָבער גראַדע אין דעם װיכטיקן מאָמענט האָבן די קאָמפּאַניעס פון בײדע יידישע טעאַטערס יד אחת געמאַכט און האָבן אים צו דער בינע נישט צוגעלאָזן, כאָטש זײ האָבן בײדע זײן רעפּערטואַר מיט אַ געװיסע פאָרליבע געשפּילט, און כאָטש זײנע פּיעסן האָבן זײ גרעסערע אײנאַמען געגעבן װי דער גאַנצער פּאַק פּיעסן פון אַנדערע אױטאָרן. די שױשפּילער רעכטפערטיקן דיזע אומגערעכטע צוריקװײזונג מיט צװײ תירוצים: ערשטנס, זאָגן זײ, װאָלט זײ אברהם גאָלדפאַדען פ אַ ר ש ק ל אַ פּ ט װי ער האָט דאָס געטאָן אין אײראָפּע, און צװײטנס איז ער זײער װײניק פּ ר אָ ד ו ק ט י װ, דאָס הײסט בײ אים נעמט זײער לאַנג ביז ער שרײבט אָן אַ פּיעסע. אָבער בײדע תירוצים זענען פאַלש! אברהם גאָלדפאַדען איז גאָרנישט אַזױ נאַאיװ געװען צו גלײבן, אַז אין אַמעריקע קאָן מען עמעצן פאַרשקלאַפן; אַלץ, װאָס ער האָט פון זײ פאַרלאַנגט איז נאָר געװען צו היטן די בינע װי עכטע שױשפּילער און צו געניסן אירע פריכטע, און װאָס עס איז שײך צו אברהם גאָלדפאַדענס אומפּראָדוקטיװיטעט, איז דאָס נאָר אַ שלעכטער אױסרײד. די שױשפּילער װײסן זײער גוט, אַז אברהם גאָלדפאַדענס צװײ פּיעסן אין אַ סעזאָן װאָלטן מער געלט געגעבן װי אַ גאַנצער דוצנד פּיעסן פון אַנדערע אַקטיאָרן. דער ריכטיקער תירוץ אױף דעם פאַרװאָס זײ האָבן דעם זשעניאַלן אברהם גאָלדפאַדען צו דער בינע נישט צוגעלאָזן, איז דער, דאָס די שױשפּילער פון בײדע טעאַטערע האָבן זיך שױן דאַמאָלט באַטראַכט אַלס סטאַרס, אין די ראָלן פון קיסרים, מלכים, פרינצן, פירשטן, גראַפן, לאָרדן און באַראָנען איז זײ שױן „אָנגענעמער" געװען צו שפּילן, און

אברהם גאָלדפאַדען, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס קאָן ער שאַפן? ווידער אַ יידן און אָבער אַ יידן!"

אָבער גאָלדפאַדען האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ווײַבאַלד איי־ניקע אַקטיאָרן, כאָטש די וויכטיקסטע האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן נישט שפּילן אין דעם טעאַטער אויב גאָלדפאַדען וועט זיך נישט צו־ריקציען, האָט גאָלדפאַדען באַשלאָסן צו שפּילן אין דעם טעאַטער מיט אַנדערע אַקטיאָרן. אייניקע פון דער פריערדיקער טרופּע ווי משה און אסתר זילבערמאַן, מאַקס און סאָפיע קאַרפּ זענען באַלד פאַרבליבן און זענען פון די סטרייקנדע אַקטיאָרן באַטראַכט געוואָרן אַלס סטרייק־ברעכער. מאָריס פינקל, וואָס איז לכתחילה אַוועק מיט די סטרייקער, האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז באַלד צוריקגעקומען צו גאָלדפאַדע־נען. אָבער מיט זיי אַליין האָט מען נאָך נישט געקאָנט שפּילן און גאָלד־פאַדען האָט אויסגעזוכט „ליבהאָבער" און מיט זיי אויפגעפירט אין רומעניע אָפּערע־הויז זיין נייע, ביז דאַמאָלט נאָך אין ערגעץ נישט געשפּילטע אָפּערעטע „אין גיהינום און גן עדן". דאָס איז אייגנטלעך די שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרענע אָפּערעטע „לא תחמוד, אָדער, דאָס צענטע געבאָט". די פּיעסע האָט גאָלדפאַדען אָנגעשריבן נאָך אין סוף 1882 אין אָדעס און אָביסל שפּעטער איז זי דורכן אָדעסער צענ־זאָר דערלויבט געוואָרן צום שפּילן, אָבער דערווייל איז אַרויס דער אסור צו שפּילן יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד און די פּיעסע איז נישט אויפגעפירט געוואָרן.

די פּיעסע איז שפּעטער אונטער פאַרשידענע נעמען געשפּילט געוואָרן זייער אָפט אויף אַלע יידישע בינעס. זי האָט אויך דערלעבט דריי מאָדערניזירטע קינסטלערישע אויפפירונגען דורך גראַנאָווסקין אין מאָסקווע, דורך טורקאָוון אין וואַרשע און דורך שוואַרצן אין ניו־יאָרק.

אָבער בעת זי איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרקער רומעניע אָפּערע הויז, האָט זי קיין גרויסן דערפאָלג נישט געהאַט. צי דאָס שפּילן פון דער טרופּע איז שולדיק געווען, צי דער גוט געפירטער סטרייק און די קאָנקורענץ פון די יידישע אַקטיאָרן, אָבער די לעצטע שורה איז געווען, אַז די מענעדזשערס פון רומעניע

אָפּערע הויז האָבן באַזייטיקט גאָלדפאַדענען און צוריק אַריינגענומען צו זיך די סטרייקענדע טרופּע.

דאָס איז געווען פאַר גאָלדפאַדענען אַ גרויסער קלאַפּ. ער, וואָס האָט אפשר געחלומט זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, איז פון אים גאָר אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, און דורך וועמען? — דורך די זעלבע מענטשן, וועלכע ער האָט אויף דער בינע אַרויפגענומען, דורך די זעלבע, וועלכע זענען געוואָרן אַקטיאָרן אדאַנק זיינע פּיעסעס, אַ דאַנק זיין רעזשי, דורך זיין אָפּגעבן זיך מיט זיי.

אָבער אין ניו־יאָרק האָט ער מער נישט געהאַט קיין פּלאַץ און אין אַ שווידערלעך מאַטעריעלן צושטאַנד לאָזט זיך גאָלדפאַדען איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ. קיין סך שטעט וואו מען זאָל שפּילן יידיש טעאַטער, זענען דאַמאָלט נישט געווען. אין שיקאַגאָ האָט געשפּילט איין יידישע טרופּע און אין באָסטאָן האָט געשפּילט באָרים טאָמאַשעווסקי מיט אַ טרופּע. גאָלדפאַדען האָט זיך צונויפגערעדט מיטן אַקטיאָר יעקב גאַרטענשטיין, וועלכער איז אויך נישט לאַנג צוריק געקומען פון איראָפּע, און ביידע קומען זיי אין באָסטאָן כדי צו קאָנקורירן מיט טאָמאַשעווסקיס טרופּע. אָבער גאָלדפאַדען איז געווען צו שוואַך צו קאָנקורירן. ער האָט זיך געפונען אין אַזאַ קריטישע לאַגע, אַז ער איז אַזש —ווי בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין אירע מעמוארן — געגאַנגען אין צעריסענע שיך, און טאָמאַשעווסקי מאַכט מיט אים שותפות, אָבער דאָס האַלט אָן אַ קורצע צייט און גאָלדפאַדען פאָרט ווידער צוריק קיין ניו־יאָרק.

צום פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער קאָן ער אָבער נישט צוקומען. עס איז פולשטענדיק באַהערשט פון הורוויצן און לאַטיינערן, פּרובט גאָלדפאַדען ווערן צוריק שריפטשטעלער. נעמענדיק אין אַכט דעם וואַרעמען קבלת־פּנים, וואָס די מער אַנטוויקלטע לעזער האָבן אים אַרויסגעוויזן, האָט ער דעם 22 אָקטאָבער 1887 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ניו־יאָרק אַ צוויי־וואָכנבלאַט „ניו־יאָרקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג". צוערשט איז דערשינען אַ „פּראָבע־נומער", דערנאָך זענען דערשינען 17 נומערן, אָבער אין לעצטן נומער ווערט דערציילט, אַז גאָלדפאַדען איז פאַר אַן אַרטיקל „טעלעגראַמען אָן

וחלקלקות אויס פילאַדעלפיע" געשטעלט געוואָרן אונטער 1000 דאָ־לאַר בייל*) און דאָס צוויי־וואָכנבלאַט האָט אויפגעהערט אַרויסצוגיין.

אָבער צוטרעטנדיק צו זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט, האָט זיך גאָלדפאַדען אויך גלייכצייטיק נישט אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון יידישן טעאַטער, נאָר נישט קאָנענדיק דורכקומען מיט די פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, האָט ער געגרינדעט אַ פאַראיין „ליראַ", וואָס איז אייגנט־לעך געווען אַ מין דראַמאַטישע שול. צו דעם צוועק האָט ער פאַר־עפנטלעכט אין זיין בלאַט אַן אַנאָנס, וואָס לייענט זיך אַזוי אין אונ־זער היינטיקן יידיש: „לויט דער איניציאַטיוו פון גרינדער פון יידישן טעאַטער, הער גאָלדפאַדען, האָט זיך נישט לאַנג געגרינדעט אַ פאַר־איין, וועלכער שטעלט זיך די אויפגאַבע צו אַנטוויקלען די קונסט פון דער יידישער דראַמע. צו דעם צוועק וועלן אַריינגענומען ווערן אַלס מיטגלידער נאָר אַזעלכע יונגע מענער און פרויען, וועלכע באַזיצן גע־וויסערמאָס טאַלאַנט פאַר דער בינע און אַ שטימע צו זינגען. דער גרעסטער טייל מיטגלידער באַשטייען פון אַרבעטער־קלאַס; דער יונ־גער אַרבעטער, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין מאַטעריעלע טאָג־אַרבעט, ווידמעט די פרייע שעהן, וואָס זענען אים פאַרבליבן, צו גייסטיקע צעשטרייאונג פאַר נוצלעכער קונסט. עס איז אָבער זייער וויכטיק צו באַמערקן, אַז די ערשטע אויפגאַבע פון יעדן פאַראיינס־מיטגליד באַשטייט, דער עיקר, אין דער מאָראַל און נישט־באַפלעקטער אויפירונג. ה' גאָלדפאַדען לערנט אומזיסט מוזיק, פּאָרטראַג און שטע־לונג אויף דער בינע. עס ווערט איינשטודירט איינע פון גאָלדפאַדענס פיעסעס. די מיטינגען און פּראָבעס ווערן אָפּגעהאַלטן יעדן זונטאָג אין אַמעריקאַן סטאַר־האָל, 165 איסט בראָדוויי".

עס זעט אויס, אַז מער ווי איין פאָרשטעלונג מיט דער גרופּע האָט גאָלדפאַדען נישט געהאַט: דאָס איז פאָרגעקומען דעם 7 יולי 1888 אין ווינדזאָר טעאַטער. געשפּילט האָט מען „די צוויבער טראָמ־פּייטע, אָדער, דער אָנקל וועט משלם זיין", וואָס דאָס איז געווען גאָלדפאַדענס אָפּערעטע „טורוס בלאָז".

דידאָזיקע דראַמאַטישע שול איז שפּעטער געפירט געוואָרן פון די אַקטיאָרן פיינמאַן און קאַרפּ. צווישן די תלמידים פון דער דאָזי־

*) קויציע

קער שול האָבן זיך אויך געפונען די שפּעטערדיקע פּאָפּולערע יידישע שוישפּילער מאָרים מאָשקאָוויטש, גוסטאוו שאכט, דוד לעווענזאָן, סאָול וואַלערשטיין, זיגמונט וויינטרויב און בעלאַ גודינסקאַ.

דערנאָך איז דידאַזיקע שול געפירט געוואָרן פון די שרייבער יעקב גאָרדין, יאָהאַן פּאָליי, מ. זייפערט און לואי מילער.

אָבערביידע זאַכן, סיי די צייטונג און סיי די דראַמאַטישע גרופּע זענען נישט געווען קיין מאָראַלישער און נישט קיין מאַטעריעלער דערפאָלג פון גאָלדפאַדענען, און כאָטש ער האָט געזען די פרייע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן לויט וועלכע דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע קאָן זיך אַנטוויקלען, האָט ער פאַרלאָזט אַמעריקע און איז, צום ערשטן מאָל, געפאָרן קיין לאָנדאָן.

דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע איז ווייטער געבליבן אין דער ממשלה פון „פּראָפעסאָר" הורוויץ און יאָזעף לאַטיינער...

10

ווען גאָלדפאַדען איז געקומען אין לאָנדאָן, האָט ער דאָרט קיין טרופּע ניט געטראָפן. דאָס איז געווען בסך הכל אַנדערהאַלבן יאָר נאָך דער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יידישן טעאַטער אין פּרינצעס קלוב, בעת וועלכער עס זענען דערשטיקט געוואָרן 17 באַזוכער און דער יידישער עולם האָט אַזוי שוואַך באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער, אַז די אַקטיאָרן האָבן געמוזט אויסוואַנדערן פון לאָנדאָן און זיך זוכן אַנדערע ערטער וואו צו שפּילן כדי צו האָבן פּרנסה. גאָלדפאַדען האָט דעריבער צונויפגענומען אַ גרופּע ליבהאָבער און צוזאַמען מיט דער איינציקער פּראָפעסיאָנעלער אַקטעריסע פרייליין דינה שטעטין (די שפּעטערדיקע באַרימטע שוישפּילערין דיינע פיינ־מאַן) געפּרובט שפּילן יידיש טעאַטער, אָבער נישט אין קיין אמתן טעאַטער, נאָר, אַזוי ווי די פריערדיקע טרופּעס, אין אַ זאַל.

אָנהייב יולי 1889 האָט גאָלדפאַדען איבערגענומען דעם „היברוי דראַמאַטיק קלאָב" (8 פּרינצעס סטריט). זיין אריינטריט דאָרט איז אַזוי אַנאָנסירט געוואָרן:

„פון נעקסטן שבת אָן (13 יולי) וועט די פאַראייניקטע טרופּע יידישע אַקטיאָרן שפּילן אונטער די לייטונג פון הערן א ב ר ה ם

ג א ל ד פ א ד ע ן , דער פאָטער דעם יידישן טעאַטערס—די האַלע איז אונטער גאַנץ נייע מענעדזשמענט, נייע דעקאָראַציאָנען און קליידער. דער קלאָב ווערט אין גאַנץ נייע אָרדנונג געבראַכט ווערן. מיר וועלן זיך יעצט ניכט מער צו שעמען האבן מיט אונזער יידישע שוישפּילער קונסט און אָרדנונג. דער הער גאָלדפאַדען וועט דעקלאַמירן זיינע באַרימטע פאָלקסגעדיכטע.

קומט און איבערצייגט אייך!

די פּראָגראַמע וועט דורך באַזונדערע אַפישן באַקאַנט געמאַכט ווערן".

מיר זעען פון דער אַנאָנס, אַז מען וויל באַרואיקן און צוריק אריינציען דאָס פּובליקום אין טעאַטער דורך דעם, וואָס מען פּאַרזיכערט, אַז דער פּלאַץ ווערט איצט אָנגעפירט דורך אַנדערע מענעדזשערס און ס'וועט אויך זיין אַ נייע אָרדנונג. עס איז פּשוט נישט באַקוועם נאָך אַמאָל צו דערמאָנען אין דער קאַטאַסטראָפע, אָבער פאַרשטעלט זאָגט מען צו, אַז עס וועט זיין אַ „גאַנץ נייע אָרדנונג". אויך זעען מיר, אַז גאָלדפאַדען איז ווידער געצוואונגען צו דעקלאַמירן, אַ זאַך, ווי מיר וויסן פון פריער, איז אים נישט שטאַרק צום האַרצן, אָבער זיין מאַטעריעלע לאַגע צווינגט עס אים צו טאָן.

דאָס טעאַטער איז נישט געעפנט געוואָרן דעם 13 נאָר דעם 23 יולי און צו דער ערעפענונג האָט גאָלדפאַדען אויפגעפירט „כבוד אב, אַ העכסט אינטערעסאַנטע שטיק, וועלכע איז נאָך ניט אויף דער יידישער בינע אויפגעפירט געוואָרן, ספּעציעל פאַרפאַסט ביי דעם הערן גאָלדפאַדען פאַר זיין בענעפיט".

עס איז שווער צו זאָגן וועגן וועלכער פּיעסע עס האַנדלט זיך דאָ. דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער פּיעסע ווערט אין ערגעץ נישט אָנגעגעבן. זי ווערט אויך אין ערגעץ שפּעטער קיינמאָל נישט דערמאָנט, און עס איז שווער צו גלייבן, אַז דאָס זאָל באמת זיין אַ נייע פּיעסע. וואַרשיינלעך איז דאָס אַ פריערדיקע גאָלדפאַדען־פּיעסע, וואָס איז דאָ, טאַקע צום ערשטן מאָל, געשפּילט געוואָרן אונטער אַ נייעם שרייענדיקן נאָמען.

די טרופּע האָט זיך באַלד גענומען שפּילן מעלאָדראַמעס, און גראָד נישט גאָלדפאַדענס פּיעסעס. דאָס און אַפּנים די געשעפטן זענען

נישט געווען גאָלדפאַדענען שטאַרק צום האַרצן און אין אָקטאָבער 1889 געפונען מיר שוין גאָלדפאַדענען אין פּאַריז. דאָ איז ער געווען זייער אַקטיוו אַלס דירעקטאָר. ער האָט דאָ געשריבן פיל פּאָעמעס, אָבער עס האָט אים געצויגן צום טעאַטער, און אין אַ בריוו צו שלום־עליכמן שרייבט ער, אַז ער גייט פאַרלייגן אַ יידיש טעאַטער און מאַכן גוטע געשעפטן".

די פאָרשטעלונגען דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אין טעאַטער „פאַנטאַזיע פּאַריזיען" (רי לאַנקרי 42), וואו גאָלדפאַדען האָט אויפגעפירט זיין אָפּערעטע „אחשורוש". די טרופּע איז באַשטאַנען פון די דאָרטיקע יידישע אַקטיאָרן, צווישן זיי די שפּעטער באַרימטע מאַקס ראָזענטאַל, די נאַדאָלסקים, אננא העלד און דאָס ספּעציעל געבראַכטע פּאָרל וויינשטאָק פון לעמבערג. דאָס טעאַטער איז צו דער ערשטער פאָרשטעלונג געווען געפּאַקט, נאָר דער קאַסירער איז אַנטלאָפן מיטן געלט.

אַן אויגן־עדות פון די ערשטע גאָלדפאַדען־פאָרשטעלונגען אין פּאַריז גיט איבער, אַז די טרופּע האָט אָנגעהויבן שפּילן אויף רי ראָשעשואַר. געשפּילט האָט מען „שולמית", „בר כוכבא", „יהודה המכבי", „שלמה המלך". פאַר דער עפענונג פון טעאַטער, האָט גאָלדפאַדען איינגעאָרדענט בייטאָג אַ פאַרזאַמלונג פאַרן פובליקום. דאָרט האָט ער פאָרגעשטעלט זיין טרופּע און דערקלערט די נויטווענדיקייט צו באַזוכן זיין טעאַטער. צום סוף איז גאָלדפאַדען אַרויסגעטראָטן מיט עטלעכע יידישע נאַציאָנאַלע לידער, וועלכע זענען באַגלייט געוואָרן מיט מוזיק.

די געשעפטן האָבן זיך געהאַלטן כסדר אין פאַרערגערן. גאָלדפאַדען האָט גענומען צאָלן זיינע חובות מיט בילעטן אין טעאַטער און אין דער קאַסע פלעגט קיין מזומן גאָרניט אַריינקומען.

אַזוי האָט זיך די טרופּע אָפּגעמאַטערט כמעט אַ האַלב יאָר צייט און איז צעפאַלן. גאָלדפאַדענס האָפנונגען צו מאַכן גוטע געשעפטן, האָבן געפּלאַצט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווידערלעך מאַטעריעלער לאַגע און ער האָט זיך געווענדעט צו יעקב דינעזאָן, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין און פאַרקויפן די וואַרשעווער פאַרלעגער דאָס רעכט צו דרוקן גאָלדפאַדענס ווערק פאַר יעדן פּרייז, ווייל דער פראַנצויזי־

שער בעל־הבית האָט שוין אַריינגעשיקט אייניקע מאָל נאָך דירה־געלט, און וועגן עסן און קליידער מוז מען שוין אינגאַנצן אָוועקקוקן.

גאָלדפאַדענס לאַגע אין פּאַריז ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג און ער פאַרוואַרפט זיינע באַקאַנטע מיט בקשות, אַז מען זאָל אים ראַטע־ווען. אַזוי שרייבט ער צו שמ"רן: „איר ווייסט דאָך די קרענק, וואָס איך האָב מיר אָפּגעשפּאָרט פון טעאַטער: איך ליִיד אַסטמאַ און שפּיי צו צייטן מיט בלוט. דאָס באַווייזט ווי ווייט דאָס טעאַטער, דאָס הייסט, די פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונגען, איז מיר דערגאַנגען די יאָרן; דען איך בין שטענדיק געזונט געווען און בין פון געזונטע על־טערן. נאָר, פאַרפאַלן, אַזוי איז דאָס, דערפאַר טאָר איך מיך נישט אָנשטרענגען און איבערהויפּט זיך נישט ערגערן".

אָבער בלייבנדיק אין פּאַריז מוז ער זיך ערגערן, ווייל ער האָט נישט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבן, און גאָלדפאַדען לאָזט זיך אין אָק־טאָבער 1890 קיין לעמבערג. דאָ איז ער דאָך שוין פריער געווען. דאָ איז ער זייער פּאָפּולער אַלס פאָלקס־דיכטער, און די גאַנצע יידישע גע־זעלשאַפט אינטערעסירט זיך ווירקלעך מיט אים. עס ווערן פאַר אים איינגעאָרדנט אָוונטן, אויף וועלכע ער לייענט זיינע לידער און זיין מאַטעריעלע לאַגע בעסערט זיך זייער שטאַרק, אָבער גאָלד־פאַדען קאָן זיך דערמיט נישט באַגנוגענען: אים ציט צום יידישן טע־אַטער. ער טרעט אריין אין גימפּעלס טעאַטער, וואו ער פירט אויף איי־ניקע פון זיינע שוין פריער געשפּילטע פּיעסעס. דערנאָך פאַרענדיקט ער זיין נייע פּיעסע „רבי יאָזעלמאַן, אָדער, די גזרות פון עלזאַס, היסטאָ־רישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן און 23 בילדער", וועלכע ער האָט אָנ־געהויבן שרייבן נאָך אין פּאַריז. די פּיעסע איז געבויט אויף אייניקע דייטשע היסטאָרישע ראָמאַנען. די אָפּערעטע איז דערנאָך אַ לענגערע צייט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע און ווען יעקב גאָרדין האָט אין 1892 איבערגענומען דאָס „יוניאָן טעאַטער" אין ניו־יאָרק, האָט ער די פּיעסע באַאַרבעט און זי אויפגעפירט, וואָס דאָס האָט גע־פירט צו זייער ערנסטע דיסקוסיעס אין דער פּרעסע קעגן גאָרדינען צי ער האָט געמעגט, אָן הסכם פון גאָלדפאַדענען, באַאַרבעטן זיינע אַ פּיעסע. אַזוי ווי אין די פריערדיקע גאָלדפאַדען־אָפּערעטעס איז אויך

דאָ די מוזיק גענומען פון צוויי קוואַלן: פון חזנשע (בלומענטאַל) און פון דער אָפּערע (טשייקאָווסקי).

אין לעמבערג האָט גאָלדפאַדען געפונען אָפּקלאַנג נישט נאָר אַלס דיכטער, נאָר אויך אַלס דראַמאַטורג, און אַזוי האָט ער דאָ באַלד אויפגעפירט זיינע אַ נייע אָפּערעטע „ראָטשילד", צו וועלכער ס'האָט געשריבן מוזיק מאָריס פאַל, דער פאָטער פון שפּעטער באַרימטן דייטש־יידישן קאָמפּאָזיטאָר לעאָ פאַל. בערטאַ קאַליש, וועלכע האָט געשפּילט אין יענעם טעאַטער, דערציילט, אַז די אָפּערעטע האָט גע־האַט אַ גרויסן דערפאָלג. זי איז אָבער דערנאָך זייער זעלטן געוואָרן.

די לעצטע פּיעסע, וועלכע גאָלדפאַדען האָט אָנגעשריבן און אויפגעפירט אין לעמבערג איז געווען „משיחס צייטן, עפּאָכן־בילדער דער רוסישן יודן אַלס שווישפּיל מיט געזאַנג און טענצע, אין 6 אַקטן 4 פאַרוואַנדלונגען אין 30 בילדערן". דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז פאַרבונדן מיט דער יידישער עמיגראַציע פון איין לאַנד אין אַנדערן. די ערשטע דריי אַקטן קומען פאָר אין רוסלאַנד, דער פערטער אין אַמעריקע, דער פינפטער אין ארץ־ישראל. מיט דעם לעצטן אַקט אין פּאַלעסטינע האָט גאָלדפאַדען געוואָלט געבן דעם אַפּאָטעאָז פון דער „חבת־ציון"־אידעע. די סאָוועטישע טעאַטער־פאָרשער אויסלענדער און פינקל האַלטן, אַז די פּיעסע האָט נישט קיין גרויסן קינסטלערישן ווערט, אָבער אין פיל ערטער טראָגט זי אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַק־טער און באַווייזט, אַז גאָלדפאַדענס איינדרוקן פון אַמעריקע זענען גאַנץ ווייט פון אָפּטימיזם.

אינטערעסאַנט איז, אַז אויך דידאַזיקע פּיעסע האָט יעקב גאָרדין באַאַרבעט פאַר דעם „יוניאָן טעאַטער" אין אַמעריקע.

ווי אַזוי האָט זיך גאָלדפאַדען איינגעלעבט אין דער נייער סביבה נאָכדעם ווי ער איז אין אַמעריקע אַזוי אַראָפּ פון זיין טראָן און נאָכ־דעם ווי ער האָט אין די הויפּט־שטעט פון מערב־אייראָפּע: פּאַריז און לאָנדאָן, נישט געהאַט קיין דערפאָלג מיט זיין יידיש טעאַטער?

„דער טאַטע פון יידישן טעאַטער" — שרייבט ל. דרייקורס — האָט אין לעמבערג געשריבן זיינע טעאַטער־פּיעסן, האָט געגעסן איינ־געמאַכטס און אָנגעפירט מיט די פּראָבעס אין דער אָנוועזנהייט פון גאַנצן עולם „גוטע ברידער", „לעמבערגער קינדער", וואָס האָבן גע -

שפּייזט דעם „טאַטן" און זיינע קינדער — די אַקטיאָרן. דער קאָנ־טאַקט צווישן פּובליקום און שוישפּילער איז געווען אַ גאָר נאָענטער. די אַקטיאָרן זענען דאַן אויסגעהאַלטן געוואָרן פון פּובליקום, נישט אויף זייטיקע וועגן, דורך דער טעאַטער־קאַסע, דורך בילעטן, נאָר טאַקע ממש: דאָס פּובליקום, וואָס איז אָוונטס געקומען אין טעאַטער, האָט בייטאָג געגעבן עסן „אין נאַטורא" דער חברה אַקטיאָרן. יעדער „גוטער ברודער" האָט געברענגט עפּעס צו טראָגן, לויט מעגלעכקייט, לויט די קעשענע האָט געטראָגן, אָבער פון פולן הארצן. צו מיטאָג־צייט, צווישן איין געזאַנג־נומער און דעם צווייטן, וואָס איז רעפּע־טירט געוואָרן אויף די ברעטער פון דער גאָרטן־בינע, האָט מען זיך געזעצט ביי די טישן, שוישפּילער און פּובליקום אין איינעם. דער „יאָלד" האָט געגעבן און דער אַקטיאָר האָט געגעסן. „לעמבערגער קינ־דער" האָבן ליב געהאַט זייער יידיש „טעאַטער".״

דער באַקאַנטער אַקטיאָר קלמן יאָווילער, וועלכער האָט דאַמאָלט געשפּילט ביי גימפּעלן, דערציילט, אַז „גאָלדפאַדען האָט רעזשיסירנ־דיק געמאַכט פּאַרזוכן צו ווייזן די אַקטיאָרן און אַקטעריסעס ווי צו שפּילן, אָבער די פּאַרזוכן זענען אים זעלטן — ווען געלונגען. ער איז אַליין נישט געווען קיין שוישפּילער. אַ סך מער פלעגט אים געלונגען אַ צווייטער, ריין־רעזשיסערישער, טייל פון זיין אַרבעט. ער פלעגט פאַר די שוישפּילער דערקלערן יעדן כאַראַקטער פון זיינע פּיעסן, וואָס ער האָט אויפגעפירט. דאָס האָט די שוישפּילער אַ סך אַרויסגעהאָלפן. זיי האָבן זיך ביי גאָלדפאַדענען געלערנט, וואָס מ'רופט היינטיקע ציטן, אויפפאַסן אַ ראָלע איידער מ'גייט זי שפּילן. גאָלדפאַדען האָט זיך אויך אַ סך אָפּגעגעבן מיט אויסאַרבעטן סצענישע עפעקטן. די טעכניק איז געווען אַ פּרימיטיווע, אָבער דעם „פאָטער פון די יידישער בינע" איז אָפטמאָל געלונגען אַ סך אויפצוטאָן מיט איינפאַכע מיטלען. סצעני־שע פאַנטאַזיע האָט ער געהאַט אַ סך און ביי דער אומבאַהאָלפנקייט און טעכנישער אָרעמקייט פון דער יידישער בינע אין יענע יאָרן, האָט ער אָפט אויסגעאַרבעט איינדרוקספולע סצענישע עפעקטן. פאַר די אַלע זאַכן, ווי פאַר זיינע פּיעסן און פאַר זיין מוזיק צו פּיעסן, איז גאָלדפאַדען זייער הויך געשעצט געוואָרן. אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט יראת הכבוד. פאַר זיין רעזשיסאָרישער אַרבעט האָט גאָלד־

פאַדען אגב באַקומען אַ שיין געהאַלט אין יעקב בער גימפּעלס טעאַ־טער".

די באַרימטע יידישע שוישפּילערן בערטאַ קאַליש, וועלכע האָט אויך דאַמאָלט געשפּילט מיט גאָלדפאַדענען, שילדערט אים אַזוי: „אַ גוטע שיינע צייט האָבן מיר איבערגעלעבט מיט גאָלדפאַדענען. האָט ער נאָר באַטראָכטן די שוועל פון טעאַטער, איז ליכטיקער געוואָרן אין יעדן ווינקעלע. זיין גוטמוטיקער שמייכל האָט געוואַרעמט און גע־צערטלט אונזערע הערצער און מיר זענען אים געווען דערפאַר זייער דאַנקבאַר. גאָלדפאַדען איז געווען פון דעם טיפּ מענטשן, וואָס, אַז זיי ווערן באַגייסטערט, מאַכן זיי דעם איינדרוק פון ווילדע, בייזע מענטשן, וואָס אַמאָל זענען גרייט עמעצן צו דערהרגענען. גאָלד־פאַדען האָט געקאָנט אויסטרינקען זעכצן גלעזער טיי איידער מען האָט זיך אומגעקוקט".

ביי דעם אַלעם אָבער, האָט גאָלדפאַדען נישט געהאַט קיין אריכת ימים אין לעמבערג. דר. שאַצקי מיינט, אַז די סבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס דער גאַליציאַנער באָדן איז נישט געווען גינסטיק פאַר אַ יידיש טעאַטער. די אינטעליגענץ איז געווען אַסימילירט, דאַקעגן די מאַסע — פאַנאַטיש פרום און האָט, פאַרשטייט זיך, געקוקט קרום אויף די יידישע „קאָמעדיאַנטן". אָבער גאָרין גיט אָן אַז גאָלדפאַדען האָט זיך פשוט צעקריגט מיטן דירעקטאָר גימפּעל, און דערצו: „גאָלדפאַ־דען איז אין זיינע בעסטע צייטן קיין בעל־תכלית נישט געווען און בפרט ווען ער האָט געדאַרפט נעמען שכירות פון אַן אָרעמען דירעק־טאָר. און ווען ער איז אַרויס פון טעאַטער, איז אים טאַקע פשוט אויס־געקומען צו הונגערן. אין דער צייט ווען ער פלעגט אַ הונגעריקער שפּאַצירן איבער די יידישע גאַסן פון לעמבערג און ער האָט דערהערט פון העל־באַלויכטענע הייזער ווי מען איז זיך משמח און מען זינגט די לידער פון זיינע אָפּערעטן, האָט ער מיט יאוש געפרעגט: ווייסן זיי דאָרט, אַז נישט ווייט פון זיי שלעפּט זיך אַרום דער פאַרפאַסער און ווייסט נישט מיט וואָס זיין הונגער צו שטילן?".

פאַרלאָזט גאָלדפאַדען גאַליציע און פאָרט אַוועק קיין רומעניע. ווידער איז ער אין זעלבן לאַנד, וואו ער האָט געוויגט דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער, אָבער וואָס פאַרא גרויסע ענדערונג עס איז פאָרגעקו־

מען אין משך פון די 17 יאָר, וואָס טײלן אָפּ פון זײן דאַמאָלטיקן ביז זײן הײנטיקן באַזוך. איצט, אין 1892, קומט ער מער נישט אַלס אָרגאַניזאַטאָר, אַלס אָנפירער, נאָר ער קומט אין בוקאַרעסט צו דער דאָרטיקער טרופּע פון סעגאַלעסקאָ און צוקערמאַן אַלס מחבר, אָבער באַלד נעמט ער פּאָרט איבער די אָנפירונג פון דער טרופּע. ער ברענגט צו די דאָרטיקע אַקטיאָרן די שוישפּילער בערטאַ קאַליש און קאַרל שראַמעק פון לעמבערג און פירט אויף מיט זײ זײן „צענט געבאָט", דערנאָך ברענגט ער אויך די יונגע שוישפּילערין מאַלווינע טרײטלער (די שפּעטערדיקע מאַלווינאַ לאָבעל) און איר פאָטער.

אָבער לאַנג איז גאָלדפאַדען נישט געזעסן אין בוקאַרעסט: „גאָלדפאַדען האָט באַשלאָסן — דערצײלט בערטאַ קאַליש אין אירע עראינערונגען — אַז בוקאַרעסט איז מער נישט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל זײן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן צוגרײטן צו אַ נײער נסיעה. גאָלדפאַדען האָט איבערהויפּט נישט געקאָנט אײנזיצן אויף אַן אָרט. עס האָט אים געצויגן אין דער וועלט אַרײן און ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז וואו ער זאָל נישט קומען, וועלן פאַר אים זײן די טירן אָפן. אין אַ שײנעם פרימאָרגן הערן מיר, אַז גאָלדפאַדען פּאַקט זיך שוין אין וועג אַרײן, און ס'איז אַלעמען געוואָרן זײער אומעטיק. מיט גאָלדפאַדענען האָט זיך די טרופּע געהאַלטן אין אָרדנונג. עס איז געווען אַ שטיקל דיסציפּלין. עס איז געווען פאַר וועמען דרךארץ צו האָבן".

גאָלדפאַדען האָט נישט פאַרלאָזט רומעניע, נאָר ער איז אַוועקגעפאָרן אין אַ צווײטער רומענישע שטאָט. דאָ האָט ער מיטגענומען אײניקע אַקטיאָרן פון דער בוקאַרעסטער טרופּע און מיט אײניקע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, האָט ער אויפגעפירט זײן נײע ביבלישע אָפּערעטע "עקדת יצחק או מהפכת סדום ועמורה".

אײניקע יאָר איז גאָלדפאַדען אַרומגעפאָרן פון אײן רומענישער שטאָט אין דער אַנדערער און אויפגעפירט זײנע פּיעסעס. דערבײ האָט ער געהאַט אַ מערקווירדיקן אינצידענט מיטן אַקטיאָר קלמן יאָווילער. גאָלדפאַדענס נײע פּיעסע „עקדת יצחק" איז געווען אין יענער צײט אַ גרויסער דערפאָלג. געדרוקט איז די פּיעסע נישט געווען, אָבער ס'האָבן זיך געפונען געניטע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געקענט די פּיעסע

פון אויסגוויינֿיק, און אַזוינאַך האָט מען איבערגעשריבן אַ פּיעסע און קלמן יאָווילער, וועלכער האָט אין דער פּיעסע געהאַט אַזאַ אויסגע־צייכנטע געזאַנג און שפּיל־ראָל ווי „אברהם", האָט גענומען אויפֿירן די פּיעסע אין זיין יאַסער טרופּע אָן גאָלדפאַדענס דערלויבניש. האָט דאָס גאָלדפאַדענען פאַרדראָסן און ער האָט איינגעקלאָגט יאָווילערן אין געריכט. גאָלדפּאַדען האָט דעם משפּט נישט געוואונען, ווייל יאָ־ווילער האָט געטענהט, אַז ער שפּילט נישט גאָלדפאַדענס פּיעסע, נאָר ער האָט דעם סוזשעט פֿאַר דער פּיעסע, וועלכע ער שפּילט, גענומען פון דער ביבל...

אין 1895 איז אין בראַאילאַ פאָרגעקומען אַ גרויסע קאַטאַסטראָ־פע אין דאָרטיקן פּאָרט. גאַנץ רומעניע האָט געקאָכט מיט דער געשע־ניש און גאָלדפאַדען האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די טעמאַ פאַר אַ פּיעסע, אָבער אַליין האָט ער זיך נישט געוואָלט באַמיען אָנצושרייבן אַ ספּעציעלע פּיעסע, האָט ער גענומען לאַטיינערס אַ נישט־געשפּילטע פּיעסע און צו איר צוגעבונדן אַ האַנדלונג, וואָס האָט אַ שיכות מיט דער קאַטאַסטראָפע און האָט דער פּיעסע אַ נאָמען געגעבן „די קאַ־טאַסטראָפע פון בראַילאַ". דאָס שטיק איז דורכגעפאַלן און מער האָט גאָלדפאַדען אין ערגעץ די פּיעסע נישט געשפּילט.

צו יענער עפּאָכע געהערן אויך גאָלדפאַדענס „יהודית און הולפרנוס" און אַ לאָקאַליזירונג פון יאָהאַן שטרויסעס „דער ציגיינער באַראָן".

עס איז שוין געווען דאָס יאָר 1896, ווען גאָלדפאַדען האָט פאַר־לאָזט רומעניע. „פונקט אין 20 יאָר אַרום נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען האָט אין רומעניע באַוויזן זיינע ערשטע טעאַטראַלע פּרובן — שרייבן אויסלענדער און פינקל — האָט ער איצט אין רומעניע געגעבן זיינע לעצטע פאָרשטעלונגען און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט אויף תמיד זיין טעאַטער־טעטיקייט. פון דאַמאָלט אָן הייבט זיך פאַר אים אָן אַ לעבן פון הונגער און דחקות, אַ צייט, אין וועלכער דאָס שווערסטע באַשטייט דערין, וואָס גאָלדפאַדען, אָט דער מענטש פון שטענדיקער פרישער ענערגיע און איניציאַטיוו, האָט נישט וואו אַהינצוטאָן זיינע כחות. ווי אַלע מאָל, ווען עס קומט אָן איבעררייס אין זיין טעאַטראַ־לער טעטיקייט, פּרובט אויך איצט גאָלדפאַדען אומקערן זיך צו לי־

טעראַטור און זשורנאַליסטיק. צו יענער צייט געהערט גאָלדפאַדענס נאָנטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם העברעאישן שריפטשטעלער ר. א. ברוידעס, וועלכער האָט דאַמאָלט געלעבט אין גאַליציע".

גאָלדפאַדען קומט צוריק אין לעמבערג, באַלד פאָרט ער אָפּ אויף א קורצער צייט קיין קראָקע, וואו ער האָט פאַרהאַנדלט מיטן פאַרלעגער יוסף פישער וועגן אַרויסגעבן זיינע ווערק און האַלט דאָרט א פאָרלעזונג אין סאַלאָן אויפן שול־הויף. ווען ער קומט צוריק אין לעמבערג, ווערט ער קראַנק און מוז אין מאַי 1897 אָפּפאָרן קיין ווין זיך קורירן. דאָ געפינט זיך גאָלדפאַדען אין אַזעלכע שלעכטע באַדינגונגען, אַז ווען ער קאָן שוין דורך דינעזאָנען פאַרקויפן אין וואַרשע זיינע ווערק, האָט ער פשוט נישט קיין געלט אויסצואַרבעטן די באַפולמעכטיקונג פאַר דינעזאָנען, אַז ער האָט דאָס רעכט צו פאַרקויפן גאָלדפאַדענס ווערק.

אייניקע יאָר מאַטערט זיך גאָלדפאַדען צו דערנערן פון שרייבן און אַרויסגעבן זיינע לידער, אָבער ער קאָן ניט פאַרפעסטיקן קיין פרנסה פאַר זיך, און ווען ס'עפנט זיך אין 1900 אין פאַריז די וועלט־אויס־שטעלונג, פאָרט גאָלדפאַדען אַהין מיט דער האָפנונג, אַז ביי דער אויפ־לעבונג, וואָס וועט ביי אַזאַ געלעגנהייט ווערן אין דער שטאָט, וועט ער זיך אויך דערשלאָגן צו א פרנסה. ער פרובט זיך אפילו ווידער נע־מען צום יידישן טעאַטער, נאָר מיט א קנאַפן דערפאָלג.

אָבער אין דער צייט ווען גאָלדפאַדען קעמפט פשוט פאַר א שטיקל ברויט, ברענגט ער ברויט מיט פוטער פאַר די יידישע אַקטיאָרן און פאַר אַלע אַנדערע, וואָס ציען זייער חיונה פון יידישן טעאַטער. מען שפּילט איבער דער גאַנצער וועלט גאָלדפאַדענס פּיעסעס און ער באַקומט ניט דערפאַר קיין סענט, און נישט נאָר דאָס יידישע טעאַטער עקספּלאָאַטירט אים, נאָר אַפילו דאָס נישט־יידישע טעאַטער. אַזוי שפּילט מען אין א בודאַפּעסטער טעאַטער אויף אונגאַריש גאָלדפאַ־דענס „שולמית" אַלס „ליריש־ראָמאַנטישע אָפּערע", און נישט נאָר וואָס מען גיט נישט דעם מחבר קיין פּרוטה, נאָר מען באַראַבעוועט אים אַפילו גייסטיק. אויף די אַפישן ווערט אַלס מחבר אָנגעגעבן נישט א ב ר ה ם , נאָר א י ז י ד אָ ר גאָלדפאַדען, און אַלס קאָמפּאָזי־טאָר ווערט אָנשטאָט גאָלדפאַדענס נאָמען גאָר אָנגעגעבן דער נאָמען פון ע מ נ ו א ל ד אַ ו י ד ז אָ ן . די אויפירונג האָט געהאַט גאָר

אַ גרויסן דערפאָלג. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט ביי אויספאַרקויפטע הייזער. ווי דערשלאָגן גאָלדפאַדען איז געווען, האָט ער נישט געקאָנט גלייכגילטיק פאַרבייגיין אָט דידאָזיקע נבלה פון דעם אונגאַרישן טעאַטער. ער האָט אין דער דייטש־יידישער צייטונג „די וועלט" אָפּגעדרוקט אַ גרעסערן אַרטיקל אין וועלכן ער האָט פּראָטעסטירט פאַר איבערדרייען און אָנגעבן פאַלשע נעמען אויף זיין פּיעסע. דרך־אגב גיט איבער גאָלדפאַדען אין יענעם אַרטיקל זייער אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציעס וועגן זיין ראָל אַלס קאָמפּאָזיטאָר (מיר האָבן דאָס שוין פריער ציטירט. — ז. ז.). שפּעטער פאַרפירט גאָלדפאַדען אַ פּראָצעס קעגן דעם אונגאַרישן טעאַטער און מאָנט האָנאָראַר, אָבער דאָס געריכט האָט ווידער נישט אַרויסגעטראָגן קיין גינסטיקן אורטייל פאַר גאָלדפאַדענען. עס איז אָנערקענט געוואָרן, אַז בלויז די ליברעטאָ איז זיינע, אָבער די מוזיק איז נישט זיינע, נאָר זי איז דורך אים בלויז צונויפגעקליבן געוואָרן, און היות ווי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אָ פּ ע ר ע , וואו די מוזיק איז דער עיקר, דעריבער האָט מען גאָלדפאַדענען ווידער נישט צוגעפּסקנט קיין האָנאָראַר...

אַביסל בעסער איז שוין נעגאַנגען גאָלדפאַדענען ביים יידישן טעאַטער. פריינט, וועלכע האָבן געזען זיין טרויעריקן מאַטעריעלן מצב, האָבן אָנגעהויבן אַלאַרמירן קיין אַמעריקע.

אַזוי האָט גאָלדפאַדענס אַ פריינט, דר. דאַנציגער, געשריבן צו באָרים טאָמאַשעווסקין אין ניו־יאָרק, אַז „גאָלדפאַדען געפינט זיך אין אַ טרויעריקע לאַגע. עס קומט אים אוים אויף די עלטערע יאָרן צו זיין פאַרוואָגלט פון זיין היימאַט, פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ דאַך־שטיבל אין אַ פאַריזער טענעמענט־הויז און ליידן מאַנגל און נויט. זיינע פּיעסן ציען נאָך היינט פולע הייזער אין אַמעריקע און ווען ער זאָל באַקומען זיין טייל אַלס אויטאָר, וואָלט ער צו קיינעם נישט געדאַרפט אָנקומען און וואָלט געקאָנט פאַרבריינגען זיינע עלטערע יאָרן ברחבות, נאָר ליידער קאָן ער געזעצלעך דאָס נישט פאָדערן, אָבער אויסערן געזעץ איז דאָך נאָך פאַרהאַן יושר — און דער יושר וואָלט געווען, אַז די טעאַטערס זאָלן אים זעען באַזאָרגן, כאָטש אויף אַזויפיל, אַז ער זאָל לכל הפחות נישט וויסן פון קיין נויט, און אויסער די טעאַטערס

זענען אים גראַד אַזוי פאַרפליכטעט די שוישפילער. אַפילו די, וואָס זענען געקומען נאָך אים, ווייל ער האָט פאַר זיי אויסגעטראָטן אַ וועג און געשאַפן זייער נייע פּראָפעסיע, און דעריבער וואָלט געווען רעכט, אַז אַלע צוזאַמען זאָלן טאָן אַלץ וואָס אין זייער מאַכט צו מאַכן אַביסל פריילעכער די עלטער פון גרינדער פון יידישן טעאַטער".

אָבער די ווענדונג האָט נישט קיין באַלדיקן דערפאָלג, און גאָלד־פאַדען איז אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ווען ער שרייבט אַ בריוו צו זיין תל־מיד יאָזעף ווינשטאָק אין שיקאַגאָ, זאָגט ער זיך אָפּ אויף ווייטער צו באַשעפטיקן מיט יידיש טעאַטער.

אין אויגוסט 1900 קומט פאָר אין לאָנדאָן דער ציוניסטישער קאָנגרעס. גאָלדפאַדען פאָרט קיין לאָנדאָן, שליסט באַקאַנטשאַפט מיט געוויסע פערזאָנען און קוקט פשוט אויס אויף זייער הילף. איינער פון זיינע נייע פריינט ווערט דער פאָטאָגראַפיסט יצחק פערקאָף, ביי וועלכן גאָלדפאַדען ווערט אַן אָפטער גאַסט אין לאָנדאָן. אָבער ענדלעך הייבט זיך עפּעס אָן רירן אין אַמעריקע; דעם 22 פעברואַר 1901 ווערט אין פיפּלס טעאַטער אין ניו־יאָרק איינגעאָרדנט אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַר גאָלדפאַדענען. אויפן אַפיש, וואָס איז באַצירט מיט גאָלדפאַדענס בילד, שטייט פון אויבן אָן די לאָזונג „אַל תשליכנו לעת זקנה. פאַרלאָזט מיך נישט ווען איך בין אַלט, שרייט צו אונז אברהם גאָלדפאַדען", דערנאָך ווערט דערציילט גאָלדפאַדענס יחוס אַלס דער גרינדער פון יידישן טעאַטער. דער בענעפיס איז איינגעאָרדנט געוואָרן — לויטן אַפיש — פון אַדלערן, עדעלשטיין, טאָמאַשעווסקי און מאָגולעסקאָ. געשפּילט האָט מען גאָלדפאַדענס „ביידע קוני לע־מעל" מיט די דאָמאָלטיקע אָנגעזעענסטע כחות פון דער יידישער בי־נע. יעקב גאָרדין האָט געהאַלטן אַ רעדע „ווער איז דער גרינדער פון יידישן טעאַטער?". דער אַפיש פאַרענדיקט זיך מיט אַ גרויסן אויפרוף צום פאָלק, און אין דעם אויפרוף ווערט אָפן געשילדערט די טרויעריקע מאַטעריעלע לאַגע פון גאָלדפאַדענען. דער רעזולטאַט פון דער נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונג איז געווען, אַז מען האָט גאָלדפאַדענען צוגעשיקט קיין פאַריז 3500 פראַנק און ער האָט געקאָנט אויפן זומער אוועקפאָרן אין די וואַרעם־בעדער כדי צו פאַרשטאַרקן זיין אָפּגעשוואַכטן געזונט־צו־שטאַנד. איצט הייבט גאָלדפאַדען אָן צו שרייבן זיין ביאָגראַפיע און די

אויטאָ־קריטיק איבער זיינע פּיעסעס און שיקט עס דרוקן אין אַמעריקע. ער פאָרט צוריק קיין פּאַריז און שרייבט פון דאָרט פון צייט צו צייט קאָרעספּאָנדענציעס אין די ניו־יאָרקער „יידישע גאַזעטן".

„אויסער דער אויטאָביאָגראַפיע האָט גאָלדפאַדען — לויט אויסלענדער און פינקל — אין די פּאַריזער יאָרן אויפן ליטעראַרישן געביט ווייניק וואָס אויפגעטאָן. עס ווערט דערציילט, אַז גאָלדפאַדען האָט אין פּאַריז געוואוינט אין צענטער פון דער יידישער אָרעמקייט — די עמיגראַנטן פון רוסלאַנד. ער פלעגט אַרויסטרעטן מיט פּאַלעסטינאָפילישע לידער אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער אויך אין הויז פון פּאַריזער ראַבינער כהן, וועלכן גאָלדפאַדען האָט אויך, ווי באַוואוסט, געווידמעט אַ ליד. אַ פּנים, אַז אין דער סביבה פון פּאַריזער ראַבינער האָט גאָלדפאַדען נאָך גיכער דורכגעמאַכט יענע רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט איניקע יאָר פריער. אין די פּאַריזער יאָרן איז גאָלדפאַדען געווען מער קאָנסערוואַטיוו געשטימט איידער ווען עס איז פריער אין זיין לעבן. מיט אַמאָל, נאָך אַן הפסקה פון העכער 30 יאָר, דערמאָנט ער זיך אָן זיין יוגנט־רעפּוטאַציע פון אַ העברעאישן דיכטער. ער וויל זי באַנייען. ער גיט ווידער אַרויס זיין ביכל „ציצים ופרחים" (כאָטש אין דער פאַררעדע האנדלט עס זיך איינגנטלעך וועגן באַרעכטיקן זיין שרייבן יידיש). ער שרייבט צו אַ פּאָר נייע העברעאישע שירים. די שירים זענען, ווי דאָס רוב לידער פון גאָלדפאַדענס לעצטן פּעריאָד, באַגלייט מיט עטוואָס פאַרדעכטיקע ווידמונגען, פון וועלכע עס לאָזט זיך דרינגען, אַז די לידער האָבן אויך געהאַט אַ געוויסן אוטיליטאַרן צוועק".

עס איז נאַטירלעך, אַז די קאָמוניסטישע שרייבער אויסלענדער און פינקל זאָל ניט געפעלן ווערן דאָס וואָס גאָלדפאַדען, אונטערן איינדרוק פון ציוניסטישן קאָנגרעס און פון די פאַרשטאַרקטע נאַציאָנאַלע שטימונגען צווישן די ברייטע יידישע מאַסן, דערנעענטערט זיך אַלץ מער צום נאַציאָנאַלן יידישן לאַגער און וויל ווידער פּרובן ווערן אַ העברעאישער דיכטער. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז דיזאָזיקע שטימונג איז ביי גאָלדפאַדענען ניט געווען אַ מאָמענטאַלע, ווי מיר וועלן עס זען אין זיין ווייטערדיקער טעטיקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַר־

ענדיקט זיין לעבן. פון א השכלה־שרייבער, פון א שטראפער און אויס־לאכער איבער די שלעכטע זיטן און מנהגים, ווערט גאלדפאדען דער אגיטאטאר און פראפאגאנדיסט פאר דער יידישער נאציאנאלער אויפ־לעבונג, וואס ער זעט פארבונדן סיי מיט ארץ־ישראל, סיי מיט העברעאיש.

פון פאריז איז גאלדפאדען ווידער געפארן קיין לאנדאן. אבער דאסמאל האט ער אויך אנגעהויבן ארומפארן איבער דער ענגלישער פראווינץ. דאס איז געווען זיין ערשטע רייזע איבער די גרעסערע יידי־שע קבוצים פון ענגלאנד. דער נאמען גאלדפאדען איז דא געווען זייער פאפולער, ווייל די יידן זענען דאך געווען ערשט נישט־לאנג גע־קומענע אימיגראנטן פון רוסלאנד, רומעניע אדער עסטרייך, וואו זיי האבן אדער אליין געזעען גאלדפאדענען מיט זיין יידיש טעאטער אדער זיי האבן געהערט דערפון, האט זיך באוויזן א געוויסער קיידאנאוו, וואס האט געהאט א מערקווירדיקע ענלעכקייט צו גאלדפאדענען און איידער גאלדפאדען איז אריינגעקומען אין אן ענגלישער פראווינץ־שטאט איז דער פאלשער גאלדפאדען אים פארלאפן דעם וועג און ארויסגעטראטן אלס דעקלאמאטאר. געלייענט האט ער דעם אמתן גאלד־פאדענס לידער, נאר דערביי האט ער זיך אנגעגעבן אלס מחבר פון זיי.

אין א בריוו צו יעקב דינעזאן באשרייבט גאלדפאדען דעם דא־זיקן פעריאד פון זיין לעבן אויף פאלגנדיקן אופן: „איך וויל מיך דא באשטרעבן ווי מעגלעך קורץ אייך איבערגעבן אייניקע עפיזאדן איר זאלט אייך קאנען מאכן א באגריף וויניקסטנס פון דער ל ע צ ־ ט ע ר צייט פון מיין פאריזער לעבן און עס זאל אייך קיין וואונדער זיין ווי אנדערע, ווי אזוי א מענטש עקסיסטירט אן א פרנסה, וועלכע מען האט זי פון אים אוועקגערויבט און ווי אזוי לעבט נאך דאס בא־שעפעניש, וואס מען עס עסט אויף לעבעדיק. מיין גאנץ שטיקל גליק איז געווען ווען א האלבע וועלט עסט אויף און לעבט פון מיינע פרוכ־טע און גייסטעס־פראדוקטן, וואס איך האב מיר פארזייט אין דער יוגנט פאר מיין עלטער, האבן זיי א יי נ ס מיר געמוזט איבערלאזן, וואס זיי האבן עס נאך נישט געקאנט איינבייסן: דאס איז מיין נ א ־ מ ע ן , וואס גאט האט מיר געגעבן און מיין „איך". עס קומט מיר

פאַר ווי מיין „איך" איז עפּעס אַ שטיקל „רעליקוויע" פון אַ מוזעאום, און איך, אין דער איינגעשאַפּט פון אַן אימפּרעסאַריאָ, פיר א י ם אַרום אין לענדער און שטעט אין גרויסע סאַלאָנען צו דער אויסשטע־לונג, און דער עולם צאָלט אַנטרעע נאָר אָנצוקוקן דעם אַנטיק. אַזוי האָב איך געלעבט די ערשטע צוויי יאָר אין פּאַריז — נאָכדעם ווי די יידן האָבן זייער גייגירדע שוין באַפרידיקט מיט מיין „איך", בין איך געקומען אין דער גרויסער יידן־באַפעלקערטער שטאָט לאָנדאָן —דאָרטן האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון אַ 20 מיינע חסידים. זיי האָבן געדונגען איינעם פון די שענסטע און גרעסטע סאַלאָנען, וואָס אַנטהאַלט אַריבער 2000 פּערזאָנען און האָבן פּראָקלאַמירט, אַז אין אַ געוויסן אָוונט וועט דער עולם קאָנען האָבן די געלעגנהייט מיך זען פ ע ר ז ע נ ל ע ך און מיך הערן ריידן. באַשרייבן אייך די אָוואַציאָנען מיט דעם טאַראַראַם, וואָס דאַמאָלט איז געווען, ווי מאַנ־כע רעדאַקטערע פון ענגלישע צייטונגען האָבן מיך געשלעפּט צו פאָ־טאָגראַפן, מיין בילד אַריינשטעלן אין זייערע צייטונגען מיט מיינער ביאָגראַפיע; די גרויסע רעדע, וואָס דער ראַבינער דר. גאַסטער, פּרע־זידענט פון דעם זעלבן קאָמיטעט, האָט געהאַלטן וועגן מיר, און די אַפּלאָדיסמענטן, דאָס אַלץ געהער צו דער סדרה „כבוד", וואָס מיך עקלט דערפון אַפילו צו ריידן. די הויפּטזאַכע איז, וואָס איך האָב אַהיימגעפירט אַ פּאָר טויזנט פראַנק און האָב געלעבט אַ צייט רואיק בעל־הביתיש".

און איצט קומט גאָלדפאַדען צו שילדערן ווי אַזוי מען האָט אים אויפגענומען אויף דער ענגלישער פּראָווינץ: „אויסער לאָנדאָן זענען נאָך דאָ פילע שטעט אין ענגלאַנד, וואָס זענען באַפעלקערט פון יידן, צווישן זיי ציוניסטן. אַז מען איז געוואָר געוואָרן, אַז איך בין אין לאָנ־דאָן, האָבן איך באַקומען איינלאַדונגען פון די שטעט, פון די קאָמי־טעס, וועלכע האָבן זיך דאָרט געגרינדעט אום מיך אויף אַ „קאָנצערט" אהין אַראָפּצובריינגען. דאָס קאָנצערט באַשטייט פון בעל־הביתישע יונגעלייט אָדער מעדכען פון יעדער שטאָט, וועלכע קומען, מיר צו־ליב, דעם אָוונט זיך אויסצייכנען מיט זייער קונסט פון שפּילן אָדער זינגען (ענגלישע שטיק). צום שלום ערשיין איך אויף דער פּלאַטפאָר־מע אין באַגלייטונג פון גאַנצן קאָמיטעט. איך דאַנק זיי פאַרן עולם,

פֿאַר דער אויפֿנאַמע, און דער פּרעזידענט פֿון דער קאָמיטע איבערייכט מיר אַ פּרעזענט און האַלט אַ קליינע רעדע. אַזוי האָט מען מיר אין ליווערפּאָל פּרעזענטירט פֿון עבענהאָלץ אַ טייער שטעקל מיט אַ זילבערנעם קאָפּ, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט אין ענגלישע בוכשטאַבן דער שבח צום אָנדענקען פֿון דער קאָמיטע פֿון דער שטאָט מיט דעם דאַטום. אין מאַנטשעסטער האָט מען מיך פּרעזענטירט מיט אַ גאָלדענע טאַשען־אור (אויפֿגעשריבן דעם דאַטום), אין לידז האָט מיך די אָרטיקע בני־ציון פּרעזענטירט מיט אַ גאָלדענע קייט און מעדאַליאָן (מיט אויפֿשריפֿט). אין די שאָטלענדישע שטעט עדינבורג און גלאַזגאָו, וואו מיין באַבע איז דאָרט נישט געווען, האָבן מיך די בני ציון אַהין איינגעלאַדן אויף אַ קאָנצערט. דאָס קאָמיטע האָט מיך דאָרט פּרעזענטירט מיט אַ זילבערן סיגאַרעט־שפּיץ, ספּיטשניצע און אַ זילבערנע טאַבאַקס דאָזע (מיט אויפֿשריפֿט). דאָס זענען די מתנות. איך רייד שוין נישט פֿון די מזומנים — גאָלדענע פֿונטן, און רייד שוין נישט פֿון די גוואַלדן, וואָס איך שעם מיך פּשוט צו דערציילן, מיט דער פּאַראַדע ווי מען האָט מיך אַריינגעבראַכט אין יעדער שטאָט — די פּראַכטפֿולע וואוינונג, וואו איך האָב געפּראַוועט (עפּעס ווי אַ גוטער ייד) און די פּאַראַדע פֿון באַגלייטן ביים אַוועקפֿאָרן. אין דעם פֿיבערישן צושטאַנד לעבן מיר שוין דאָ דאָס זעקסטע יאָר. אונזער גאַנצער טרייסט איז וואָס מיר זענען קיין טעאַטער פֿאַר זיך. מיר האָבן פֿאַרגעסן אין דעם גאַנצן שאַרלאַטאַנסקן טעאַטער לעבן, און מיר זענען העכסט צופֿרידן צו פֿירן אונזער רואיק, שטיל בעל הביתיש לעבן".

ווער עס לייענט צווישן די שורות פֿון גאָלדפֿאַדענס שילדערונג, קאָן לייכט זעען, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די רייזע איבער דער ענגלישער פּראָווינץ האָט גאָלדפֿאַדענען אַריינגעבראַכט אי כבוד אי געלט, איז אים די גאַנצע זאַך נישט געווען צום האַרצן. ער האָט שטאַרק פֿיינט געהאַט צו לעבן אויף דער פּ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ה יי ט. ער האָט געוואָלט ווייטער זיין שעפּפֿעריש, און דאָ אין מערב־אייראָפּע האָט ער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט דערצו. דעריבער האָט זיך ביי אים דערוועקט אַ פֿאַרלאַנג צוריקצוקערן קיין רוסלאַנד. ער איז זיך אפֿילו מיישב מיט זיין פֿריינט נחום סאָקאָלאָוו. אָבער אָנשטאָט קיין

רוסלאַנד פאַרט גאָלדפאַדען גאָר אָפּ אין נאָוועמבער 1903 קיין אַמע־ריקע.

11

דאַסמאָל, צו זיין צווייטן באַזוך אין אַמעריקע, האָט גאָלדפאַדען שוין געהאַט מער מזל: עטלעכע כלל־טוער און טעאַטער־לייט האָבן זיך באַלד צונויפגענומען און אַראַנזשירט אויפן 2־טן דעצעמבער נאָכמי־טאָג אין גרענד טעאַטער אַ גרויסן קבלת־פּנים פאַרן גאַסט. גאָלדפאַ־דען אַליין האָט דורך דער פּרעסע פאַרבעטן דעם יידישן טעאַטער־עולם צו קומען זיך מיט אים באַקענען פּערזענלעך. דאָס טעאַטער איז גע־ווען איבערפולט. געשפּילט האָט מען איינצעלנע אַקטן פון גאָלדפאַ־דענס „שולמית", „ברײַנדעלע קאָזאַק", „בײַדע קוני לעמעל" און „בר כוכבא". אין דער אויפפירונג האָבן זיך באַטייליקט די באַדײַטנסטע דאַמאָלטיקע כחות פון דער יידישער בינע. נאָך יעדן אַקט איז דער מחבר שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן. נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן גע־האַלטן באַגריסונגס־רעדעס די אַקטיאָרן פיינמאַן, אַדלער און טאָמאַ־שעווסקי, און גאָלדפאַדען האָט געענטפערט.

די ענדערונג אין דער באַציאונג פון די אַקטיאָרן צו גאָלדפאַדע־נען דאַרף מען פאַרשטיין דערפון וואָס זיי האָבן איצט שוין נישט גע־האַט קיין שום מורא פאַר גאָלדפאַדענען. פון איין זייט זענען זיי גע־ווען שטאַרקער פאַרפעסטיקט ווי בעת זיין ערשטן באַזוך אין אַמערי־קע מיט 16 יאָר צוריק, פון דער אַנדערער זייט איז גאָלדפאַדען איצט שוין געווען אַן עלטערער מענטש, אָן דעם פריערדיקן וואולקאַנישן טעמפּעראַמענט.

אומקערן זיך איצטער צו אַ נייער טעאַטער־טעטיקייט איז שוין געווען צו שווער פאַר גאָלדפאַדענען. ער איז דאָס אַליין מודה אין אַ בריוו צו זיין פריינט יצחק פּערקאָף אין לאָנדאָן: „איך האָב געהערט, אַז אין לאָנדאָן בויט מען אַ סטאַביל יידיש טעאַטער. פאַר מיר האָט עס קיין אינטערעס, עס איז צו שפּעט פאַר מיר. עס איז פאַר די יונגע דורות", און צו זיינעם אַ פריינט ליכטענשטיין אין פּאַריז, שרייבט גאָלדפאַדען: „איר ווינשט אודאי צו וויסן וואָס איך טו און וואָס איך מאַך? ענטפער: איך טו גאָרנישט און מאַך גאָרנישט. וואָס דער פליכט

איז פון אַ געוויסנהאַפטן מענטשן אין דער וועלט צו טאָן און צו מאַכן, האָב איך שוין מיינס אָפּגעטאָן און אָפּגעמאַכט. איך האָב מיין מי־סיאָן ערפילט און האָב געמאַכט פאַר דער וועלט אַ יידישן טעאַטער, און ווי אַזוינע מ א כ ע ר ווי איך מוזן פאַלן צום אָפּפער אַליין אום אַנדערע גליקלעך צו מאַכן. אַזוי מוז איך יעצט זיצן און צוזען ווי אַלע מיינע אַקטיאָרן זענען גליקלעך. מאַנכע האָבן זייערע אייגענע הייזער, עקיפּאַזשן. די פרויען זענען באַהאָנגען מיט בריליאַנטן און איך מוז צופרידן זיין מיט דעם וואָס זיי זענען מיר וויניקסטענס נישט קיין קעגנער, נישט קיין שונאים. איינציקע אינטעליגענטע פּריוואַטע מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט אין מיינע אינטערעסן און האָבן אויסגעווירקט, אַז יעדער טעאַטער דאַרף מיר צאָלן אַ קליינע וועכנט־לעכע גאַזשע. איינמאָל אין יאָר האָב איך אַ בענעפיס און דאָס איז מיין עקסיסטענץ".

די סומע, וואָס יעדעס טעאַטער האָט צוגעזאָגט צו געבן, איז באַ־שטאַנען פון 5 דאָלאַר, אָבער דער באַשלוס איז געבליבן אויפן פּאַפּיר. אַזוי דערציילט אַב. קאַהאַן: „קיין סך נחת האָט גאָלדפאַדען דאָ נישט געהאַט. צו אַ טעאַטער זיך צושלאָגן איז אים געווען שווער, און ווען ער האָט דאָ געפּרובט שרייבן נייע פּיעסן, האָט זיין טאַלאַנט אים נישט געקענט דינען. דער אַמעריקאַנער טעאַטער־מאַרק האָט געפאָ־דערט אַ גאַנץ אַנדערע סחורה. גאָלדפאַדען פלעגט פאַר מיר זיך באַ־קלאָגן אויף די ניו־יאָרקער יידישע טעאַטערס, אַז מען באַצאָלט אים נישט קיין ראָיאַלטעס*) פאַר זיינע פּיעסן. ער האָט שאַרף קריטיקירט הורוויצן און לאַטיינערן און די שוישפּילער. די שוישפּילער פלעגט ער אָנרופן מיט זייערע ערשטע נעמען (דודל, משהלע) ווי ער איז גע־וואוינט געווען זיי צו רופן אין רוסלאַנד ווען זיי זענען צו אים אָנגע־קומען זיך לערנען די „מלאכה". ער פלעגט אָפּט געברויכן אַ וואָרט, וואָס מען קאָן נישט דרוקן. ער האָט גערעדט מיט הומאָר, דאָס רוב מיט אַ שמייכל".

אָבער גאָלדפאַדען איז טאַרק אומצופרידן פון דעם כאַראַקטער פון יידישן טעאַטער. אַזוי שרייבט ער צו דינענזאָנען: „איך האָב קיין

---

*) האָנאָראַר

טענות נישט וואָס דאָס אַמעריקאַנישע יידישע טעאַטער האָט זיין טאָטן נישט דערקענט און וויל נישט וויסן פון מיר. ביי אַ פאָלק, וואָס עלטערן און קינדער זענען געצוואונגען צו וואַנדערן אין פאַרשידענע ציַיטן און אָפט אויף פאַרשידענע וועגן, איז קיין זעלטענהייט נישט, אַז קינדער זאָלן זייערע עלטערן נישט דערקענען און אַפילו עלטערן זאָלן נישט קאָנען טרעפן דעם וועג צו זייערע קינדער. טענות אָבער האָב איך, כאָטש איך וויים נישט צו וועמען, וואָס דאָס ליב קינד מיינס וואַקסט אויס אַ גוטער שגץ, אַ עזות מחוצף־פּנים, און איך מעג זיך ריכטן, אַז מען וועט מיך אַמאָל שעלטן אין טאָטן אַריין פאַר דעם טייערן תכשיט, וואָס איך האָב אויף דער וועלט געבראַכט".

נאָך קלאָרער ווערט גאָלדפאַדענס אומצופרידנקייט מיט דער אַנט־וויקלונג פון יידישן טעאַטער ווען מען באַקענט זיך מיט זיין מיינונג וועגן יעקב גאָרדין, דעם צווייטן גרעסטן דראַמאַטורג, וואָס די יידישע בינע האָט אַרויסגעגעבן. דידאַזיקע מיינונג ברענגען מיר דאָ לויט לעאָן קאָברינען: „וואָס גאָרדין האָט געטאָן מיט מיין קינד! גענומען מיין געליבט קינד, מיין יידיש קינד, מיין בנימינען און אים אָפּגע־שמדט! מיין קדשי קדשים האָט ער מטמא געמאַכט. ער איז דאָך גאָר אַ מיסיאָנער, ווי קומט ער צום יידישן טעאַטער", און צום באַקאַנטן שוישפּילער יוליוס אַדלער האָט גאָלדפאַדען אַמאָל געזאָגט: „ווייסט איר דעם אונטערשיד צווישן מיר און גאָרדינען? איך האָב אויסגע־זוכט אַלע גוטע מדות ביי יידן, איבערהויפּט די טהרת המשפּחה און עס אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע. ער, גאָרדין, האָט אויסגעזוכט ביי יידן אַלע שלעכטע מדות ווי גנבה, גזלה, מאָרד און גלאַט חזירישע שטיק און אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע, באַזונדערס האָט ער מחלל געווען די יידישע משפּחה".

אָבער אין ניו־יאָרק האָבן זיך נאָך געפונען גענוג פאַרערער פון גאָלדפאַדענען און אַ דאַנק זייער מיטהילף, האָט ער אַרויסגעגעבן איי־ניקע ביכלעך לידער.

מיט טעאַטער האָט ער זיך זייער ווייניק אָפּגעגעבן, הגם מען האָט אים זייער אָפט געטראָפן הינטער די קוליסן פון די יידישע טע־אַטערס. אין אַ בריוו צו זיין פריינט ליכטענשטיין בעט ער אים, אַז אַזוי ווי שרייבן אָריגינעלע פּיעסעס־פּילט ער זיך שוואַך, זאָל ער אים

צושיקן פראַנצויזישע וואָדעווילס, וועלכע ער וועט אפשר פּרובן באַ־אַרבעטן.

אָבער דאָ טרעט אַריין אַ מערקווירדיקער עפּיזאָד אין גאָלדפאַדענס לעבן. זייענדיק זייער נאָענט צו דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס האָט דערגרייכט איר אַפּאָטעאָז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין דער שטרעבונג אויפצולעבן העברעאיש, באַגייסטערט זיך גאָלדפאַדען פאַר אַ גרופּע יונגעלייט, וואָס האָבן אין ניו־יאָרק אַ העברעאישן קלוב א״נ „דר. הערצל ציון קלוב״, און ער באַשליסט מיט זיי צו גרינדן אַ העברעאיש טעאַטער. ער, דער פאָטער פון י י ד י ש ן טעאַטער, הייבט אָן גלויבן, אַז אויף די עלטערע יאָרן איז אים אויך באַשערט צו ווערן דער פ אָ ט ע ר פון דעם קומענדן ה ע ב ר ע א י ש ן טעאַטער. דאָס וואָס עס זענען נאָך נישטאָ קיין אַקטיאָרן, קיין פובליקום און קיין רעפּערטואַר — דאָס אַלץ שרעקט אים נישט אָפּ, ווייל דאָס אַלץ איז דאָך אים שוין באַקאַנט. דאָסזעלבע בילד, דיזעלבע סיטואַציע איז דאָך געווען ווען ער האָט אין 1876 אין יאַסי געגרינדעט דאָס יידישע טעאַטער, און דאָך איז עס זיך אַזוי צע־וואַקסן.

אָבער גאָלדפאַדען נעמט דערביי ניט אין אַכט צוויי אומשטאַנדן: ערשטענס, וואָס דאַמאָלט איז ער נאָך געווען אַ יונגערמאַן, פול מיט ענערגיע, מיט עקשנות און אַרבעטס־קראַפט, און היינט איז ער אַן עלטערער שוואַכער מאַן, און צווייטנס, וואָס יידיש איז פאַרט געווען די שפּראַך אויף וועלכע מיליאָנען יידן האָבן גערעדט, בעת העברע־איש אין אַמעריקע איז אַפילו נישט קיין לייען־שפּראַך, און בשום אופן נישט קיין לעבעדיק גערעדטע שפּראַך.

גאָלדפאַדען קלויבט אויס צווישן די מיטגלידער פון קלוב די מער „באַגאַבטע״ יונגעלייט און אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין פאַסיקער רעפּערטואַר, שרייבט ער אָן פאַר זיי אין העברעאיש אַ ספּעציעלן איינ־אַקטער „דוד במלחמה״, וועלכן ער פירט אויף מיט זיי אין מערץ 1906. גאָלדפאַדען פירט אָן אַליין מיט די פּראָבעס כאָטש ער פילט זיך שוואַך אין געזונט. דידאַזיקע העברעאישע פאָרשטעלונג, וועלכע איז געווען די ערשטע אין אַמעריקע, איז שפּעטער ווידערהאָלט גע־וואָרן אייניקע מאָל, אָבער איר באַדייטונג איז געווען נישט מער ווי

א דעמאָנסטראַטיווע. ביי יעדער פאָרשטעלונג האָט די פּיעסע געצויגן א גרויסן עולם און די יידישע און ענגלישע פּרעסע האָט זיך וואַרם אָפּגערופן, אָבער דערביי איז עס געבליבן. צו קיין ממשותדיקע גרינ־דונג פון א העברעאיש טעאַטער איז נישט געקומען.

גאָלדפאַדען איז ווידער אריינגעפאַלן אין שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. „אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט גאָלדפאַדען ממש געליטן הונגער — שרייבט משה שטאַרקמאַן — זיין נויט איז גע־ווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך געלאָזט צוריידן פון א געוויסן דר. לאַנדעס (דר לאַנדעס איז געווען א מערקווירדיקער טיפּ צווישן די דאַמאַלטיקע יידישע אימיגראַנטן. אונטער די שרייענדיקסטע נעמען האָט ער אַרויסגעגעבן ביכלעך וועגן סעקסועלע פּראָגעס, דערביי האָט ער מער אַכט געגעבן אויף דער סענסאַציאָנעלער זייט פון די ביכ־לעך ווי אויף זייער וויסנשאַפטלעכער און אויפקלערישער אויפגאַבע. די יידישע אינטעליגענץ האָט געהאַט א נעגאַטיווע באַציאונג צו דר. לאַנדעס — ז. ז.), און פאַר א פּאָר דאָלאַר האָט ער אים אָנגעשריבן א רעקאָמענדאַציע־בריוו. דר. לאַנדעס האָט דעם בריוו פאַרעפנטלעכט אַלס אַן אָנאָנס אין דער יידישער פּרעסע און אים אויך געדרוקט אַלס פאָרוואָרט צו זיינע ביכלעך וועגן סעקסועלע ענינים. דערדאָזיקער אינצידענט האָט געגעבן א מעגלעכקייט גאָלדפאַדענס שונאים, מיטן ראָמאַניסט־דראַמאַטורג משה זייפערט בראש, אין אים אריינצושיסן גיפטיקע פיילן".

און אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, פון נויט און באַליידיקונגען האָט גאָלדפאַדען אָנגעשריבן זיין לעצטע פּיעסע „בן עמי". דעם אימ־פּולס צו שרייבן די פּיעסע האָט גאָלדפאַדען באַקומען פון דזשאָרדזש עליאָטס ראָמאַן „דניאל דעראָנדע". „איך בין געקומען צו דעם באַ־שלוס — שרייבט גאָלדפאַדען אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — אַז דאָס נייע שטיק דאַרף זיין גאָר פון א נייעם סאָרט! ניט ענלעך צו מיינע אַלע פּיעסן, וועלכע איך האָב אַמאָל פאַרפאַסט אין אייראָפּע ביי פאַר־שידענע אומשטענדן, אין פאַרשידענע לענדער און אין פאַרשידענע צייטן. ווען מיין יידישע בינע איז נאָך גאָר א בייבי*) געווען און די

---

*) קינד

קרעפטע זענען נאָך גאָר רוי געווען. מיר יידן נויטיקן זיך איצט מער פון אימער אין פעסטער א יי נ י ק יי ט — אַלע סעקטן, אינטריגן, קאַסטן, קאַפּריזן און פּאַרטיי־קעמפּע דאַרפן פאַררוקט ווערן אויף דעם צ וו יי ט ן פּלאַץ און יעדער אמתער געטרייער ייד פון זיין פאָלק דאַרף זיך באַשטרעבן מיטצוהעלפן מיט ראַט און טאַט, מיט פּראָפּאַ־גאַנדע און אָרגאַניזאַציאָן צו רעטן זיין פאָלק און צו אַרבעטן וועגן זיינע פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט; אויפמונטערן זיין געפאַלע־נעם מוט און אין זיין ביטערן כוס אַריינצוגיסן כאָטש אייניקע זיסע טראָפּן פון טרייסט אין אַ בעסערער צוקונפט, און דאָס איז די הויפּט־אידעע פון מיין יעצטיקער נייער דראַמע „בן־עמי".

אָבער די טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין איבריקן אינטערעס צו גאָלדפאַדענס פּיעסע. ער האָט געהאַט זייער גרויסע שוועריקייטן צו פאַרקויפן זיין פּיעסע און ווען ער האָט זי שוין פאַרקויפט, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן זיינע צרות. „אַ צייט נאָכדעם ווי ער האָט פאַרקויפט „בן עמי" — דערציילט ב. גאָרין — האָט ער מיך באַגעגנט און פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין האַרץ. ער האָט זיך ביי־טער געקלאָגט, אַז דער דירעקטאָר האָט די פּיעסע איבערגעגעבן צו עפּעס אַ יינגל אין זיין טעאַטער אַז ער זאָל זי איבערמאַכן. דאָ איז נישט קיין פראַגע צי „בן עמי" איז אַ גוט ווערק צי נישט, דאָס איז געווען זיין לעצט ווערק, און מען האָט עס געקויפט צוליב זיין נאָמען. גאָלדפאַדען אַליין האָט אויך נישט געקלערט, אַז די פּיעסע איז בתכ־לית השלמות. עס איז נויטיק דאָ צוצוגעבן, אַז איידער ער האָט זי פאַר־קויפט, האָט ער זיך געווענדעט צו די טעאַטער־קריטיקער זיי זאָלן צו אים קומען און ער וועט זי איבערלייענען, דערקלערנדיק, אַז ער פאַר־לאַנגט זיי זאָלן אָנצייכענען אַלע פעלערן, וואָס זיי וועלן געפינען און ער וועט זיי אויסבעסערן. ער איז אויך געווען גרייט צו מאַכן די שנויים, וואָס דער דירעקטאָר האָט פאַרלאַנגט, נאָר וואָס אים האָט טיף באַ־לייידיקט און געקרענקט, איז געווען דאָס, וואָס אַ יינגל, וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט זיין שיחת חולין און נישט זיין בינע־קענטניש, זאָל איבערמאַכן זיינע אַ פּיעסע."

ווייטער דערציילט גאָרין, אַז פריער האָט די פּיעסע געקויפט אַד־לער, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין חשק אין איר צו שפּילן. ענדלעך

האָט טאָמאַשעווסקי זיך מרחם געווען און באַשלאָסן אויפצופירן די פּיעסע, אָבער ער האָט זי אויך נישט געשטעלט ווי גאָלדפאַדען האָט פאַרלאַנגט. גאָלדפאַדען האָט געוואָלט, אַז זיין לעצטע פּיעסע זאָל זיין אָן מוזיק און זאָל אויפגעפירט ווערן אַלס דראַמע, אָבער טאָמאַשעווסקי האָט זי אויפגעפירט ווי אַן אָפּערעטע.

דאַקעגן באָרים טאָמאַשעווסקי, וואָס האָט די פּיעסע אויפגעפירט דעם 25 דעצעמבער 1907 אין זיין פּיפּעלס טעאַטער, שילדערט אין די העלסטע פאַרבן די אויפירונג פון דער פּיעסע: „ווען דער אַלטער טאַטע אונזערער, אברהם גאָלדפאַדען, האָט פאַרטיק געמאַכט זיין לעצטעס ווערק „בן עמי”, האָט ער אין פּיפּעלס-טעאַטער אויף דער בינע ביי זיינעם אַ בענעפיט אין אַ גלענצענדער רעדע אַנאָנסירט דעם פּובליקום, אַז זיין ווערק „בן עמי” איז פאַרטיק. דאָס האָט געמיינט, אַז דאָס פּובליקום זאָל וויסן, אַז גאָלדפאַדען האָט אַ ניי ווערק און מענעדזשערס זאָלן קומען דאָס ווערק קויפן. נאָכן פאַרלייענען דעם צווייטן אַקט פון דער פּיעסע, האָט דאָס מענעדזשמענט (פון אַ צווייט טעאַטער, נישט טאָמאַשעווסקיס) מיט אַ פּאָר פיש-עסער פון מענעדזשער, עטלעכע פּאַטריאָטן, וואָס גיבן אַכטונג אויף די בראַוואָס און וואָס קלאַפּן בראַוואָ מיט ברעטלעך, אַ פּאָר רעאַליסטישע אַקטיאָרן, וואָס זענען פאַרגיישט געוואָרן פון דעם גויישן רעאַליזמוס, זיך אויפגעשטעלט און ערקלערט דעם אַלטן גאָלדפאַדען, אַז זיין ווערק „בן עמי” איז קיין פּיעסע נישט: זי האָט נישט קיינע טיפּן, קיינע סצענען, קיין לעבן, קיין טענדענץ; און איינער אַ חוצפּהניק, האָט עס נאָך פאַרשטאַרקט און גאָר אָן אַ ברעקל בושה געזאָגט דעם אַלטן גאָלדפאַדען, אַז ער איז עובר בטל און ווייס אַליין נישט וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און דאָס מענעדזשמענט האָט גאָלדפאַדענען ערקלערט, אַז די פּיעסע „בן עמי” וועט נישט אויפגעפירט ווערן”.

און דאָ קומט טאָמאַשעווסקי צו צו דער פראַגע וועגן דעם ווי אַזוי די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן: „איך האָב דאָס ווערק אויפגעפירט טריי נאָך די פאָדערונגען ווי גאָלדפאַדען האָט עס אויפגעשריבן. צו די לעצטע צוויי פּראָבן איז גאָלדפאַדען געקומען. ער האָט

זיך אוועקגעזעצט אין דער לאָזשע און באַוואונדערט די פּראָבן. „טאָמאַשעווסקי — האָט ער מיר געזאָגט — איר האָט מיר געזאָגט, אַז מיר וועט מען אָנטאָן אַ קרוין פאַר „בן עמי", און איך זאָג, אַז אייך דאַרף מען אָנטאָן אַ קרוין פאַר די אויפירונג פון מיין „בן עמי". איך זע ביי די פּראָבן, אַז איר האָט מיינע געשריבענע מענטשן לעבעדיק געמאַכט. איר האָט מיינע געדאַנקען אַ נשמה אַריינגעגעבן". און „בן עמי" איז אויפגעפירט געוואָרן מיט עטלעכע טעג שפּעטער. ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג איז די באַגייסטערונג געווען אַ שטורמישע. מען האָט אַרויסגערופן גאָלדפאַדענען אין די צענדליקער מאָל פאַרן פאָרהאַנג. די בראַוואָס און באַגייסטערונג זענען געוואַקסן פון אַקט צו אַקט. ביים לעצטן אַקט איז דער אַלטער גאָלדפאַדען באַשענקט געוואָרן מיט בלומען און אַ בלומען־קראַנץ. גאָלדפאַדען איז געלאָפן אַהיים מיט זיינע פריינדע, טראָגנדיק בלומען מיט לאָרבערקרענצע און איז געבליבן שטיין ביי זיין טיר און זיך אָנגעטאָן אַ גרויסן קראַנץ איבער זיינע שולטערן און אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז מיט אַ גדולה און אויסגעשריגן צו זיין לעבנסבאַגלייטערין: „דו זעסט, מאַמעלע, די בלומען און לאָרבערקרענצע? דאָס האָט דאָס פּובליקום געגעבן דעם עובר בטל גאָלדפאַדען". וויינענדיק איז ער געפאַלן זיין פרוי אויף דעם האַלז און געמורמעלט: „איך בין ניט עובר בטל, איך בין נישט עובר בטל". 5 פאָרשטעלונגען האָט דער אַלטער טאַטע אברהם גאָלדפאַדען זיך געטרייסט און געקוויקט מיט זיין לעצט קינד „בן עמי", ביי דער 5־טער פאָרשטעלונג האָט ער געזאָגט, ער פילט נישט גוט און אוועק אַהיים אַ קראַנקער".

בעסי טאָמאַשעווסקי, וועלכע האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער אויפירונג פון גאָלדפאַדענס לעצטע פּיעסע, באַשטעטיקט נישט באַרים טאָמאַשעווסקיס העלע שילדערונג פון זיין אויפירונג: „דער פאָטער פון דער יידישער בינע, אברהם גאָלדפאַדען, האָט געפילט, אַז „בן עמי" איז זיין לעצטעס ווערק און ער האָט דאָס אומצייליקע מאָל ווידערהאָלט. ער האָט געוואָלט, אַז זיין לעצט שטיק זאָל נישט זיין קיין האָפּקע־פּיעסע, וואו די מוזיק שפּילט אָן אַ פאַרוואָס. ער האָט דאַרום פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויפירן „בן עמי" אָלס דראַמע, אָן מוזיק, אָבער דער דירעקטאָר פון טעאַטער [באָרים טאָמאַשעווסקי] האָט גע־

הייסן „מאכן מוזיק" און עס איז געבליבן ווי דער דירעקטאָר האָט גע־הייסן און נישט ווי דער פּראָפעסאָר האָט געוואָלט. ביים אָנפאַנג איז די פּיעסע געווען אַ דורכפאַל. מען האָט זי שוין געזאָלט אפילו אראָפּ־נעמען פון דער בינע און שטעלן אַן אַנדערע, — אָבער גאָלדפאַדען ווערט דאַן פּלוצלונג קראַנק. אין עטלעכע טעג אַרום קומט דער קאַל־טער טויט און רויבט אים אַוועק פון דער וועלט. גאָלדפאַדען שטאַרבט און מיט זיין טויט „בומט" [רעקלאַמירט] ער זיין לעצטעס ווערק. די פּיעסע „בן עמי" ווערט אַ סוקסעס און לויפט פערצן וואָכן כסדר"."

גאָלדפאַדען איז קראַנק געווען געציילטע טעג, און ווי באָרים טאָמאַשעווסקי גיט איבער, איז ער געשטאָרבן מיט די ווערטער „התקוה" אויף די ליפּן.

אברהם גאָלדפאַדען איז געשטאָרבן דעם 9 יאַנואַר 1908 אין ניו־יאָרק. זיין לויה איז געווען זייער אַ גרויסע. טויזנטער יידן פון פאַרשידענע קלאַסן און שטאַנדן האָבן זיך אין איר באַטייליקט.

גאָלדפאַדענס פרוי, פּאַולינאַ, איז קורץ דערויף, דעם 9 סעפּטעמ־בער 1910, געשטאָרבן עלנט אין ניו־יאָרק.

גאָלדפאַדענס איינציקע שוועסטער זשעני איז בערך אין 1934 געשטאָרבן אין אַנטווערפּען.

גאָלדפאַדענס יונגסטער ברודער שמעיה איז אין 1934 גע־שטאָרבן אין ניו־יאָרק.

פון דער גאַנצער פאַמיליע גאָלדפאַדען איז געבליבן לעבן וואָלף, דער זון פון יידל גאָלדפאַדען, אַ יידישער אַקטיאָר, וואָס האָט אַ צייט געשפּילט אין מאָרים שוואַרצס יידישן קונסט־טעאַטער און שפּילט איצט פון צייט צו צייט אין פילם און אין יידישע פאָרשטעלונגען אין קאַליפאָרניע.

דער נאָמען אברהם גאָלדפאַדען איז אָבער געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פון צענדליקער טויזנטער יידן איבער גאָר דער וועלט, און אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע וועט גאָלדפאַדענס נאָמען זי־כער פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט.

זיגמונט מאָגולעסקאָ

.1

די ערשטע אייגנשאַפט, וועלכע ווייזט זיך בולט אַרויס ביי יעדן אַקטיאָר איז—קנאה. ער איז מקנא דעם אַנדערן אַקטיאָר, אויב ער האָט דערפאָלג, און, כדי צו שטילן זיין קנאה, נישט קאָנענדיק פּאָרט דערגרייכן די זעלבע הויכע מדרגה, וואָס זיין קאָנקורענט, האָט דער אַקטיאָר אויסגעפונען אַן אויסגעצייכנט מיטל: ביטול. ער איז מבטל זיין קאָנקורענט, וועלכער שפּילט די זעלבע אָדער ענלעכע ראָלן, וואָס ער. ער איז מבטל און מאַכט צו קליין אַפילו אַזעלכע אַקטיאָרן, וואָס זענען לחלוטין נישט זיינע קאָנקורענטן. וואָרום וואָס פאַרע מורא האָט אַן אַקטיאָר, וועלכער שפּילט פּאָטער־ראָלן, פאַר אַן אַקטיאָר, וועלכער שפּילט ליבהאָבער־ראָלן? אָבער אינם אַקטיאָרס כאַראַקטער ליגט די מורא פאַרן נישט אָנערקענט ווערן, און דעריבער איז ער קודם כל מבטל דעם אַנדערן אַקטיאָר, און ממילא, ווען דאָס פעלד פאַר אַנערקענען ווערט שווין ליידיק, דאַמאָלט קומט ער שניידן די פּרוכטן פון זיין, דעם „איינציקנס”, דערפאָלג... דעריבער באַקומט מען די בעסטע מאָס אָפּצושאַצן דעם אמתן טאַלאַנט פון אַן אַקטיאָר דאַמאָלט, ווען מען שמועסט זיך דורך מיט אַנדערע אַקטיאָרן. ווען איר הערט אָן אַ שיעור שטעכווערטלעך אויף זיין חשבון, ווען איר זעט, ווי מען זוכט אויס פון אונטער דער ערד די קלענסטע דעפעקטן, כדי אים צו פאַרשוואַרצן און קליין צו מאַכן, ערשט דאַמאָלט קאָנט איר פון אָט די קנאה־ווערטער און רמזים אַרויספילן, ווי גרויס עס איז באמת דער אָנגעגריפענער אַקטיאָר, וואָרום קנאה האָט מען נאָר צו גרעסערע, נישט צו קלענערע.

איין איינציקער אויסנאַם אויף דעם געביט איז געווען און געבליבן דער פאַרשטאָרבענער ז י ג מ ו נ ט מ אָ ג ו ל ע ס ק אָ.

ווען מען רעדט היינט מיט אַקטיאָרן וועגן לעבעדיקע גרויסע יידישע אַקטיאָרן, הערט מען פאַרשידענע מיינונגען, זייער אָפט גע־מישט מיט קנאה־געפילן, און ממילא באַמיען זיך די אינפאָרמאַטאָרן אויסצוזוכן רק פעלער און די שוואַכערע זייטן פון די דערמאָנטע אַק־טיאָרן. דאָס זעלבע איז אויך וועגן די געשטאָרבענע: געגוג צו דער־מאָנען די אומגעהויערע מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן די צוויי גרעס־טע יידישע אַקטריסעס אין אייראָפּע און אַמעריקע — אסתר רחל קאַמינסקאַ און קעני ליפּצין.

איין אויסנאַם אין דער הינזיכט איז — ווי געזאָגט — דער פאַר־שטאָרבענער זיגמונט מאָגולעסקאָ.

צענדליקער אַקטיאָרן, קריטיקער און טעאַטער־באַזוכער, מיט וועלכע איך האָב גערעדט, האָבן אַלע פּה אחד געהאַט פאַר מאָגולעס־קאָן — באַוואונדערונג. איך וואָלט געזאָגט, נאָך מער — ליבע.

עס האָט מיר אַפילו געטראָפן אַ פאַל, אַז אַן אַקטיאָר, וואָס שפּילט גראָד די זעלבע ראָלן, וועלכע מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט, האָט זיך מיט מיר אַריינגעזעצט אין אַ רעסטאָראַן אין ניו־יאָרק אַרום 11 אינדערפרי צו דערציילן מיר אַ פּאָר עפּיזאָדן וועגן מאָגולעסקאָן און פאַרענדיקט האָט זיך אונזער שמועס אין אָוונט ווען ער האָט געמוזט איבעררייסן אין דער מיט און לויפן שפּילן אין טעאַטער.

און די גאַנצע צייט האָט דער אַקטיאָר געטאָן פּונקט דאָס פאַר־קערטע, וואָס עס טוען זייער אָפט אַקטיאָרן, ווען זיי רײדן וועגן אַנ־דערע אַקטיאָרן — זיין מויל האָט געהאַלטן אין איין זאָגן תהלות ותשבחות אויפן חשבון פון פאַרשטאָרבענעם זיגמונט מאָגולעסקאָ.

— איי, האָט ער געשפּילט!

— איי, האָט ער געשאַפן טיפּן!

און פּונקט אַזוי ווי דער אַקטיאָר, אַזוי אויך די קריטיק. צענד־ליקער קריטיקער האָבן נאָר אויסדריקן פון באַגייסטערונג פאַר די טיפּן און כאַראַקטערן, וועלכע מאָגולעסקאָ האָט געשאַפן סיי אין דער אָפּע־רעטע און סיי אין דער דראַמע.

היינט — דער טעאַטער־עולם. פּונקט אַזוי ווי מען זיפצט נאָך דער פאַרגאַנגענער יוגנט, ווען אַליץ האָט אויסגעזען אַזוי ראָזיק, אַזוי העל און אַזוי באַחנט, פּונקט מיט אַזאַ בענקשאַפט דערמאָנט מען ווי

אזוי מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט, וואָס פאַר אַ נחת מען האָט געהאַט ווען מען האָט אים געזען אויף דער בינע, זיין אַרט ריידן, די מענטשן, וועלכע ער האָט געשאַפן, זיינע תנועות, זיינע העויות, זיינע ווערטלעך.

עס איז רעכט, אַז איר זאָלט אַנהויבן ריידן וועגן אַלטן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און אַן עלטערער ייד אָדער יידענע זאָל זיך פּלוצלונג אַוועקשטעלן אין דער קעגנוואַרט פון אַ סך מענטשן — זאָגן מיר, אַפילו, אין אַ פאַבריק, אין אַ קלוב אָדער אין אַ רעסטאָראַן, — פּרובן פאַר אייך „אָפּשפּילן" אַ סצענע פון מאָגולעסקאָן. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט באמת אַ קנאַפּע שייכות דערמיט ווי אזוי מאָגולעס־קאָ האָט פאַקטיש געשפּילט: פאַרשטייט זיך, אַז זייער אָפט איז עס מער אַ קאַריקאַטור אויפן קינסטלער מאָגולעסקאָ, אָבער די פּערזאָן, וואָס „שפּילט" אייך אָפּ די סצענע, איז זיכער, אַז ער קאָפּירט זיין באַליבטן קינסטלער, און לכל הפּחות די פּערזאָן אַליין לעבט נאָך אַמאָל איבער יענע מינוטן פון גייסטיקן געניוס בעת ער האָט געזען שפּילן מאָגולעסקאָן.

* * *

אין אַ קליין שטעטעלע זלאָטאָפּאָליע האָט זיך געלעבט אַ פרומע יידישע משפּחה. די פרוי, רחל־לאה, איז געווען אַ גאַנצע מיוחסת. איר פאָטער איז געווען דער אָרטיקער דיין ר' לייזער שטשאַגאָל. איר פעטער איז געווען דער קאַמינקער רב. אָבער אַ חוץ יחוס־אבות איז זי טאַקע אַליין געווען אַ גאַנצע יחסנטע. זי איז געווען אַ מלומדת, האָט געקענט אַ סך דינים, וווייבער פלעגן אַמאָל אויסמיידן מטריח צו זיין דעם רב און פלעגן מיט אַ לייכטערער שאלה קומען צו רחל לאהן. אין שטעטל פלעגט מען דעריבער טאַקע זאָגן, אַז ווען רחל־לאה זאָל נישט זיין געווען אַ יידענע, וואָלט זי געווען אַ רב. אַזאַ קענעריין איז זי געווען. רחל־לאהס מאַן, ר' יואל שאַריגראָדסקי, איז דוקא נישט געווען קיין גרויסער לערנער. מסתמא האָט מען דעם שידוך געטון צו־ליב תכלית־זאַכן, און דערפאַר איר געגעבן אַ מאַן אַ פאַרדינער. ר' יואל איז געווען אַ מעכאַניק אין נאָענטן שטעטל אָמינסק. ווען ר' יואל האָט געדאַרפט — וואַרשיינלעך צוליב פּריזיוור־ענינים, ווי דער שטייגער איז דאַמאָלט געווען — ענדערן זיין פאַמיליען־נאָמען, האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן מאָגילעווסקי.

ביי אַט דעם פּאָרל זענען עס געבוירן געוואָרן צוויי זין. איינער פון זיי איז, זייענדיק משורר, צוגענומען געוואָרן פון אַ חזן קיין דעב־ריצין (אונגאַרן) און איז שוין נישט־אַוועק פון חזנות. ער איז שפּעטער דאָרט געוואָרן אָבערקאַנטאָר, און אַזוי ווי אונגאַרן האָט דאַמאָלט גע־הערט צו עסטרייך, און די אָפיציעלע שפּראַך איז געווען דייטש, און דער נאָמען מאָגילעווסקי האָט געקלונגען סלאַוויש, האָט ער זיך גע־געבן אַן עכט־דייטשן נאָמען: שוואַרצפעלד. גענומען דעם אַלטן נאָ־מען שאַריגראָדסקי און דערפון געמאַכט דעם היפּוך: „שאַרע" איז גרוי, האָט ער געמאַכט „שוואַרץ", „גראָדסקי" האָט אַ שייכות מיט „גאָראָד" (שטאָט), האָט ער געמאַכט „פעלד", און אַזוי איז פון שאַריגראָדס־קי־מאָגילעווסקי געוואָרן דער אויבערקאַנטאָר שוואַרצפעלד.

דער אַנדערער זון, געבוירן דעם 16־טן דעצעמבער 1858, האָט געהייסן זעליגל — דער שפּעטערדיקער זיגמונט מאָגולעסקאָ.

.2

לאַנג איז זעליגלען נישט אויסגעקומען צו געניסן פון דער פּור־לער קינדערישער פרייד. זיין פּאָטער, וועלכער איז סיי־ווי־סיי אַ גאַנ־צע וואָך נישט געווען אין שטוב, און פלעגט אַהיימקומען נאָר אויף שבתים און יום־טובים, איז באַלד אינגאַנצן מער ניט אַהיימגעקומען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפן וועג איז ער געשטאָרבן. זעליגל איז דאַמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן 9 יאָר. כאָטש זלאַטאָפּאָליע איז, חלילה, נישט געווען קיין שטעטל, וואָס זאָל זיך באָדן אין עשירות, און אָרימע לייט האָבן מסתמא ניט געפעלט, פונדעסטוועגן האָט די שטוב, נאָכן טויט פון איר שפּייזער, נישט פאַרגרעסערט די צאָל קבצנים אין שטעטל. אמת, אַז עס איז נישט געווען ווער עס זאָל ברענגען פּרנסה אין שטוב אריין, אָבער קהל האָט געדענקט ווער רחל־לאה איז, און מען האָט באַשטימט פאַר איר אַ וועכנטלעכע פּענסיע פון געלטער, מיט וועלכער קהל האָט געשטיצט בכבודע אַלמנות.

ווי יעדע אונטערשטיצונג פון דעם מין איז עס געווען, ווי מען זאָגט, „נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן". אויסגיין פאַר הונ־גער האָט מען טאַקע נישט געקאָנט, אָבער לעבן דערפון איז אויך גע־

ווען אומעגלעך, און די אלמנה האָט אָנגעהויבן קלערן ווי אַזוי אויס־צונוצן אירע קינדער און מאַכן זיי פאַר פאַרדינער. וואָלטן זיי געווען אַ ביסל עלטער אָדער וואָלטן זיי געהאַט עפּעס אַ שטיקל פאַך אין האַנד, וואָלטן זיי זיכער אָנגעהויבן אַרבעטן. זיי זענען אָבער צו יונג געווען. „גאָט שטראָפט פאָרט נישט מיט ביידע הענט", — האָט זיך די אומגליקלעכע אלמנה געטרייסט. זי האָט נאָך פריער, שבת ראש־חודש אָדער יום־טוב־צייט געהערט, ווי אירע קינדער האָבן אַזעלכע שיינע קולעכלעך, אַז די חזנים נעמען זיי גערן אַריין אין זייערע כאָרן, און זי האָט באַשלאָסן דערפון צו ציען אַביסל געלד. זי האָט אירע קינדער אָפּגעגעבן צו חזנים אַלס פראָפעסיאָנעלע משוררים.

זעליגל איז אָנגעדונגען געוואָרן צום חזן יוסף העלער, וועלכן מען האָט אין שטעטל גערופן „דער נייער חזן", ווייל ער האָט געזונגען פון נאָטן און ער פלעגט זינגען אַזעלכע מאָדנע ניגונים וואָס אין דער שטיל האָט מען זיך געשושקעט, אַז זיי שטאַמען פון „טעאַטער", פון די „אָפּערעס", רחמנה ליצלן, ווי מען רופט עס „ביי זיי".

זעליגל איז געווען אַ פאַרשטענדיק קינד. ער האָט געפילט די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען ביי זיי אין שטוב זייט דער פאָטער איז געשטאָרבן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זיין זינגען א י צ ט ביים חזן איז מער נישט דאָס פ ר י ע ר ד י ק ע זינגען. פריער האָט ער געזונגען ווען ער האָט געוואָלט. האָט זיך אים נישט געגלוסט, איז ער ניט געקומען אין אָוונט צו די רעפּעטיציעס. איצט אָבער האָט ער געמוזט קומען ווען מען האָט אים געהייסן. אין די קאַלטע ווינטער־נעכט, ווען אים האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסגיין פון שטוב, צוליב די פרעסט אָדער שנייען, האָט ער געמוזט כאַפּן אויף זיך דאָס מאַנטעלע און לויפן צו די רעפּעטיציעס, ווייל די עלטערע משוררים, פּועלים, וואָס האָבן געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, האָבן נישט געקאָנט מאַכן פּראָבע נאָר אין די שפּעטע אָוונטן. די באַציאונג פון חזן איז איצט אויך געווען אַן אַנדערע. פריער פלעגן אים אָפט די חזנים גלעטן אין בעקל, אָנקוועלן כסדר פון אים, ווען זיין „אַלטל" האָט גע־געבן דעם אמתן קוויטש אין דער הויך, און טאָמער האָט ער זיך אַמאָל פאַרקרעקצט, האָט אים אויך דער חזן באַרויקט, אַז עס איז נישט קיין גוואַלד. ער האָט זיך מסתמא אַביסל פאַרקילט, אָדער עס ליגט אים

צוויי שיטערע אייער אָדער מאַכן אַ גאָגל־מאָגל, און דאָס קול וועט עפּעס אין דער קעל. זאָל ער זאָגן דער מאַמען, אַז זי זאָל אים געבן באַלד ביי אים צוריק „ווערן לייט". איצט אָבער איז דער חזן תמיד געוועזן אָנגעכמורעט, פלעגט אים אָפּט מכבד זיין מיט אַ קלאַפּ און אויף אים שרייען, טאָמער האָט ער נישט באַלד געכאַפּט דעם טאָן אָדער אַביסל אַריבערגעצויגן.

זעליגל האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דער חזן צאָלט אים, ווייל ער, זעליגל, טוט שוין מער נישט קיין טובה דעם חזן, נאָר דער חזן טוט כלומרשט אַ טובה זיין מאַמען, וואָס ער האָט צוגענומען איר קינד און צאָלט איר דערפאַר. זעליגל האָט איינגעזען, אַז אויב ער וועט זיך דאָ באַליידיקן אָדער בלאָזן, וועט מען אים אַהיימשיקן און די מאַמע וועט דערפון האָבן שטאַרק עגמת־נפש, און ער האָט דעריבער אַלץ פאַרליב גענומען. זיין יונג מוחל האָט גע־אַרבעט. ער האָט געזען, אַז די עלטערע משוררים האָבן ליב זיך צו באַדינען מיט די יונגערע, און אַז ווי באַלד מען לעבט מיט זיי בשלום — קומט דערפון אַמאָל אַרויס אַ טובה, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו זיי חנפענען. האָט מען זיך געדאַרפט אַרויסכאַפּן נאָך אַ פעקל פּאַפּי־ראָסן אָדער גיין אַן אַנדער שליחות, פלעגט ער זיין דער ערשטער דאָס צו טאָן. דערפאַר אָבער האָבן זיי אים אויך מיט עפּעס אָפּגעדינט. מען האָט אים גענומען לערנען נאָטן. עס האָט געדויערט אינגאַנצן 4 חדשים, ווי ער האָט גענומען לייענען אָט די פּאַסעקלעך און שטרייכע־לעך, און ער האָט זיך אָנגעאייגענט אַ נייע שיינע שפּראַך. אָבער זינגען אַ שטיקל סאָלאָ, דורך וואָס מען ווערט אַרויסגערוקט, האָט מען אים אַלץ נישט צוגעלאָזן, ביז עס איז געשען אַ צופאַל, אָט יענער צו־פאַל דורך וועלכן דער גרעסטער טייל אַקטיאָרן „קומען צום פּסוק" — דער סאָלאָ־זינגער איז עלטער געוואָרן. ער האָט פאַרלוירן זיין קינדער־שטימע און מען האָט געמוזט האָבן אַן אַנדער ייִנגל, וואָס זאָל זינגען סאָלאָ אַלס אַלט. ערשט דאַמאָלט האָט זעליגל געקראָגן די מעגלעכקייט צו ווערן אַ סאָליסט און דאָ האָט ער באַוויזן וואָס ער קען. קענענדיק נאָטן האָט ער איינס־צוויי זיך אויסגעלערנט די נויטיקע ניגונים און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט ער באַקומען דעם נאָמען „זעליגל דער נאָטן־פרעסער".

אָבער ווען זעליגל בלייבט אין זיין שטעטל, וואָלט ער געקאָנט זיין דער בעסטער נאָטן־לייענער, וואָלט זיין נאָמען נישט וויט דער־גאַנגען. די דאַמאָלטיקע חזנים זענען אָבער געווען פּונקט אַזוי ווי די אַקטיאָרן: וואַנדערער. אַ חזן פלעגט מער אַרומפאָרן ווי זיצן אויף איין אָרט, און, קומענדיק יעדעס מאָל אין אַ ניי אָרט, האָט ער תמיד גע־זוכט איין זאַך: עפּעס אַ רעכטן משורר. וואו ער האָט געפּאַקט עפּעס אַ משורר מיט אַ פיין קול, האָט ער זיך געגעבן מי אים אָפּצורייִדן פון זיין ביז איצטיקן חזן און מיטנעמען מיט זיך. יעדער חזן האָט פאַרשטאַנען, אַז וויפל „כלי" ער אַליין זאָל האָבן, איז אָבער נאָך וויכטיקער, אַז ער זאָל האָבן אַ שיינעם גרויסן כאָר, אַז מען גיט אַ זינג אַ שטיקל „כבקרת רועה עדרו" אָדער „לך ר' הגדולה", לעקט דאָך דער עולם די פינגער, דעריבער איז דאַמאָלט פאָרגעקומען ממש אַ געיעג אויף משוררים.

אין די ביאָגראַפיעס פון די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן־זינגער ווערט כסדר אָנגעגעבן, אַז דער און דער חזן האָט זיי אַוועקגעגנבעט. יאָ, מען האָט פּשוט געגנבעט משוררים. קיין חזן, וועלכער האָט געהאַט אַ רעכטן משורר, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט מיט גוטן, נאָר אַ צווייטער חזן פלעגט דעם משורר צוזאָגן גאָלדענע גליקן און ביינאַכט אים אַרויסגנבענען פון שטעטל און מיט אים אַוועקפאָרן.

זעליגלען האָט מען נישט געדאַרפט אַוועקגנבענען. אַן אומגליק אין שטוב האָט ביי אים צוגענומען יעדע צוגעבונדנקייט צום שטעטל. אַ גאַנץ קורצע צייט נאָכן פאָטערס טויט איז אים אָפּגעשטאָרבן זיין מאַמע, און אַזוי ווי זיין איינציקער ברודער איז שוין סיי־ווי אַרומגע־פאָרן מיט חזנים, און נאָך דער מוטערס טויט איז זעליגל געבליבן עלנט, האָט ער זיך גערן אָנגעכאַפּט אָן פאָרשלאָג פון באַרימטן חזן ר' ניסן בעלזער, וועלכער איז געקומען אַמאָל צו זיי אין שטעטל און געהערט זינגען זעליגלען. זעליג איז גערן מיטגעפאָרן מיט ר' ניסן בעלזער אין דער גרעסטער שטאָט פון בעסאַראַביע — אין קעשעניעוו.

.3

ניסן בעלזער שפּילט בכלל אַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. אַ סך פון די ערשטע אַקטיאָרן האָבן זייערע ערשטע

טריט אין דער עפנטלעכקייט געמאַכט אַלס משוררים ביי ר' ניסן. דער ערשטער, וועלכער האָט געגרינדעט דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע, באָריס טאָמאַשעווסקי, איז אויך געווען אַ משורר ביי ניסן בעלזער. זיין ביי ניסן בעלזער אַ משורר איז אַמאָל געווען אַ גאַנצער יחוס־צעטל ווען מען האָט געוואָלט אַריינטרעטן אין אַ יידישער טרו־פּע. עס איז ביי אים געווען די „אוניווערזיטעט" פון יידישע משוררים. ניסנס אַ זון, יידל, האָט זיך דערנאָך אַליין פאַרבונדן אין אַמעריקע מיטן יידישן טעאַטער. ער האָט געענדערט זיין נאָמען אויף ספּיוואַק און האָט געשאַפן קאָמפּאָזיציעס פאַרן יידישן טעאַטער. ניט לאַנג צו־ריק האָט ניסנס זון, יידל ספּיוואַק, געוואוינט אין פילאַדעלפיע. ער האָט דיריגירט דאָרט מיט אַ כאָר אויך ביי אַ חזן, אַן אַנדערן טיפּ חזן ווי זיין פאָטער. דער חזן דאָרט איז געווען דער געוועזענער קייזער־לעכער אָפּערן־זינגער הערמאַן יאַדלאָווקער, וועלכער האָט נאָך פאַרן היטלער־רעזשים אויפגעגעבן די עסטראַדע און איז געוואָרן אַ חזן. אַט אַזוי האָט דאָס לעבן צוריק אויפגעמישט אַ בלעטל געשיכטע און אין אַ געענדערטער פאָרם עס צוריק באַנייט.

זעליגל איז ביי ר' ניסן בעלזער שוין אַריין אויף „באַדינגונגען". ער האָט דאָרט באַקומען 60 רובל אַ יאָר און 12 קאָפּיקעס פון רובל, וואָס די משוררים „מאַכן אין אַ זייט". געמיינט דערמיט האָט מען די טרינק־געלטער, וועלכע די משוררים פלעגן באַקומען בעת זיי האָבן געזונגען אויף אַ שמחה אָדער, להבדיל, בעת אַ לויה. אין יעדן פאַל האָט מען געוואוסט, אַז די משוררים נעמען נישט קיין גרויסע שכירות און דער עולם פלעגט דעריבער איבערלאָזן די משוררים עפּעס טרינק־געלט און אַט די טרינק־געלטער פלעגן צעטיילט ווערן צווישן די משור־רים לויט „מאַרקן". זעליגל האָט באַקומען פאַרהעלטניסמעסיק אַ גרויס חלק — 12 קאָפּיקעס פון רובל. אָבער ער איז נישט פאַרכישופט געוואָרן פון דעם דערפאָלג אַלס זינגער און כאָטש ער האָט שוין גע־גאָלטן אַלס גוטער נאָטן־לייענער, האָט ער פונדעסטוועגן ווייטער גע־לערנט נאָטן ביים טענאָר־משורר בערל ליוולקעמאַכער.

בעסאַראַביע איז נישט ווייט פון אַלט־רומעניע. היינט צו טאָג געהערט בעסאַראַביע בכלל צו רומעניע, אָבער אפילו אין יענע יאָרן איז מען געווען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. אַ סך פאַמיליעס זענען גע־

ווען צעטיילט איבער בעסאראביע און רומעניע. מען האט געשלאסן שידוכים, נישט געקוקט אויף די גרעניצן, וואס האבן פונאנדערגע־טיילט ביידע מדינות, און זייער אפט פלעגן יידן פארן אהין און צוריק. אט די פארער האבן עס געבראכט קיין בוקארעסט דעם נאמען פון זעליגל משורר. ווי געוויינלעך האבן זיי דערציילט פלאי פלאים, אזוי ווייט, אז דער הויפט־חזן פון דער גרויסער שול אין בוקארעסט, ר׳ ישראל קופער, איז אליין געקומען ספעציעל אין קעשעניעוו און נאכ־דעם ווי ער האט געהערט זעליגלען זינגען, האט ער אים טאקע ארויס־געגנבעט פון ר׳ ניסן בעלזערס כאר, און אים אפגעפירט צו זיך קיין בוקארעסט, וואו זיינע שכירות זענען גאר געשטיגן: 20 פראנק א חודש און דערביי איז אפגערעדט געווארן, אז ער זאל זינגען בלויז די סאלאס, נישט אין כאר מיט אלע.

די רומענער זענען, פונקט ווי די איטאליענער, באקאנט אלס פאלק פון נגינה. זעלטן א רומענער זאל נישט זינגען. א סך פון זיי זע־נען באשאנקען מיט שיינע שטימען און האבן זייער ליב געזאנג. דע־ריבער איז קיין וואונדער נישט, אז ווי באלד מען האט געהערט דאס שיינע יונגע קולכל פון זעליגלען, האט מען אנגעהויבן טראכטן, אז מען דארף פון אים מאכן א לייט. און אזוי איז זעליגל אין עלטער פון 14 יאר אריינגעטראטן אין דער קאנסערוואטאריע אין בוקארעסט. זעליגלס לערער, פראפעסאר בריטיאנו, איז געווען ממש אנטציקט פון זיין תלמיד, און באלד נאכן ערשטן יאר האט זעליגל באקומען א פריז.

אין קאנסערוואטאריע פלעגן אפט קומען, אלס געסט, פארשידענע אקטיארן, באזונדערס אקטיארן פון גאסטראלירנדיקע טרופעס. טייל־מאל פלעגט א דירעקטאר בכלל צונויפשטעלן זיין כאר פון די שילער פון דער קאנסערוואטאריע. אזוי איז געקומען קיין בוקארעסט א פראנצויזישע אפערעטן־טרופע. געקומען זענען בלויז די אקטיארן. בנוגע כאריסטן, איז געבליבן צו נעמען זיי אויפן ארט, טאקע פון דער קאנסערוואטאריע, און צווישן די כאריסטן איז אויך געווען זעליגל.

זעליגל איז נישט געווען דער איינציקער יידישער שילער, וואס איז רעקאמאנדירט געווארן פון דער קאנסערוואטאריע. צוזאמען מיט אים זענען אויך אנגאזשירט געווארן דורך דער גאסטראלירענדער טרו־

פּע די יידישע זינגער: מאָזעס וואַלד, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ חזן אין אונגאַרן, אַ געוויסער שמחה דינמאַן און לייזער צוקערמאַן, וועלכע זענען דערנאָך געוואָרן אַקטיאָרן.

דינמאַן, אָדער דילמאַן, ווי אַנדערע האָבן אים גערופן, האָט גע־שטאַמט פון לעמבערג, און ווען גאָלדפאַדען האָט אַ ביסל שפּעטער געגרינדעט זיין יידיש טעאַטער און האָט זיך גענויטיקט אין אַ טענאָר, האָט ער אים אַריינגענומען אין זיין טרופּע. אַלס זינגער איז דילמאַן געווען אויסגעצייכנט און האָט ממש באַצויבערט דעם עולם, אָבער אַלס שוישפּילער — פלעגט ער באַקומען „לאַמפּן־פיבער" און ער האָט דעריבער, נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט, פאַרלאָזט די בינע.

מאָגולעסקאָ דערציילט אין זיינע עראינערונגען, אַז דילמאַן האָט געהאַט אַ קאַרוזאָ־שטימע, רייך, פול מיט „מעטאַל" און מיט זיסקייט. עס איז פּשוט געווען אַ זעלטנהייט. ווען ער וואָלט געבליבן אויף דער אָפּערע־בינע, וואָלט מיט אים די וועלט געקלונגען.

אַן אַנדערער אַלטער יידישער אַקטיאָר, צעזאַר גרינבערג, וועלכער האָט אים פּערזענלעך געקענט, דערציילט, אַז דינמאַן איז דערנאָך אַוועקגעפאָרן שטודירן מוזיק אין ווין און איז דאָרט שפּעטער געוואָרן אַ קאַנטאָר.

לייזער צוקערמאַן, ווידער, איז דערנאָך געוואָרן איינער פון די באַרימטסטע יידישע אַקטיאָרן און האָט געשפּילט אַ סך הויפּט־ראָלן אין גאָלדפאַדענס פּיעסעס. ער האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט מאָגולעסקאָן און איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

לאַנג האָט די פּראָנצוויזישע אָפּערעטן־טרופּע נישט עקסיסטירט. די עטלעכע יידישע זינגער, וועלכע האָבן זיך אין כאָר געפילט געבונדן איינער מיטן אַנדערן, האָבן שוין נישט געוואָלט אויפגעבן זייער פאַר־דינסט פון זינגען און זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אַלס קוואַרטעט אונ־טערן נאָמען: „כאָר איזראַעליטאַ". אָבער דערפון אַליין האָבן זיי נישט געקאָנט ציען קיין פּרנסה און זיי האָבן אין געהיים אויך געזונ־גען יעדן זונטאָג אין קירכן־כאָר. ס'איז אַלזאָ, אויסגעקומען, אַז אויף

שבת זענען זיי געווען יידן און האָבן געזונגען אין דער סינאַגאָגע, און אויף זונטאָג זענען זיי געוואָרן גויים און געזונגען אין דער קירכע.

אָבער דאָס איז נאָר געווען ביז צו דער נשמה. אין הארצן און אין דער נשמה זענען זיי פאַרבליבן טרייע יידן, און באַלד האָבן זיי טאַקע באַוויזן בייצוקומען אַ נסיון: פּראָפעסאָר סטעפּאַנעסקאָ פון דער קאָנסערוואַטאָריע, אַ געטרייער קריסט, האָט נעבעך געהאַט הארצוויי־טיק, וואָס אַזעלכע פּי ראַויסגעצייכנטע זינגער זענען יידן, און דערצו עלנטע, איינזאַמע בחורים, וואָרום קיינער פון זיי האָט אין בוקאַרעסט נישט געהאַט קיין פאַמיליע. ער האָט דעריבער זיי אָנגעהויבן צורײדן צום שמד. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דערפאַר אויך געוואָלט מיט עפּעס באַצאָלן. אַזוי ווי די יידישע זינגער האָבן נאָך געדאַרפט שטו־דירן מוזיק און קיין געלט־מיטלען האָבן זיי נישט געהאַט, האָט ער זיי פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אויפן חשבון פון דער מלוכה אַוועקגעשיקט ווערן קיין מילאַן, איטאַליע, ווייטער צו שטודירן און דאָרט אויסגע־האַלטן צו ווערן אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן ענדיקן אַלס אָפּערע־זינגער.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז אָט די ווערטער זאָלן נישט האָבן גע־מאַכט אַ שטיקל איינדרוק אויף די יונגע זינגער, וועלכע האָבן באמת געשטרעבט צו דערגרייכן די ברעטער פון אַן אָפּערע, און דערצו האָט מען נישט געקאָנט צוקומען אָן אַ ווייטערדיקער גרונטלעכער שטודיע. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז צוליב זייער אָרעמקייט וועט זייער פאַנ־טאַזיע קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן, אויב עס וועט נישט גע־שען עפּעס אַ נס פון אַ זייטיקער הילף, און אָט די הילף ווערט זיי איצט געגעבן. אַלע פיר זינגער האָבן אָבער געשטאַמט פון עכט־יידישע היי־זער און עס איז גענוג געווען, זיי זאָלן זיך אַ רגע פאַרטראַכטן וואָס פאַר אַ שריט זיי גייען מאַכן: מיט איינמאָל זיך אָפּרייסן פון זייער פאָלק, פון זייערע קרובים, אַז זיי זאָלן אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאָג פון זייער וואוילטעטער.

און אַזוי ווי עס איז צעשטערט געוואָרן זייער אויסזיכט צו ווערן אָפּערע־זינגער, איז נישט קיין וואונדער, אַז דער פונק פון טעאַטראַ־לישקייט, די נייגונג צו טעאַטער, וואָס האָט זיך אין זיי אַנטוויקלט דורכן קומען אין באַרירונג מיט די אַקטיאָרן פון דער אָפּערע, האָט גע־

זוכט אַן אָרט וואו זיך אַרויסצוווייזן, און דערצו איז געקומען אַ גינסטיקע געלעגנהייט.

דער חזן ישׂראל קופּער איז געווען, אַפּנים, זייער אָנגעזען אין שטאָט. עס איז נאָך געווען די צייט, ווען אַ חזן, אַן ערשטער קאַנטאָר, איז ניט געווען בלויז אַן אָנגעשטעלטער ביי קהל, נאָר האָט אויך גע־האַט אַ געוויסע חשיבות. מען האָט אים באַטראַכט פאַר אַן אָנגעזעענע פּערזאָן, אין וועמענס געזעלשאַפט עס איז אַ כבוד צו פאַרברענגען. אַזוי פלעגן זיך די „פּני" פון שטאָט, די וויכטיקסטע יידישע פּערזענ־לעכקייטן פון בוקאַרעסט, צונויפקומען יעדן שבת אָוונט ביים חזן אין שטוב. דאָרט איז געפּראַוועט געוואָרן אַ מין „מלוה־מלכה", פאַרבונדן מער מיט געזאַנג און פאַרוויילונג, ווי מיט תורה, און אַט אין דידאַזיקע שבת־צו־נאַכטן האָבן זיך אויך באַטייליקט דעם חזן קופּערס משוררים. באַזונדערס פלעגט זיך דאָ אויסצייכענען זעליגל. ער האָט ניט נאָר נאָכגעזונגען שטיקלעך פון די אָפּערעס, אין וועלכע עס איז אים אויס־געקומען צו זינגען, נאָר ער פלעגט אויך נאָכקאָפּירן געוויסע סצענעס פון די אַקטיאָרן, באַזונדערס פון רומענישן קאָמיקער מילו, וועלכן ער האָט געזען שפּילן אין אַ דאַמאָלטיקער באַליבטער רומענישער פאָלקס־קאָמעדיע „וולאַדוצו מאַמו", וואָס אויף יידיש באַדייט דאָס: „דער מאַמעס מוזיניקל".

עס פלעגט אויך טרעפן, אַז אויף שׂמחות ביי גבירים פלעגט מען פאַרבעטן די משוררים, אַז זיי זאָלן משׂמח־זיין דעם עולם, און דאָ האָט מען באַזונדערס אָנגעקוואָלן פון דעם קליינעם זעליגל, ווען ער פלעגט שפּילן די רומענישע קאָמעדיע, אין וועלכער ער האָט פאָרגעשטעלט אַ נאַרישעוואַט ייִנגל, אַ לאַ־יצלח, וואָס שלעפּט זיך נאָך דער מאַמעס שערץ, אַ מין מענדריק.

דערווייל האָט זעליגל פאַרלוירן זיין ייִנגל־שטימע, און אַזוי ווי ער האָט מער ניט געקאָנט ציען פּרנסה פון זינגען און קיין מיטלען צום לעבן האָט ער ניט געהאַט — האָט ער צוויי יאָר צייט געאַרבעט אַלס פּראַנזן־אַרבעטער. ערשט דערנאָך, ווען ער האָט צוריקבאַקומען אַ שטימע, דאַסמאָל שוין פון אַ דערוואַקסענעם, אַ טענאָר־שטימע, האָט ער צוריקגעקערט צום חזן קופּער ניט נאָר אַלס משורר, נאָר אויך אַלס כאָר־דיריגענט.

.4

אין דער צייט האָט דערווייל אברהם גאָלדפאַדען געגרינדעט דאָס יידישע טעאַטער. די גרינדונג איז פאָרגעקומען אין דער צווייטער, גרעסערער, מער־יידישער שטאָט פון רומעניען, אין יאַסי. גאָלדפאַדענס ערשטע אַקטיאָרן זיינען געווען צוויי פאָלקס־זינגער — ישראל גראָדנער און שכר גאָלדשטיין. באַלד דערויף האָט ער אויסגעזוכט נאָך אייניקע פאָלקס־זינגער, ער האָט אָבער אַלץ נאָך נישט געהאַט קיין טרופּע, פאַר וועלכער ער זאָל קאָנען אָנשרייבן אַ פּיעסע. און דאָס באַקומען אַקטיאָרן איז דאַמאָלט געווען זייער שווער, וואָרום וועגן נעמען פּאַרטיקע אַקטיאָרן פון דער נישט־יידישער בינע האָט גאָרנישט געקאָנט זיין קיין רייד. דאָרט האָבן זיי געהאַט אי פּיעסעס, אי פּובליקום, אי פּרנסה. דאָ האָבן זיי ערשט געדאַרפט ווערן פּיאָנערן. דער איינציקער קוואַל צו שעפּן אַקטיאָרן פאַרן יידישן טעאַטער, זענען געבליבן די פאָלקסזינגער, וועלכע פלעגן טיילמאָל „אָפּשפּילן” אַ לידל, אָדער זוכן צווישן די משורים, וועלכע האָבן גרויסע שטימען און וועלכע קאָנען זינגען גרעסערע „פּאַרטיעס”. סיי־ווי־סיי איז פאַר גאָלדפאַדענען געווען קלאָר, אַז ער וועט מוזן מער אַכט לייגן אויף דעם ג ע ז אַ נ ג ל ע כ ע ן עלעמענט, ווי אויף דעם שוישפּילערישן.

ווען גאָלדפאַדען איז געקומען קיין בוקאַרעסט, האָט ער, נאַטירלעך, אויך דאָ אָנגעהויבן זוכן נייע כוחות פאַר זיין טעאַטער, און ווען ער האָט געהערט וועגן די פיר משוררים, האָט ער זיי גערופן צו זיך. ביים פאַרהער האָט זעליגל פאָרגעשטעלט אַ סצענע פון דער רומענישער קאָמעדיע. גאָלדפאַדען איז געווען באַגייסטערט. ער האָט דערוואַרט בלויז צו קריגן ז י נ ג ע ר , און דאָ האָט ער דערקענט, אַז זעליגל איז נישט נאָר אַ גרויסער מנגן, נאָר ער האָט אויך גרויסע ש ו י ש פּ י ל ע ר י ש ע פעאיקייטן. ער האָט אים תיכף צוגענומען צו זיך אין טרופּע און אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט ספּעציעל פאַר אים לאָזן איבערזעצן אָט דאָס רומענישע שטיק, פון וועלכן ער האָט געשפּילט די סצענקע.

און גאָלדפאַדען האָט זיין וואָרט געהאַלטן — ער האָט פון דער רומענישער קאָמעדיע „וולאַדוצו מאַמו” געמאַכט זיין באַוואוסטע קאָמעדיע „שמענדריק”, טאַקע ספּעציעל פאַר זיגמונט מאָגולעסקאָ.

אָבער נישט נאָר מאָגולעסקאָן האָט גאָלדפאַדען אַריינגענומען צו זיך אין טרופּע, נאָר אויך די אַנדערע דריי משוררים, פון וועלכע מאָזעס וואַלד און דינמאַן, אָדער דילמאַן, זענען שפּעטער געוואָרן חזנים, און לייזער צוקערמאַן און משה זילבערמאַן, זענען שפּעטער געוואָרן באַקאַנטע אַקטיאָרן. אויסער זיי האָט גאָלדפאַדען אויך אַריינגענומען צו זיך נאָך משוררים פון חזן קופּער אַלס כאָריסטן. גאָלדפאַדען האָט זיך באַזונדערס געפילט דאָ נאָענט, ווייל דער חזן קופּער איז געוועזן מיט אים פון איין שטאָט.

אַזוי לאַנג ווי די משוררים האָבן געזונגען אין גויישן טעאַטער, האָט קהל דערויף אוועקגעקוקט, אָבער ווי באַלד זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען אין יידישן טעאַטער, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ קעגנערשאַפט פון די מתפּללים. כאָטש אַ גרויסער טייל פון זיי זענען אַליין געווען נישט־איבעריק פרום, אָבער, ווי תמיד, האָבן זיי געוואָלט, אַז י ע נ ע ר זאָל זיין פרום. יידיש טעאַטער איז דאַמאָלט באַטראַכט געוואָרן פאַר נישט קיין יידישלעכע זאַך. טעאַטער איז געשטאַנען ביי יידן אויף איין מדרגה מיט די איצטיקע קאַבאַרעטן, שאַנטאַנען, און מ'האָט אויף דעם געקוקט ווי אויף אַן אָרט פון הפקרות. דעריבער איז קהל נישט אָנגעשטאַנען, אַז דיזעלבע משוררים, וועלכע שטייען פאַרן ארון־קודש און טוען תפילה צום רבונו של עולם, זאָלן אין אוונט שטיין אויף די ברעטער פון טעאַטער און מיטזינגען יענע „הפקרדיקע" לידער. אַזוי אָבער ווי די משוררים האָט מען נישט געקאָנט באַשטראָפן, האָט קהל אויסגעלאָזט דעם גאַנצן כעס אויפן חזן קופּער, וועלכער פלעגט נישט נאָר לאָזן זיינע משוררים זינגען אין כאָר פון טעאַטער, נאָר פלעגט זיך אַליין אויך אַמאָל אַריינכאַפּן אין טעאַטער. קהל האָט דערפאַר אָפּגעזאָגט דעם חזן קופּער פון זיין פּאָסטן.

אין דעם „פּנקס" פון דער גרויסער שול" אין בוקאַרעסט איז פאַרשריבן אויף לשון קודש דער אָפּזאָג — „למען ידעו דורותיכם". דר. מאיר בן אברהם הלוי האָט דעם פּראָטאָקאָל איבערזעצט אויף יידיש און אים אָפּגעדרוקט אין „טעאַטער־אַרכיוו", וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע.

דער פּראָטאָקאָל איז זייער אינטערעסאַנט און וואַרפט אַ קלאָר

ליכט אויף די דראַמאַטישע פּאַרהעלטעניש אין יידישן לעבן. אין אים ווערט געזאָגט:

„אין יאָר תרל״ב האָבן די ראָשי הקהל, די זיבן אונטן־אויסגע־רעכנטע מענטשן, אָנגעגורט ווי העלדן זייערע לענדן צו שטיין אויפן פּאָסטן פון דער הייליקער וואך און פעסט צו פּאַרציען די שפּאַלטן פון הויז, צו פּאַריכטן די שול על צד היותר טוב. און גאָט איז זיי גע־ווען צו הילף צו טאָן די אַרבייט לויט דעם וואונטש פון כל ישראל. און מיט דער הסכמה פון אַלע בעלי־הבתים פון דער שול האָט מען אויפגענומען ר׳ ישראל קופּערן צו זיין חזן מיט משוררים על צד היותר טוב, און זיי האָבן זיך מתחייב געווען צו געבן ר׳ ישראל קו־פּערן אויף לעבנס־מיטלען פּאַר זיין הויזגעזונט צוזאַמען מיט די משוררים 450 פּראַנק אַ יאָר, און ער איז אָפּגעזעסן רואיק אויף זיין זיין שטעלע 5 יאָר ביז ראש חודש סיון תרל״ז. און אין משך פון די דאָזיקע 5 יאָר האָט ר׳ ישראל קופּער באַקומען זיין שכירות אַלע חודש אָן פּאַרמינדערונג בעין יפה דורך דעם גבאי ר׳ ישראל פרענ־קעל, און איצט נאָך די ימים נוראים פון יאָר תרל״ז, אַרום ראש חודש חשון, איז געוואָרן אַ מחלוקת אין שול, ווי עס איז דער מנהג בכל תפוצות ישראל, און דער רוב דעות פון די בעלי־הבתים איז געווען, אַז דער חזן ר׳ ישראל קופּער זאָל פּאַרלאָזן די הייליקע שטעלע און זיך צוריקקערן אין זיין געבורטסשטאָט, ווייל ער איז זיי צו לאַסט אין דער געדריקטער צייט, און אַזוי האָבן מסכים געווען דער רוב בעלי־הבתים.

בלויז ר׳ ישראל פרענקעל האָט איינגעזען, אַז דער צאָרן פון גאַנצן פאָלק איז אַרויס נאָר צו פּאַרטיליקן, אונטערצושניידן דעם חזן הנ״ל פון זיין פּרנסה. דענסמאָל איז ער אויפגעשטאַנען און האָט גע־זאָגט:

— גיט אים איבער אין מיינע הענט, און איך וועל בעזרת השם באַצאָלן דעם חזן הנ״ל זיין שכירות, וואָס אים קומט, און עס וועט נישט אַרויסקומען קיין שום היזק, חס ושלום, פּאַר דער שול. דער לוי וועט טאָן זיין עבודה און איר וועט זיין פּאַר גאָט און פּאַר ישראל.

און דער חזן איז פּאַרבליבן אויף זיין שטעל, און דער גבאי ר׳ ישראל פרענקעל האָט געצאָלט דעם חזן זיין שכירות אַלע חודש אין

משך פון גאַנצן ווינטער ביז ראש חודש סיון. אויך דער חזן הנ"ל האָט ראש חודש חשון, ביים היגן רב, באלה ובשבועה, געגעבן אַ כתב די גבאים און דעם רוב פון דער קהלה, אַז ער וועט זיי נישט פאַרלאָזן ביז נאָך ימים נוראים פון יאָר תרל"ח.

נייערט דעם דאָזיקן ווינטער איז געקומען אַהער אַ מענטש פון זיין שטאָט, און זיין נאָמען איז גאָלדפאַדען, און האָט אָפּגעדונגען אַ גרויס הויז צו מאַכן אַלע נעכט יידיש טעאַטער. נו, דאַרף דאָך איטלעכער פאַרשטיין, צי איז אַזאַ שפּיל־אָרט, וואו עס שפּילן בחורים און מיידלעך, מענער און פרויען צוזאַמען און מאַכן דאָרט ליצנות, חוזק און לעסטערונג פון רבנים, חזנים, שוחטים און פון כלל ישראל, וואָס גלויבן אין גאָט און אין דער תורה פון משה זיין קנעכט — צי עס איז גוט, שיין און פּאַסיק פאַר אַ שליח־צבור, וואָס איז מתפּלל צום לעבעדיקן גאָט פאַר דער עדה פון בני ישראל אין דער גרויסער שול, דאָ אין בוקאַרעסט, ער זאָל גיין אין אַזאַ הויז פון געלעכטער און לצנות צו הערן דעם געזאַנג, דעם טאַדעל און לצנות פון די דאָזיקע נקבות? און חוץ דעם, וואָס ער האָט עובר געווען אויפן מאמר פון דוד המלך עליו השלום „ובמושב לצים לא ישב" (און אין דעם זיץ־אָרט פון לצנים איז ער נישט געזעסן) — האָט ער נאָך צוגעגעבן אַ זינד צו אַ פאַרברעך און איז אַלע נאַכט געקומען אין דעם געלעכטער־הויז הנ"ל, זיי צו העלפן און צו שטיצן, האָט ער צו זיי פאַרדונגען די משוררים זיינע, וואָס שטייען צו בעטן תחנונים פאַרן אייבערשטן, און פאַר געלט מאַכן זיי ביינאַכט געלעכטער און לצנות. און אויך דער חזן אַליין איז געגאַנגען אין טעאַטער אַלע נאַכט אַ גאַנצן ווינטער פון 7 אַזייגער ביז האַלבער נאַכט. און מחמת דעם פלעגט ער נישט קומען אין דער פרי אין שול צום דאַווענען, ווייל ער פלעגט שלאָפן ביז אין גרויסן טאָג אריין, און אויך צו אָוונטצייט פלעגט ער נישט מאַכן קיין פּראָבע מיט די משוררים לויטן אַלטן מנהג, און דער כאָר פלעגט פאַרגעסן אַלע ניגונים. דעריבער פלעגן זיי אַלע קומען שבת קודש ווי פרעמדע אויף דער הייליגער ערד און פלעגן נישט וויסן, פון וואָס אָנצוהויבן און מיט וואָס צו ענדיקן.

און אַז די גבאים און דער רב הקהילה פלעגן אים זאָגן: „היתכן, אַ שליח־צבור זאָל מאַכן אַזאַ חלול־השם צו פאַרלאָזן די הייליקע

שטעלע, וואו זיין חודשדיקע שכירות צוזאמען מיט די פארשידענע הכנסות באטרעפט אן ערך 50 רענדלעך, און זאל גיין אין דעם הויז פון לצנות הנ״ל?״ — פלעגט ער זיי נישט ענטפערן קיין ווארט און איז ווייטער געגאנגען אין זיין שלעכטן וועג ביז פסח. און אז די גבאים האבן דערזען, אז אויך אין דעם יום־טוב פסח האט ער נישט געזונגען ווי פריער און ווי אלע מאל, האבן זיי אנגעהויבןריידן מיט הארבע רייד:

— היתכן, צו נעמען שכירות פון שול, הייליק געלט, אומזיסט, בכדי צו האלטן דאס טעאטער?

דאן האט דער חזן הנ״ל אנגעהויבן מבזה צו זיין און שילטן מיט קללות נמרצות אלע בעלי־בתים פון קליין ביז גרויס, און אזוי האט ער געזאגט:

— איצט וועט איר זען, וואס איך וועל אייך טאן, דען איך האב א בעסערן קאנטראקט פון אייך — מיט דער אייגנהענטיקער אונטער־שריפט פון איטלעכן פון אייך באזונדער, און קעגן אייער ווילן וועט איר מיר צאלן די גאנצע שכירות, און איך וועל טאן, וואס איך וועל וועלן.

און אז עס איז געקומען די צייט פון באצאלן אין חודש אייר, האט ער געבעטן ביים גבאי פרענקעל דאס געלט פארן חודש, האט ר׳ ישראל פרענקעל צו אים געזאגט:

— איר זעט דאך, אז די מחלוקת איז צוליב אייך און קיינער פון די בעלי־בתים פון שול האט נישט געוואלט צאלן לויט די תקנות פון פנקס, און איצט גיט א כתב אז איר וועט נישט גיין אין טעאטער, און אז איר וועט דאווענען ווי פריער און ווי אלעמאל, דהיינו — אז איר וועט מאכן פראבע מיט די משוררים איטלעכס מאל און אז איר וועט מהיום והלאה מער נישט מבזה זיין די בעלי־בתים.

האט דער חזן קופער אזוי געענטפערט: „איך וועל טאן כהנה וכהנה קעגן אייך ווי איך וועל וועלן, הן מיט מיין אויפפירונג א גאנץ יאר הן בנוגע ריידן מיט די משוררים אינמיטן דאווענען, און איר וועט זיין געצוואונגען מיר צו געבן מיין שכירות יעדן חודש לויט דער קראפט פון קאנטראקט מיט אייערע אונטערשריפטן. און באם איך

וועל נישט באַקומען, וועל איך איבערגעבן אין געריכט פון דער מלוכה, וועט איר זען, וואָס איך וועל אייך טאָן".

און די דאָזיקע רייד האָט ער גערעדט מיט ר' ישראל פרענקל אינ־מיטן וואָך פּרשת נשא, ווען עס איז געווען די צייט צו באַצאָלן דאָס געהאַלט פאַרן חודש. און שבת פּרשת נשא, ווען דער חזן קופּער איז געשטאַנען פאַרן עמוד מיט די משוררים און האָט אָנגעהויבן ריידן מיט זיי אינמיטן דאַווענען, מיט געלעכטער ווי יעדעס מאָל — האָט גע־זאָגט דער גבאי ר' ישראל פרענקעל: „צי איז גוט און שיין פאַר א שליח־צבור צו ריידן דברים בטלים פאַר שמונה־עשרה? דאָס איז דאָך קעגן די דינים פון אונזער הייליקער תורה!"

דאַן האָט דער חזן קופּער געענטפערט מיט עזות און מיט א הויכער שטים: „ווער ביזטו עס, וואָס איך זאָל פאָלגן דיין באַפעל? או ווער האָט עס דיך באַשטימט פאַר א האַר און א ריכטער איבער מיר, וואָס איך זאָל דיך הערן? דו, ישראל פרענקעל — נעכטן איז דאָך געווען דער טערמין פון באַצאָלן מיר דאָס געהאַלט פאַרן חודש, — נו, האָסטו מיר געגעבן געלט?"

און ווי ער איז געשטאַנען שבת פּרשת נשא אויפן בעלעמער, האָט ער געשאָלטן ר' ישראל פרענקלען ביז אבות אבותיו פון זיין פאָ־טערס און זיין מוטערס צד און האָט אים מבזה געווען מיט די גרעסטע און שרעקלעכסטע בזיונות, וואָס עס איז א חרפה פאַר אונז דאָס צו פאַרשרייבן אין פּנקס, דאַן האָבן אַלע בעלי־בתים פון שול, וואָס האָבן געהערט דאָס געשריי פונעם רשע קופּער הנ"ל, באַשלאָסן אָנצוקלאָגן דעם פאַרדאָרבענעם הנ"ל אין שטאַטישן געריכט. אָבער ר' ישראל פרענקעל האָט נישט געוואָלט ברענגען צו קיין חלול־השם דורך אי־בערגעבן דעם ענין אין געריכט פון די אומות העולם, דען עס איז א חרפה און א בזיון פאַרן כלל ישראל. דעריבער האָט ר' ישראל פרענקעל גערופן דעם חזן הנ"ל צו הרב דפה און האָט צו אים גע־זאָגט: „דאָס איז אייער גוטס, וואָס איר צאָלט מיר פאַר די טרחות און מאַטערנישן אין משך פון די 5 יאָר, וואָס איך האָב געטון מיט אייך זינט איר זענט געקומען אַהער ביז צום היינטיקן טאָג? און דאָס איז מיין שכר צו שילטן מיין פאָטער ז"ל, וואָס איז דאָ אין בוקאַרעשט א רב געווען 18 יאָר און ער איז אַן אייניקל פון „חכם צבי". און די על־

טערן פון מיין מוטער די רביצין, וואס איז אן אייניקל פון בערדיטשעװער רב? זאל גאט אייך באצאלן פאר אייער שלעכטס דורך אזא פארדארבענעם מענטשן ווי איר זענט, און מיין האנט זאל נישט זיין אויף אייך".

אויך האט ער געזאגט צום חזן הנ"ל: „הערט מיך אויס. איר ווייסט דאך אליין, אז אין דעם דאזיקן חודש, פון חודש חשון ביז היינט, ראש חודש סיון, האט איר גענומען שכירות, דאס הייליקע געלט, אומזיסט, מחמת איר האט נישט געטאן אייער עבודה צום בורא עולם ווי עס איז רעכט און עס באדארף צו זיין, אזוי ווי פריער. בכל אופן האט איר באקומען אייער לוין דעם דאזיקן ווינטער — דאס הייליקע געלט, וואס איז אויפגעזאמלט געווארן מיט גרויס מי, סך־הכל 1600.25 פראנק, ווי עס איז אויסגערעכנט אין באלאנס אויף דער וואנט פון דער שול. אויך דער וועקסל אויף דער סומע פון 600 פראנק, וואס איר האט באקומען בתור הלוואה פון די געלטער פון דער שול אין יאר תרל"ד, האט איר נישט באצאלט, אפילו קיין איין פרוטה, און איצט הערט: גאט וועט אייך משפטן פאר נעמען הייליק געלט אומזיסט, און איך וועל באצאלן ביז איין פרוטה".

אזוי האט ר' ישראל פרענקעל געזאגט פארן רב, און אזוי האט ער געטאן און געגעבן דעם חזן הנ"ל 672 פראנק לויטן חשבון, וואס קומט אים.

און דער רב האט אנגעשריבן בריוו צו באשטעטיקן און צו באפעסטיקן, אז דער פארדארבענער קופער האט די גאנצע 5 יאר זינט זיין קומען ביז זיין אוועקגיין באקומען זיין גאנצע שכירות ביז איין פרוטה.

און דער פארדארבענער קופער האט מיט זיין גוטן ווילן זיך אונטערגעשריבן אויפן בריוו, וואס דער רב האט אנגעשריבן, אויף דער קבלה פון די געלטער און אז ער וועט זיין גאנץ לעבן נישט קומען אין דער שול, און ער איז אוועקגעפארן פון דאנען זונטאג פרשת שלח, און זיין סוף ווייזט אויף זיין אנהויב: אינעם טאג פון אפפארן פון דאנען האט ער זיך אויפגעפירט מיט גרויס קדושה און האט גענומען די פרוי פון זיין חבר דעם דירעקטאר גאלדפאדען אין איין וואגן און איז אוועקגעגאנגען מיט איר ביז האלבער נאכט זיך געזעגנען מיט די

טעאטער־לייט, — אָבער מיט אַלע בעלי־הבתים פון דער שול און מיט די גבאים און מיטן רב פון דער קהלה איז אים נישט אָנגעשטאַנען זיך צו געזעגענען..."

אויף גאָלדפאַדענען האָט די קעגנערשאַפט פון קהל גאָר קנאַפּ גע־ווירקט, ווייל ער האָט שוין געהאַט געוואונען גענוג אָנהענגער. די באַ־זוכער פון יידישן טעאַטער האָבן זיך רעקרוטירט פון די ברייטע מאַסן פון המון, פון די אומגעבילדעטע יידן, און זיי האָבן געלעקט די פינ־גער פון די „שמיקלעך", וואָס זיי האָבן געפונען אין גאָלדפאַדענס ער־שטע קאָמעדיעס, ווי „די באָבע און דאָס איניקל" און „דוואָסיע די ספּלעטניצע", אין וועלכער זעליגל, וועלכער איז שוין איצט באַקאַנט געוועזן אונטערן נאָמען מאָגולעסקאָ, האָט געשפּילט זיין ערשטע גרוי־סע ראָלע.

יונג איז נאָך געווען דאָס יידישע טעאַטער און יונג זיינען נאָך געווען זיינע אַקטיאָרן — באַזונדערס טאַקע זעליגל מאָגולעסקאָ. מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען אין זייערע נשמות האָבן זיי זיך איבערגעגעבן דער יידישער בינע. מאָגולעסקאָ האָט, אַ חוץ אַ גרויסן ווילן, אויך באַלד אַרויסגעוויזן זיך אַלס זייער טאַלאַנטירט. ער האָט יעדע ראָל אַזוי ערנסט, אַזוי מיט האַרץ געשפּילט, אַז מען האָט געגלויבט אין דעם טיף, וועלכן ער האָט פאָרגעשטעלט.

אַזוי דערציילט דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָ־רין אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד: אין גאָלדפאַדענס קאָמעדיע „דוואָ־סיע די ספּלעטניצע" האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט 2 ראָלן, דערפון איי־נע — אַ פרויען־ראָלע. ער האָט פאָרגעשטעלט אַ יונג ווייבל. אַזוי ווי אַקטיאָרן זענען דאַמאָלט נאָך געווען קנאַפּ, האָט אברהם גאָלדפאַדען אַליין געשפּילט זיין פאַרטנער, דעם מאַן. פרוי גאָלדפאַדען פלעגט די ערשטע צייט זיצן אין טעאַטער ביי יעדער פאָרשטעלונג, באַזונדערס ביי פּרעמיערעס, און ווען זי האָט געזען ווי איר מאַן, שפּילנדיק זיין ראָלע, קושט זיך אויף דער בינע מיט אַ שיין ווייבל, איז זי געוואָרן אייפערזיכטיק. דאָס שיינע ווייבל איז בסך־הכל געווען זעליגל מאָגו־לעסקאָ, אָבער ער האָט אַזוי געשפּילט זיין ראָלע אַלס פרוי, אַז ער האָט געקאָנט דערוועקן אייפערזוכט ביי פרוי גאָלדפאַדען...

אַז גאָלדפאַדען האָט געזען דעם שוישפּילערישן דערפאָלג פון מאָגולעסקאָן, איז ער צוגעטראָטן מקיים צו זיין דעם צוזאָג, וואָס ער האָט אים געגעבן בעת זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אַז ער וועט פאַר אים מאַכן אַ פּיעסע לויט דעם שלימזלדיקן טיפּ פון דער רומע־נישער פּיעסע „וולאַדוצו מאַמו". וועלכן ער, מאָגולעסקאָ, האָט פאַר־געשטעלט אויף זיין פּראָבע פאַר גאָלדפאַדענען, און גאָלדפאַדען האָט אָנגעשריבן זיין קאָמעדיע „שמענדריק". די דאָזיקע קאָמעדיע איז שפּעטער געוואָרן איינע פון די באַרימטסטע אין דער יידישער וועלט. צענדליקער אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אין יאָרן אַרום געשפּילט די הויפּט־ראָלע, זענען געוואָרן דורך איר פּאָפּולער. דער נאָמען „שמענדריק" איז בכלל אַריין אין אוצר פון דער יידישער שפּראַך, און אַז מען וויל באַצייכענען עפּעם אַ לא יצלח, אַ נאַר, אַ גולם, זאָגט מען, אַז דאָס איז אַ „שמענדריק".

שפּעטער ווען די קאָמעדיע איז געוואָרן אַזוי באַקאַנט, האָט גאָלדפאַדען געפּרובט לייקענען, אַז ער האָט דעם איינפאַל און איינ־האַלט גענומען פון רומעניש. ער האָט געטענהט, אַז דאָס איז זיינס אַן אָריגינעל ווערק און אַז ער האָט זיך בלויז באַנוצט מיט די לידער פון דער רומענישער קאָמעדיע. אָבער סיי מאָגולעסקאָ, סיי צוקערמאַן און נאָך אַנדערע אַקטיאָרן, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט דעם אַנט־שטייאונגס־פּעריאָד פון יידישן טעאַטער, זאָגן עדות, אַז די קאָמעדיע איז נישט קיין אָריגינעלע, נאָר זי איז אַ באַאַרבעטונג פון רומעניש.

אָט מיט דער קאָמעדיע „שמענדריק" האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע שפּאַלטונג אין יידישן טעאַטער. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז גאָלדפאַדען האָט קוים מיט צרות צונויפגעשלעפּט עטלעכע יינגע־לייט און מיט זיי אויפגעפירט זיינע פּיעסעס. אָבער באַלד נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען האָט פאַרטיק געמאַכט די קאָמעדיע „שמענדריק", האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקה אין דער טרופּע. די סיבה איז געווען פאָל־גענדע: ביז דאַמאָלט איז גאָלדפאַדענס הויפּט־אַקטיאָר געווען ישראל גראָדנער, גראָדנער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער שוישפּילער, מיט אַ גרויסער שטימע, אַן אויסגעצייכנטער קאָמיקער, דערצו איז ער געווען דער ערשטער אַקטיאָר מיט וועמען גאָלדפאַדען האָט געלייגט דעם יסוד פון זיין טרופּע אין יאַסי. ווען גאָלדפאַדען האָט פאַר זיינע אַק־

טיאַרן איבערגעלייענט די קאָמעדיע „שמענדעריק", איז גראַדנער געווען זיכער, אַז ער וועט באַקומען צו שפּילן די טיטל־ראָל. גאָלדפאַדען האָט אָבער געוואָלט האַלטן זיין וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן מאָגולעסקאָן און ער האָט אים, מאָגולעסקאָן, געגעבן צו שפּילן די טיטל־ראָל. דאָס איז געווען אַ פּאַטש אין פּנים אַריין גראַדנערן, ווייל דערמיט האָט גאָלדפאַדען אונטערגעשטראָכן, אַז מאָגולעסקאָ איז אפשר נאָך אַ גרעסערער אַקטיאָר פון גראַדנערן, און דאָס האָט גראַדנער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. אין יענער צייט איז די ראָלע כמעט געווען די איינציקע באַלוינונג, וואָס דער אַקטיאָר האָט געהאַט.

אַזוי שרייבט ב. גאָרין, אַז ווען אַן אַקטיאָר האָט זיך געקלאָגט פאַר גאָלדפאַדענען, אַז ער פאַרדינט נישט גענוג אויף פּרנסה, האָט אים גאָלדפאַדען נישט צוגעזאָגט, אַז ער האָט פאַר אים אויסזיכטן מער צו פאַרדינען, נאָר ער פלעגט אים געוויינלעך ענטפערן: „איך וועל דיר אָנשרייבן אַ ראָלע, וועט זי דיר מאַכן אַ נאָמען און דו וועסט ווערן גרויס". מען קאָן זיך דעריבער לייכט פאָרשטעלן ווי גראַדנער איז געוואָרן פאַרביטערט ווען די הויפּט־ראָל פון „שמענדעריק", אַ ראָל, וואָס איז געווען אַן „אָפענע קאָרט", אַז דאָס פּובליקום וועט זי גוט אויפנעמען, איז נאָר איבערגעגעבן געוואָרן נישט אים, נאָר מאָגולעסקאָן. גראַדנער האָט דערויף געקוקט ווי אויף אַ פאַרראַט לגבי אים, וועלכער האָט גאָלדפאַדענען געהאָלפן טראָגן די שטיינער צום פונדאַמענט פון יידישן טעאַטער. ער האָט זיך געבויגן און געחנפעט צו גאָלדפאַדענען, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט בויגן און זיך האַלטן קלענער פאַר אַן אַנדערן אַקטיאָר.

און טאָמער איז נאָך געווען ווייניק מאָגולעסקאָס דערפאָלג ביי גאָלדפאַדענען און באַלד דערויף טאַקע ביים עולם, איז געשען נאָך אַ פאַסירונג, וואָס האָט גראַדנערן שרעקלעך אויפגעבראַכט.

זעענדיק מאָגולעסקאָס גרויסן דערפאָלג אַלס „שמענדעריק", האָט גראַדנער אָנגעהויבן פאָדערן פון גאָלדפאַדענען, אַז ער זאָל פאַר אים אויך אָנשרייבן אַ פּיעסע מיט אַ הויפּט־ראָלע. גאָלדפאַדען האָט גענומען אַ טראַגעדיע פון דייטשן דראַמאַטורג קאָצעבוי „די ווילדע אינזל" און זי איבערגעזעצט פאַר גראַדנערן. אין דער טראַגעדיע האָט

מאָגולעסקאָ געשפּילט די ראָל פון א נעגערין און ער האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז ער האָט פאַרדונקלט גראַדנערן.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז גראַדנער האָט פאַרלאָזט גאָלד־פאַדענס טרופּע, האָט מיטגענומען אייניקע אַקטיאָרן, צוגענומען נאָך אייניקע אָנפאַנגער און געגרינדעט נאָך אַ יידישע טרופּע. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל ווען גאָלדפאַדענס טרופּע איז געוואָרן אוים „בן יחיד״. פון דעם מאָמענט אָן הייבט זיך אָן די אייגנטלעכע אַנטוויקלונג פון דער יידישער בינע.

אָבער פאַר צוויי טרופּעס צו שפּילן אין בוקאַרעסט איז נישט געווען גענוג פּלאַץ, האָט זיך גראַדנער מיט זיין טרופּע איבערגעטראָגן קיין יאַסי, די שטאָט, אין וועלכער גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט זיין טעאַטער.

אָבער כאָטש מאָגולעסקאָ איז געווען גענוג באַליבט ביים טעאַטער־עולם, איז גראַדנער אויך געווען זייער אַ גרויסער נאָמען און עס איז דעריבער געווען אַ סכנה, אַז ווען דער טעאַטער־עולם זאָל זיך דערוויסן, אַז גראַדנער איז אַרויסגעטראָטן פון גאָלדפאַדענס טרופּע, זאָל זיך דאָס אָפּרופן אויפן באַזוך. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז אַזאַ סכנה איז נישט פאַרהאַן. דער עולם איז געווען אַזוי צופרידן פון מאָגולעסקאָס שפּילן, אַז מען האָט באַלד פאַרגעסן אָן גראַדנערן און דער באַזוך איז נישט פאַרקלענערט געוואָרן.

א זייער אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק ווי באַליבט און פּאָפּולער מאָגולעסקאָ איז געווען אין רומעניע, גיט דער עלטערער יידישער שוישפּילער לעאָן בלאַנק. ער דערציילט: „איך געדענק נאָך ווי מיין טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען קיינמאָל אין זייער לעבן אין קיין טעאַטער נישט געגאַנגען, פלעגן דערציילן חדושים וועגן דעם „אַפּיטיאָר״ מאָגולעסקאָ, כאָטש זיי האָבן אים קיינמאָל נישט געזען שפּילן. איך געדענק אויך ווי יעדן שבת, ווען מיין טאַטע פלעגט נעמען אַ משורר אַלס אורח צום טיש, פלעגט ער אים בעטן, אַז ער זאָל נאָכמאַכן מאָגולעסקאָן ווי אַזוי ער זינגט אַ געוויס לידל. גראָד האָט איינער פון די משוררים, וועלוול האָט ער געהייסן, גאַנץ נישטקשהדיק נאָכגעמאַכט מאָגולעסקאָן. מיין טאַטע־מאַמע האָבן גאָר אָנגעקוואָלן פון דעם און וועלוול איז געוואָרן אַ גאַנצער יחסן. דער נאָמען מאָגו־

לעסקאָ איז אין יענער צייט געווען איינגעהילט אין לעגענדעס ביי טויזנטער יידן, וועלכע האָבן אים גאָר קיינמאָל נישט געזען. מען האָט וועגן אים דערציילט טויזנט און איין מעשות און עס איז אַ פאַקט, אַז ווען איינער פלעגט אַמאָל ערגעץ דערציילן אַ גוטן וויץ, וואָס האָט אַלעמען געמאַכט לאַכן, האָט מען באַלד געזאָגט: „ער, מאַגולעסקאָ, מאַגולעסקאָ, אַ לעבן אויף אים". מען האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאַר־שטעלן, אַז אַ גוטער וויץ זאָל נישט שטאַמען פון מאַגולעסקאָן. האָט מען זיך צעהוליעט אויף אַ חתונה, האָט מען געפּרובט טאַנצן „אַ חסידל" אָדער גאָר אַ „קאַזאַטשאָק", איז עס געווען „פּונקט ווי מאַ־גולעסקאָ", אַז מען איז געוואָרן פריילעך אויף אַ ברית, האָט מען גע־פּרובט זינגען אַ לידל „פּונקט אַזוי ווי מאַגולעסקאָ". זיין נאָמען האָט מען געהאַלטן אין מויל אויף אַלע שמחות".

אַקטיאָרן זענען אָבער אַ מאָדנע פאָלק. אַט האָט זיך, דאַכט זיך, גראַדנער צעקריגט מיט גאָלדפאַדענען און אַרויסגעטראָטן פון זיין טרופּע צוליב מאַגולעסקאָן, און אַט ציט ער אַליין אַריין אין זיין טרו־פּע מאַגולעסקאָן. גאָלדפאַדען האָט דערווייל צובאַקומען אַנדערע אַק־טיאָרן און ווען גראַדנער האָט געוואָלט פאַרשטאַרקן זיין טרופּע, האָט ער געשריבן צו מאַגולעסקאָן, זיך פאַר אים אַנטשולדיקט און אַנגאַ־זשירט צו זיך. באַלד אָבער זענען אויסגעבראָכן סכסוכים צווישן גראַדנערן און זיין טרופּע און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט פאַר־לאָזט די טרופּע און מאַגולעסקאָ האָט זיך געשטעלט אין איר שפּיץ. אויף אַזאַ אופן איז אויסגעקומען, אַז אין דער שפּיץ פון איין יידישער טרופּע איז געשטאַנען דער גרינדער פון יידישן טעאַטער — אברהם גאָלדפאַדען און אין דער שפּיץ פון דער צווייטער יידישער טרופּע איז געשטאַנען דער געוועזענער משורר, זעליג מאַגולעסקאָ. די צרה איז אָבער געווען מיטן רעפּערטואַר. מאַגולעסקאָ האָט נישט געהאַט וואָס צו שפּילן, וואָרום געשפּילט האָט ער דאָך די פּיעסעס, וועלכע ער האָט פריער געשפּילט ביי גאָלדפאַדענען, און גאָלדפאַדען אַליין האָט אויך נישט געהאַט קיין גרויסן רעפּערטואַר. דאָ האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע יאָזעף לאַטיינער, אַ משכיל פון יאַסי, וועלכער האָט אָנגע־הויבן אַלס סופלער און פלעגט גלייכצייטיק שרייבן פּיעסעס, הויפּט־זעכלעך באַאַרבעטונגען פון דייטש, אין וואָס ער איז געווען „אַ

בקי". מאָגולעסקאָ פירט אויף לאַטיינערם אַ קאָמעדיע „יענטע פּיפּער־נאַטער" און שפּילט טאַקע די טיטל־ראָל און פאַרגרעסערט נאָך מער די צאָל פון זיינע אָנהענגער.

יענע צייט איז בכלל געווען דער גלענצענדסטער מאַטעריעלער פּעריאָד פון יידישן טעאַטער, ווייל ס'איז דאַמאָלט פאָרגעקומען די מלחמה צווישן רוסלאַנד און טערקיי, און רומעניע, וועלכע איז געווען אַ שכנטע פוןביידען, האָט, זייענדיק נייטראַל, באַדינט ביידע קעמ־פענדע צדדים. מען האָט געמאַכט גאָלדענע געשעפטן, מען האָט גע־אַרבעט אויף דער „גאַנצער פּאַרע". דער עולם האָט פאַרדינט געלט און מען האָט ממש געזוכט וואו דאָס געלט אויסצוברענגען. אָבער די מלחמה האָט לאַנג נישט געדויערט און פּונקט אַזוי ווי ס'איז פריער געווען פריילעך ביי אַלעמען אויפן געמיט, איז איצט געוואָרן שרעק־לעך טרויעריק. דער עולם, וואָס איז געווען צוגעוואוינט צו „לייכטע פאַרדינסטלעך", האָט ווידער געמוזט אָנהייבן אַרבעטן און לעבן נאָר־מאַל, און ס'איז געוואָרן שווער צו פאַרדינען אַפילו אויף פּרנסה. און, ווי געוויינלעך, האָט זיך די ניי־געשאַפענע לאַגע קודם כל אויסגעדריקט אין שוואַכן באַזוך אין טעאַטער. עס האָט אָנגעהויבן צו פּוסטעווען אין יידישן טעאַטער.

אָט אין יענעם מאָמענט (1879) האָט זיך גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע אַריבערגעטראָגן קיין רוסלאַנד און מאָגולעסקאָ מיט זיין טרו־פּע איז פאַרבליבן אין רומעניע.

.5

גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע אין רוסלאַנד האָט געמאַכט אויסער־געוויינלעך גוטע געשעפטן. פאַר רוסלאַנד איז יידיש טעאַטער געווען כמעט אַ נייע זאַך. אַ גאַנץ קורצע צייט פאַר גאָלדפאַדענען האָט אָנ־געהויבן שפּילן אין אָדעס אַ יידישע טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון יעקב ספּיוואַקאָווסקי און ישראל ראָזענבערג. אָבער ביז דאַן האָט מען אַ יידיש לידל, אַ יידיש טענצל אָדער אַזוי אַ יידיש לעבעדיק וואָרט געהערט און געזען נאָר אין וויינקעלערס. דאָרט פלעגן אויפטרעטן יידישע זינגער, וועלכע האָבן זיך אָהין טיילוויז אַריבערגעפּעקלט פון גאַליציע. די אַזוי גערופענע „בראָדער־זינגער", און טיילוויז טאַקע אָרטיקע זינגער אַליין. דעריבער איז אַ יידישע פּיעסע, געשפּילט אויף

א בינע מיט אמתע אַקטיאָרן און טאַקע אויך אַקטעריסעס, מיט כאָר, דעקאָראַציעס און די איבעריקע „גוטע זאַכן", געווען ניי, און אַזוי ווי אָדעס, וואו גאָלדפאַדען האָט אָנגעהויבן שפּילן, איז געווען אַ שטאָט מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג, און קיין אָדעס פלעגן אויך טאָג-טעגלעך קומען אַ סך יידן פון דער אַרומיקער פּראָווינץ, דעריבער האָט קיין עולם די ערשטע צייט אין טעאַטער נישט געפעלט. אָנגע - הויבן שפּילן האָט גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע אין אַ קליינעם פּלאַץ (האַנטווערקער-קלוב), באַלד אָבער איז ער אַריבער אין אַ גרויסן טעאַ־ טער, מאַרינסקי, וואָס זיין איינגנטימער איז געווען אַ גריך מיטן נאָמען אָמער. גאָלדפאַדען פלעגט צאָלן אָמערן פאַרן טעאַטער, און ווען דער גריך האָט געזען וואָס פאַרע גוטע געשעפטן גאָלדפאַדען מאַכט, האָט ער גענומען חרטה האָבן און פאַרלאַנגט צו ווערן אַ שותף אין דער דירעקציע. גאָלדפאַדען האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. אָמער איז גע־ וואָרן זייער בייז אויף גאָלדפאַדענען און האָט באַשלאָסן אים אָנצו־ לערנען „דרך-ארץ". אָבער גלאַט אַרויסוואַרפן גאָלדפאַדענען מיט זיין טרופּע, האָט ער פאָרט נישט געקאָנט, ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז גאָלדפאַדען איז נישט בלויז דער גרינדער פון יידישן טעאַטער, נאָר מען האָט אויך געגלויבט, אַז גאָלדפאַדענס טרופּע וואָס איז אייגענט־ לעך באַשטאַנען פון צוויי טרופּעס (איינע געפירט דורך זיין ברודער) איז די איינציקע יידישע טרופּע אין דער וועלט. טאָ צו וואָס טויג זיך קריגן מיט גאָלדפאַדענען, אויב מען קאָן נישט אַריינגעמען אַן אַנדע־ רע יידישע טרופּע אויף זיין אָרט?

אָבער דאָ איז אונטערגעקומען אַן אינטריגע, וואָס האָט געענדערט די גאַנצע סיטואַציע. אין גאָלדפאַדענס טרופּע איז געווען דער אויבנ־ דערמאָנטער אַקטיאָר יעקב ספּיוואַקאָווסקי, וועלכער האָט פריער גע־ שפּילט ביי גאָלדפאַדענען אין רומעניע, און דערנאָך אָפּגעפאָרן קיין אָדעס, וואו ער איז פאַרלאָפן דעם וועג גאָלדפאַדענען און געעפנט אַ יידיש טעאַטער, אָבער אַזוי ווי גאָלדפאַדען איז באַלד נאָך אים געקו־ מען מיט זיין טרופּע קיין אָדעס און אַזוי ווי געשפּילט האָט ספּיוואַ - קאָווסקים טרופּע נאָר גאָלדפאַדענס פּיעסעס און אין רוסלאַנד האָט גע־ הערשט דאָס געזעץ פאַר אויטאָרן-שוץ, איז דעריבער געווען די געפאַר, אַז גאָלדפאַדען זאָל זיי פאַרווערן צו שפּילן זיינע פּיעסעס. אוי־

סער דעם איז גאָלדפאַדענס טרופּע באַשטאַנען פון בעסערע אַקטיאָ־רישע כוחות, און דערצו איז דער נאָמען גאָלדפאַדען אַליין אויך גע־ווען זייער פּאָפּולער — האָבן די אַלע סיבות געבראַכט דערצו, אַז ספּי־וואַקאָווסקיס טרופּע זאָל אָפּטרעטן די שטאָט אָדעס צו גאָלדפאַדענס טרופּע. ספּיוואַקאָווסקי אַליין איז שפּעטער אַריין צו גאָלדפאַדענען אין טרופּע. אַזוי ווי ער איז געווען אַן אינטעליגענט, אַ גוטער אַק־טיאָר, און דער ערשטער, וואָס געגרינדעט דאָס יידישע טעאַטער אין אָדעס, האָט ער דערוואַרט אַ ספּעציעלע באַציאונג פון גאָלדפאַדענען צו אים. גאָלדפאַדען האָט אָבער געהאַט אַ ספּעציעלע טבע אונטער־צושטרייכן, אַז די וויכטיקסטע פיגור אין טעאַטער איז ער אַליין, און די אַקטיאָרן אַ נעבן־זאַך. ביי אַזאַ בליק אויף אַלע ביים טעאַטער, האָט גאָלדפאַדען אויך נישט געגנוג טאַקטפול זיך פאַרהאַלטן צו ספּיוואַקאָוו־סקין. דאָס האָט דעם לעצטן פאַרדראָסן און אין זיין כעס האָט ער באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אָן גאָלדפאַדענען. ער האָט געוואוסט וועגן דעם כעס, וואָס עס טראָגט אויף גאָלדפאַדענען דער בעל־הבית פון מאַרינסקי טעאַטער, דער גריך אָמער, און ער איז אַוועק צו אים און אים געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט, און טאַקע נישט הינטער די הרי חושך, נאָר אין נאָענטן רומעניע, נאָך אַ יידישע טרופּע מיט אַ גרויסן אַקטיאָר מאָגולעסקאָ אין דער שפּיץ מיט אַ נייעם רעפּער־טואַר (וואָרום גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר איז שוין אויך געווען אויס־געשפּילט אין אָדעס), און ער, ספּיוואַקאָווסקי, נעמט זיך אונטער צו ברענגען יענע טרופּע קיין אָדעס.

אָמער האָט זיך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט אָן ספּיוואַקאָווסקיס פאָרשלאַג, ווייל דאָ האָט ער ענדלעך דערזען די געלעגנהייט נקמה צו נעמען אָן גאָלדפאַדענען און ער האָט באַפולמעכטיקט ספּיוואַקאָוו־סקין צו פאָרן קיין רומעניע און ברענגען פון דאָרט מאָגולעסקאָן מיט זיין טרופּע.

אַז ספּיוואַקאָווסקי איז געקומען אין רומעניע, האָט ער דאָרט געטראָפן שפּילן מאָגולעסקאָן אין דער שטאָט באַטושאַן. אַזוי ווי קיין גוטע געשעפטן האָבן זיי נישט געמאַכט, איז מאָגולעסקאָ באַלד צו־געפאַלן צו ספּיוואַקאָווסקיס פאָרשלאַג. די הויפּט־מאַכער אין מאָגו־לעסקאָס טרופּע זענען געווען: מאָגולעסקאָ, לאַטיינער און ליבערעסקאָ.

און גראַד האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז אַלע דריי זאָלן האָבן חשבונות מיט גאָלדפאַדענען.

איצט האָבן אַלע דריי, צוזאַמען מיט ספּיוואַקאָווסקין, וועלכער האָט אויך „געהאַט אַ האַרץ״ אויף גאָלדפאַדענען, זיך פאַראייניקט און זענען אָפּגעפאָרן קיין אָדעס פירן אַ קאָנקורענץ מיט גאָלדפאַדענען.

ליבערסקאָ אין זיינע זכרונות וויל אפילו האָבן, אַז ווען זיי זענען געקומען אין אָדעס, האָבן זיי געטראָפן דאָס טעאַטער פריי, ווייל גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע זענען דורך דער צייט אַוועקגעפאָרן שפּילן אין ניקאָלאַיעוו. ב. גאָרין דערציילט אָבער אין נאָמען פון אַקטיאָרן, עדי־ראיה, אַז די אויבנדערמאָנטע זענען בשתיקה געקומען קיין אָדעס און האָבן זיך פאַרבונדן מיטן גריך אָמער. מאָגולעסקאָ האָט געגעבן דעם גריך זיין רעפּערטואַר און ווען די פּיעסן זענען צוריקגעקומען פון פּעטערבורג צענזורירטע (ערלויבט צום שפּילן), האָט אָמער אָן שום צערעמאָניעס אַרויסגעוואָרפן גאָלדפאַדענען פון טעאַטער.

מאָגולעסקאָס טרופּע איז באַשטאַנען פון פאָלגענדע קרעפטן: מאָ־גולעסקאָ און זיין פרוי, זיין שוועגערין פּאַאולינאַ עדעלשטיין, אבא און קלאַראַ שיינגאָלד, משה זילבערמאַן און פרוי, שכר גאָלדשטיין און זיין פרוי סאָפיע (שפּעטער — קאַרפּ), מ. טייך און דאָס קינד סאָבי־נאַ לאַקסער (שפּעטער די פרוי פון קאָמפּאָזיטאָר רומשינסקי), לאַ־טיינער איז געווען מחבר און סופלער פון דער טרופּע, יוסף עדעל־שטיין — דער שפּעטערדיקער גרעסטער יידישער טעאַטער־דירעקטאָר אין אַמעריקאַ — איז געווען קאַסירער, און דער פאַרוואַלטער פון דער טרופּע איז געווען י. י. לערנער, וועלכער איז דערנאָך אַליין געווען די־רעקטאָר פון יידישע טרופּעס און האָט אָנגעשריבן אַ סך פּיעסעס, צווישן זיי די איבערזעצונגען פון „אוריאַל אַקאָסטאַ״ און „זשידאָוו־קאַ״.

עס איז נישט פעסטגעשטעלט, מיט וועלכער פּיעסע די נייע טרו־פּע האָט אָנגעהויבן אירע פאָרשטעלונגען אין אָדעס. לויט ב. גאָרינען איז דאָס געווען יאָזעף לאַטיינערס קאָמעדיע „יענטע פּיפּערנאָטער״ און די פּיעסע איז שרעקלעך דורכגעפאַלן. דער גריך אָמער האָט זיך שוין אָנגעהויבן שרעקן, אַז ער האָט געטאָן אַ שלעכטן שידוך, וואָס

ער האָט געבראַכט מאָגולעסקאָס טרופּע, אָבער מיט דער צווייטער פּיעסע, אויך לאַטיינערס, די אויבנדערמאָנטע „צוויי שמואל־שמעל־קעס", האָט מאָגולעסקאָס טרופּע באַלד פאַרבעסערט איר מערכה און באַקומען אַ גוטן נאָמען.

איינער פון די יידישע זשורנאַליסטן אין אַמעריקע, ב. וויינשטיין, וועלכער האָט אין יענער צייט געלעבט אין אָדעס און פלעגט כסדר באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער, גיט איבער, אַז מאָגולעסקאָס טרופּע האָט גאָר אָנגעהויבן מיט לאַטיינערס קאָמעדיע „דער דיבוק, אָדער, די באָבע חוה". אין דער קאָמעדיע, וועלכע האָט שוין דאַמאָלט חוזק געמאַכט פון דער אומנה אין דבוקים, האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט 2 ראָלן: „די באָבע חוה", וועלכע גלויבט אין דבוק, און צום סוף פון דער קאָמעדיע — דעם „ליץ", וועלכער ווייזט אויף, אַז דאָס האָט ער זיך געהאַט פאַרשטעלט פאַרן דבוק און אַלעמען די גאַנצע צייט גע־פירט פאַר דער נאָז. דערנאָך האָט מען געשפּילט אַנדערע פּיעסעס פון לאַטיינער און הורוויץ. אָבער צו יענער צייט (און אויך אַ סך שפּע־טער אַפילו) איז געווען איינגעפירט דער מנהג פון „דיווערטיסמענטן". אַ פּיעסע האָט געמעגט אַפילו האַלטן לאַנגע 5 אַקטן, איז דער עולם נאָך דער פאַרשטעלונג נאָך געבליבן זיצן אין טעאַטער און גע־וואַרט אויף דעם „קאָמפּאָט", ווי זיי האָבן גערופן דעם דיווערטיס־מענט. און דעריבער איז אויך מאָגולעסקאָ, נאָך דער פּיעסע, אַרויס־געטראָטן מיט קופּלעטן, אין וועלכע ער האָט זייער אויסגענומען ביים עולם. ערשט דאָ אין פּראַק, האָט דער טעאַטער־עולם דערזען פאַר זיך אַ שיינעם מאַן, וואָס האָט נאָך דערצו פאַרמאָגט אַ וואונדערשיינע שטימע. דאָס פּובליקום האָט מאָגולעסקאָן אַזוי פיל מאָל אַרויסגערופן אויף בים ביז ער איז מיד געוואָרן.

די ערשטע צייט האָט מאָגולעסקאָס טרופּע נישט געטאָרט שפּילן גאָלדפאַדענס פּיעסעס, אָבער לערנער, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיט דער טרופּע און האָט געהאַט אַ צד אין פּעטערבורג, האָט זיך וועגן דעם באַמיט און די טרופּע מיט מאָגולעסקאָן אין דער שפּיץ האָט אָנ־געהויבן שפּילן גאָלדפאַדענס פּיעסעס און ערשט דאָ האָט מאָגולעסקאָ געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

באַזונדערס אָבער האָט זיך מאָגולעסקאָ אויסגעצייכנט אין

שמר'ס פיעסע „דער פראַצענטניק". דאָ האָט ער קאָפּירט אַן אָדעסער פּראַצענטניק, קאַפּקאַ, וועלכן די גאַנצע שטאָט האָט געקענט. און ווען מאָגולעסקאָ איז אַרויף אויף דער בינע און האָט אָנגעהויבן מיט זיין הילוך און שטימע נאָכמאַכן דעם אָדעסער הויט־שינדער, איז דער טעאַטער־עולם ממש אַריינגעפאַלן אין באַגייסטערונג. אַ גרויסן דער־פאָלג האָט מאָגולעסקאָ אויך געהאַט אין דר. שלמה עטינגערס „סער־קעלע" (געשפּילט דעם שטאַמלער „ירחמיאל") און אין משה לייב לי־ליענבלומס פּיעסע „דער ביגאַמיסט".

מאָגולעסקאָ האָט גענומען דעם יידישן עולם פון אָדעס מיט שטורם. אין טעאַטער פלעגט ביי יעדער פאָרשטעלונג הערשן אַ פייערלעכע שטימונג. די פּרעסע איז געווען פון אים אַנטציקט. אין יע־נער צייט האָט אין אָדעס גאַסטראָלירט דער וועלט־באַרימטער פראַנ־צויזישער קאָמיקער קאָקלען, און די רוסישע פּרעסע האָט פאַרגליכן מאָגולעסקאָן צו קאָקלענען. איין רעדאַקטאָר פון אַן אַנטיסעמיטישער צייטונג, אַזמידאָ, האָט עפנטלעך אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס אַזאַ גרויסער אַקטיאָר ווי מאָגולעסקאָ איז אַ „זשיד", און איינמאָל, נאָכן שפּילן, האָבן רוסישע סטודענטן אַרומגערינגלט דעם וואָגן, אין וועלכן מאָגולעסקאָ איז אַהיימגעפאָרן, האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד און זיך אַליין איינגעשפּאַנט אים צו פירן.

אָבער באַלד איז געקומען אַן אומגליק אויפן יידישן טעאַטער. דער רוסישער קייזער אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דערהרגעט גע־וואָרן. די צאַרישע מאַכט האָט זיך אָנגעהויבן באַציען מיט אומצוטרוי צו יעדער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג. אומעטום האָט מען געזען רק „קראַ־מאָלע" און רעוואָלוציע, און צווישן די קרבנות איז אויך געווען דאָס יידישע טעאַטער. עפּעס האָט עס געשפּילט אויף אַ שפּראַך, וואָס דער פּאָליציי איז געווען שווער צו קאָנטראָלירן, און קיין גרויסע ליבע צו יידן איז דאָך פריער אויך נישט געווען — דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואָס עס איז אַרויס אַ־באַפעל, אַז מען טאָר נישט שפּילן קיין יידיש טעאַטער. אָבער דער פאַרבאָט איז לאַנג נישט געווען גילטיק. מען האָט באַלד ווידער אָנגעהויבן שפּילן, נאָר נאָך דער הפסקה האָט מאָגולעסקאָ, וועמענס נאָמען עס איז שוין דערווייל געוואָרן פּאָפּולער איבער רוסלאַנד, זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיין טרופּע איבער דער פּראָ־

ווינץ. ווי עס פירט זיך, האָבן זיך אָנגעהויבן סכסוכים אין דער טרו־פּע, מאָגולעסקאָ האָט אָנגעהויבן שפּילן אין אַנדערע טרופּעס, וועלכע האָבן זיך דורך דער צייט פאַרמירט, ביז ער איז ווידער אַריין צו גאָלד־פאַדענען און איז אויפגעטראָטן אַלס „פּאַפּוס" אין גאָלדפאַדענס פּיע־סע „בר־כוכבא", צו וועלכער ער איז געווען אַ שטיקל מחותן, ווייל ער האָט פאַר איר געשריבן די מוזיק צו די באַקאַנטע נומערן „אַ פּאַס־טוכל" און „געקומען איז די צייט".

עס איז נישט קלאָר די סיבה, אָבער מאַנכע ווילן דורכאויס, אַז לערנער, וועלכער איז געווען אַ משומד, זאָל זיך האָבן געפונען באַ־עוולט פון גאָלדפאַדענען, און ער האָט געמסרט קיין פּעטערבורג, אַז אין „בר כוכבא"געפינען זיך פיל רעוואָלוציאָנערע שטעלן. ער האָט גע־געבן אָנצוהערן, אַז אַזעלכע בונטאַרישע רייד, ווי בר כוכבא באַנוצט קעגן דער רוימישער מאַכט, קאָנען דורך די אומבאַוואוסטזיניקע מאַסן אויסגעטייטשט ווערן נישט ווי רייד פון אויפשטענדיקע קעגן די אַמאָ־ליקע הערשער — די רוימער, נאָר בכלל ווי רעוואָלוציאָנערע רייד קעגן דער מאַכט. דאָס פאָלק וועט זיך דורכן יידישן טעאַטער אָנשטעקן מיט רעוואָלוציע...

די צאַרישע מאַכט האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און דעם 17־טן אויגוסט 1883 איז אַרויס אַ שאַרפער באַפעל, וואָס פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער איבער דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע. דאָס מאָל איז דער באַפעל געווען זייער אַ שטרענגער. מען האָט מער נישט גע־קאָנט, ווי ביים ערשטן פאַרבאָט, שפּילן פאַר כאַבאַר (שוחד) און די יידישע אַקטיאָרן האָבן געמוזט אָנהויבן אויסוואַנדערן פון רוסלאַנד.

6.

מאָגולעסקאָ איז צוריקגעפאָרן קיין רומעניע, אָבער אַליין אָנגע־פירט מיט אַ טרופּע האָט ער נישט. דער דירעקטאָר פון דער טרופּע איז געווען מאָריס פינקל, איינער פון די ערשטע גאָלדפאַדען־אַקטיאָרן, אַ געוועזענער בראָדערזינגער, וועלכער איז דערנאָך געווען איינער פון די ערשטע טעאַטער־דירעקטאָרן אין אַמעריקע. פינקל האָט זיין לעבן געענדיקט דורך זעלבסטמאָרד צוליב אַ פאַמיליע־טראַגעדיע. זיין פרוי עמאַ, אַ שוועסטער פון באָריס טאָמאַשעווסקי, האָט זיך פאַר־ליבט אין דעם אַקטיאָר דוד לעווענסאָן. דער מאַן האָט זי אָנגעהויבן

חושד זיין. איינמאָל, ווען ער האָט זי געטראָפן צוזאַמען מיט איר ליב־האָבער, האָט ער אויף ביידן געשאָסן. דער ליבהאָבער איז דורך א נס ניצול געוואָרן. עמאַ, וועלכע איז געווען א בילד־שיינע פרוי און אַן אויסגעצייכנטע אַקטריסע, איז פאַרבליבן א קריפּל און האָט מער אויף דער בינע נישט געקאָנט אויפטרעטן, ביז זי איז געשטאָרבן. איר זון איז א געלערנטער: ער איז פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין א ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט, און איז דער מאַן פון דער באַקאַנטער שוי־שפּילערין בערטאַ גערסטין.

אָבער, ווי דער שטייגער איז, האָט מאָגולעסקאָ, לאַנג נישט געלעבט בשלום מיט פינקלען, און ער איז אינגיכן אַרויסגעטראָטן פון זיין טרופּע און האָט געגרינדעט אין בוקאַרעסט א קוואַרטעט, אין וועלכן ס'האָבן זיך א חוץ אים אויך באַטייליקט די אַקטיאָרן לייזער און מינדעל צוקערמאַן און דער שפּעטערדיקער קאָמפּאָזיטאָר און די־ריגענט דוד הירש. דער קוואַרטעט האָט זיך נישט געשטיצט בלויז אויפן יידישן עולם. זיין רעפּערטואַר איז געווען א געמישטער. ער איז באַשטאַנען פון רומעניש, רוסישע און יידישע נומערן. קיין געלט פאַראויס פאַר בילעטן האָט מען נישט געצאָלט, נאָר נאָכדעם ווי די אַקטיאָרן האָבן פאַרענדיקט א געוויסן טייל פון זייער פּראָגראַם, פלעגט מאָגולעסקאָ אָדער אַן אַנדערער פון דער גרופּע אַרומגיין מיט א טעלער קלויבן דעם „האָנאָראַר" צווישן די באַזוכער.

ווען מען האָט אַמאָל מאָגולעסקאָן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס אַזאַ האַלטונג רופט אַרויס, זאָל מאָגו־לעסקאָ האָבן געענטפערט: „איר מיינט, אַז איך בין טאַקע אַזוי פאַר־קאָכט צו מאַכן געלט? גלויבט מיר, אַז ניין. פאַר הונגער האָב איך נישט קיין מורא. איך בין דערצו געוואוינט נאָך פון קינדוויַיז אָן. איך וויל אָבער נישט, אַז צווישן אונז זאָל מעגלעך זיין אַזאַ זאַך, אַז איי־נער זאָל האָבן וואָס צו עסן און דער אַנדערער נישט... אַלע זאָלן הונ־גערן — דאָס יאָ, אָבער איינער זאָל זיין זאַט און די אַנדערע זאָלן הונגערן — דאָס נישט!"

דערמיט האָט מאָגולעסקאָ געמיינט פינקלען, וועלכער האָט דאַ־מאָלט שטאַרק עקספּלאָאַטירט זיין טרופּע. דערווייל האָט זיך מאָגולעס־קאָ צוריק איבערגעבעטן מיט פינקלען, וואָרום דער טעאַטער־עולם

האָט זיך דערוואוסט, אַז מאַגולעסקאַ איז אַרויסגעטראָטן פון זיין טרופּע און דער באַזוך אין טעאַטער איז געוואָרן קלענער. פינקל האָט באַין ברירה זיך געמוזט איבערבעטן מיט מאַגולעסקאָן און אים נאָכגעבן זיינע באַדינגונגען, און פינקל האָט קיין חרטה נישט גע־האַט, ווייל באַלד נאָכדעם ווי מאַגולעסקאַ איז צוריק אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע, האָבן די געשעפטן זיך תיכף פאַרבעסערט. קורץ דערנאָך איז די טרופּע אַריבערגעפאָרן קיין יאַסי, אָבער מאַגולעסקאַ האָט פּלוצלונג געוואָרפן אַן אומחן אויף רומעניע. אין די אַלע שטעט, וואו מען האָט געקאַנט שפּילן יידיש טעאַטער, האָט ער שוין געשפּילט צענדליקער מאָל. ער האָט שוין געקענט דעם עולם און ער האָט גע־בענקט נאָך אַ נייעם עולם. דאָס האָט דער קינסטלער אין אים געוואָלט וויסן, צי ער איז באמת אַ טאַלאַנט, וואָס וועט אומעטום אנערקענט ווערן, אָדער האָט ער בלויז נושא־חן געווען ביי די רומע־נישע און רוסישע יידן. פון דעם מאָמענט, ווען אָט דער געדאַנק האָט זיך גענומען פּיקן אין זיין מוח, האָט דער רומענישער טעאַטער־עולם פאַרלוירן פאַר אים יעדן אינטערעס און ער האָט נאָר געטראַכט וועגן באַווייזן זיך אויף דער בינע פאַר אַ פּובליקום פון אַן אַנדער לאַנד, פון אַ לאַנד, וואו ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפּילט...

זיין אויג איז געפאַלן אויף גאַליציע. דאָ האָט ער דערוואַרט אָדער צו ווערבירן נייע אָנהענגער אָדער איבערצולעבן אַן אַנטוישונג און נישט אַנערקענט צו ווערן.

האָט מאַגולעסקאַ אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן פּלענער ווי אַזוי צו פאָרן קיין גאַליציע, אָבער פּראַקטיש איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. אַנשטאָט קיין גאַליציע איז מאַגולעסקאַ גאָר אַוועקגעפאָרן מיט פינק־לען קיין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן האָט שוין געשפּילט אַ פריערדיקע טרופּע מיט יעקב פּ. אַדלער אין דער שפּיץ. אַדלערס נאָמען איז דערגאַנגען קיין אַמע־ריקע, וואו דער פּראָפעסיאָנעלער יידישער טעאַטער האָט זיך נאָר וואָס געהאַלטן ביים גרינדן. אַרום אַדלערן האָבן זיך שוין געוועבט לע־גענדעס. מען האָט פיל דערציילט וועגן זיין פּרעכטיקער אויסערלעב־קייט, וועגן זיין מאַגנעטישער קראַפט אויף דער בינע און וועגן זיין גרויסן שוישפּילערישן טאַלאַנט. דער נאָמען „הנשר הגדול", ווי

מ'האָט אים גערופן, איז געווען אויף די צינגער פון די אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געבענקט נאָך אַ יידיש טעאַטער מיט אמתע אַקטיאָרן. דעריבער איז אַ געוויסער טעאַטער־אונטערנעמער, מאַנדעלקערן, געקומען קיין לאָנדאָן ספּעציעל פון אַמעריקע צו אַנגאַזשירן אַהין אַקטיאָרן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט דורכקומען וועגן די באַדינגונגען, און עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל צוריקפאָרן מיט ליידיקן. אין דעם מאָמענט זענען אָבער אָנגעקומען קיין לאָנדאָן מאָגולעסקאָ מיט פינקלען, און מאַנדעלקערן האָט זיי פאַרגעלייגט צו פאָרן מיט אים קיין אַמעריקע. דאָרט וועלן זיי שוין צוזאַמען אויסזוכן אַזעלכע אונטערנעמער, וועלכע וועלן זיי געבן געלט צו ברענגען זייער גאַנצער טרופּע פון רומעניע קיין אַמעריקע.

מאָגולעסקאָ מיט פינקלען האָבן זיך גערן אָנגעכאַפּט אָן דעם פּלאַן, ווייל דאַמאָלט איז אַמעריקע געשטאַנען זייער אין גרויסן. געוויינלעך פלעגט מען דאַמאָלט אַמעריקע רופן נישט אַנדערש ווי די „גאָלדענע מדינה", און מ'פלעגט זיך אין אייראָפּע אָנדערציילן אומגעהויערע גוזמאות וועגן די גאָלדענע גליקן אין דעם נייעם לאַנד. דערצו האָבן זיי געזען, אַז קיין גרויסע גליקן מאַכט נישט אַדלער מיט זיין טרופּע אין לאָנדאָן, ווארום זיי האָבן אין קיין ריכטיקן טעאַטער־בנין נישט געשפּילט, נאָר אין עפּעס אַ זאַל, וואָס האָט געהאַט פון פאָרנט אַ יאַטקע, און דער קצב, אַ פּלאָצקער ייד מיטן נאָמען סמידט, איז עס געווען דער דירעקטאָר. און אַזוי זענען מאָגולעסקאָ, פינקל און מאַנדעלקערן אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו זיי זיינען אָנגעקומען אין יולי 1886. דער נאָמען מאָגולעסקאָ איז אויך שוין אין אַמעריקע געווען זייער פּאָפּולער, און אַז ס'זענען אַריבער נאָך אייניקע טעג, האָבן זיי טאַקע אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט אַ דירעקטאָר וועגן ברענגען זייער גאַנצע טרופּע פון רומעניע צו שפּילן אין אַמעריקע. דער דירעקטאָר איז געווען אַ שיקאַגער און ער האָט אין ניו־יאָרק נישט געהאַט קיין טעאַטער, נאָר ער האָט געהאָפט צו קריגן.

דער קאָנטראַקט האָט געזאָגט, אַז מאָגולעסקאָ פאָרט באַלד צוריק קיין רומעניע ברענגען פון דאָרט די טרופּע. אַביסל געלט האָט מען אים מיטגעגעבן, און דאָס איבריקע האָט ער זיך געדאַרפט אַליין שאַפן דורך געבן אָפּשיד־פאָרשטעלונגען אויפן וועג. דער חשבון איז געווען,

אַז ווען די טרופּע וועט אַנאָנסירן, אַז זי פאָרט קיין אַמעריקע און זי גיט די לעצטע פאָרשטעלונגען אין איראָפּע, וועט די הכנסה זיין אַ גרויסע, ווייל דער עולם וועט זיך ווע‌לן געזעגענען מיט זיינע אַקטיאָרן און אָט מיט דעם געלט וועט מען זיך דערשלעפּן קיין אַמעריקע.

און אַזוי איז טאַקע געווען. די אַקטיאָרן, וועלכע זענען פּשוט גליקלעך געווען פון דעם געדאַנק, אַז זיי פאָרן אין דער „גאָלדענער מדינה", האָבן געגעבן אייניקע פאָרשטעלונגען אויפן וועג פון רומעניע קיין מערב־איראָפּע און סוף אויגוסט 1886 איז די גאַנצע טרופּע געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע.

און דאָ האָט מאָגולעסקאָ באַלד איבערגעלעבט צוויי אַנטוישונגען. אין די יונגע יאָרן האָט זיך מאָגולעסקאָ באַצויגן מיט צוטרוי צו מענטשן און אַזוי ווי ער איז געווען אין געשעפטס־ענינים זייער ווייניק באַהאַוונט איז ער אַזוי אַריינגעפאַלן ביים ערשטן געשעפט, וואָס ער האָט געשלאָסן אין אַמעריקע, אַז ער האָט זיך שפּעטער קוים אַרויסגעדרייט...

מאָגולעסקאָ איז געווען אין ניו־יאָרק בלויז 3 טעג און נאָכדעם האָט ער געשלאָסן דעם קאָנטראַקט מיט דראָזדאָוויטש און ראָזענגאַרטען, אַזוי ווי זיי האָבן קיין טעאַטער אין ניו־יאָרק נישט געהאַט און זיי האָבן זיך געוואָלט גאַראַנטירן, אַז די געבראַכטע טרופּע וועט שפּילן אויך אין אַן אַנדערער שטאָט, אויב זיי וועלן אין ניו־יאָרק בכלל נישט קריגן קיין טעאַטער, האָבן זיי אין קאָנטראַקט אַריינגעשטעלט אַ פּונקט, אַז די טרופּע איז פאַרפּליכטעט צו שפּילן אין אַ מ ע ר י ק ע. וואו אין אַמעריקע? — אין דער הויפּט־שטאָט ניויאָרק, צי אין דער צווייטער גרעסטער שטאָט שיקאַגאָ, צי גאָר אין אַ קליין פּראָווינץ־שטעטל — דאָס איז אין קאָנטראַקט נישט געשטאַנען. זיי האָבן אַרויסגעשיקט מאָגולעסקאָן קיין רומעניע נאָך דער טרופּע און אַליין האָבן זיי דערווייל געפירט פאַרהאַנדלונגען וועגן דינגען דאָס „נעשאָנעל־טעאַטער" אויף בויערי אין ניו־יאָרק.

זיי האָבן דאָס טעאַטער, וואָס האָט זיך געפונען אין דער יידישער געגנט פון ניו־יאָרק, נישט באַקומען, און ווען מאָגולעסקאָ איז געקומען צוזאַמען מיט דער גאַנצער טרופּע, האָבן זיי געכאַפּט אויף סוכות אַ טעאַטער אויף דער 58־טער סטריט אין ניו־יאָרק, אין אַ געגנט, וואו

יידן האָבן נישט געוואוינט. דאָרט האָט די טרופּע געגעבן 9 פאָרשטעלונגען. אין די 9 פאָרשטעלונגען האָט מען אויסגעפירט 3 פּיעסעס און יעדע פּיעסע האָט מען געשפּילט 3 מאָל.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די ידיעה וועגן קומען פון דער טרופּע האָט אויפגערודערט די יידישע טעאַטער־באַזוכער פון ניו־יאָרק און דער עולם האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט צו זען די נייע אַקטיאָרן אויף דער בינע, האָט אין טעאַטער געהערשט אַ שרעקלעך קאַלטע שטימונג, ווען מען האָט געשפּילט אָפּענבאַכס אָפּערעטעס „בלויבאַרד" און „פּעריקאָלאַ". דער עולם איז אַרויס פון טעאַטער אומצופרידן. די נישט־יידישע אָפּערעטעס זענען דעם עולם נישט געפעלן און די באַזוכער האָבן זיך געפילט אין טעאַטער ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אויף אַ פרעמדער חתונה. דערפאַר, ווען מען האָט אַלס דריטע פּיעסע אויפגעפירט שמר"ס קאָמעדיע „די קאָקעטע דאַמען", איז די שטימונג אין טעאַטער שוין געווען אַ געהויבענע, אַ יום־טובדיקע. די טעאַטער־באַזוכער האָבן זיך דערפילט ווי אין דעם היים און די צופרידנקייט פון פּובליקום איז געוואַקסן מיט יעדער פאָרשטעלונג. די שוישפּילער זענען באַלד געשטיגן אין די אויגן פון פּובליקום, און וואָס מער דאָס שטיק האָט אויסגענומען, אַלץ מער האָט דער עולם געלעקט די פינגער פון די אַקטיאָרן.

מאָגולעסקאָ אַליין איז מודה אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט נישט אויסגענומען אין אָפּענבאַכס אָפּערעטע „בלויבאַרד". ער גיט אויך אָן די סיבה. לויט זיין מיינונג איז דאָס דערפאַר, ווייל ער האָט געשפּילט עפּעס אַ גוישן מלוכה־מאַן, בעת דער טעאַטער־עולם האָט דערוואַרט אים צו זען אין אַן עכט יידישער ראָלע. באַזונדערס האָט ער שטאַרק אַנטוישט זיינע רוסישע און רומענישע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אים נאָך אין דער אַלטער היים געזען שפּילן די „חסידימלעך". דאָס איז אויך געווען די סיבה, פאַרוואָס ער איז דורכגעפאַלן אין דער צווייטער אָפּענבאַך־אָפּערעטע „פּעריקאָלאַ", אין וועלכער ער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ חזירים־סוחר. אָבער אין יידישן טעאַטער זענען דאַמאָלט אויך געקומען דייטשן אַלס באַזוכער, און פּונקט ווי מאָגולעסקאָ איז דורכגעפאַלן ביי די יידישע באַזוכער, ווייל די טיפּן, וועלכע ער האָט פאָרגעשטעלט טאַקע אויף אַ קינסטלערישן

אופן, האָבן זיי גאָרנישט אינטערעסירט — פונקט אַזוי גרויס איז גע־וועזן זיין דערפאָלג ביי די דייטשע באַזוכער, ווייל די טיפן זענען זיי געווען גוט באַקאַנט און היימיש.

אָבער מאָגולעסקאָ האָט זיך דאָך אויף זיי געקאָנט זייער קנאַפּ שטיצן. ער איז דאָך געקומען אין ניו־יאָרק שפּילן פאַר יידן, נישט פאַר דייטשן. און דעריבער איז ער געווען צופרידן, ווען ער האָט כאָטש אין דער דריטער פּיעסע, אין שמר״ס „קאָקעטע דאַמען״, שטאַרק אויסגענומען ביים יידישן טעאַטער־עולם.

לעאָן בלאַנק, דער שוישפּילער, וועלכער איז מיטגעקומען מיט יענער טרופּע, דערציילט, אַז מאָגולעסקאָס ערשטער אויפטריט האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּשוטן סקאַנדאַל. צו יענער צייט איז פאַרגעקו־מען אין אַמעריקע די גרויסע איינוואַנדערונג פון רוסישע און רומע־נישע יידן, און זיי איז דער נאָמען מאָגולעסקאָ געווען זייער באַקאַנט. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס אַלע האָבן זיך געפרייט, ווען זיי האָבן געהערט, אַז ער קומט ענדלעך קיין אַמעריקע און זיי האָבן זיך זייער געריכט אויף זיין ערשטן אַרויסטריט. און כאָטש די פאָרשטעלונגען זענען פאַרגעקומען אין אַ געגנט, וואָס איז פאַר יידן געווען אומבאַקאַנט, פונדעסטוועגן זענען אַלע בילעטן צו דער ער־שטער פאָרשטעלונג צעכאַפּט געוואָרן. אַלע האָבן מיט אומגעדולד גע־וואַרט צו זען מאָגולעסקאָן אין עפּעס אַ גרויסער ראָלע, אָבער דאָ איז מאָגולעסקאָ אויפגעטראָטן אין אַ קליינער ראָלע, אין וועלכער ער האָט נישט געהאַט צו טאַנצן און אפילו נישט געזאָגט קיין וויצן. דע־ריבער איז דער עולם געווען שרעקלעך אַנטוישט. נאָכן ערשטן אַקט איז אין טעאַטער געוואָרן אַ טומל. מענטשן האָבן געשריגן און געלאַ־רעמט, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט. מען האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן שרייען אַז ד אָ ס א י ז ג אָ ר נ י ש ט מ אָ ג ו ל ע ס ק אָ. דער אמתער מאָגולעסקאָ איז גאָרנישט געקומען, און דאָס האָט מען געגעבן אַ פאַלשן נאָמען אַן אַנדערן אַקטיאָר. אויך אין דרויסן פאַרן טעאַטער האָט זיך געטאָן חושך, און אַלע — אין איין געשריי: עס איז נישט מאָגולעסקאָ! נאָכן צווייטן אַקט האָט מאָגולעסקאָ אַליין גע־מוזט אַרויסגיין אויף דער בינע, כדי איינצושטילן דעם עולם. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז אין דער פּיעסע האָט ער נישט קיין גרויסע ראָ־

לע, דערפאַר וועט ער איבערמאַרגן אויפטרעטן אין „די קאַקעטע דאַ־מען", וואו ער האָט שוין יאָ אַ גרויסע ראָלע.

דער עולם האָט נישט געגלויבט וואָס ער זאָגט, און ווען מען האָט אויפגעפירט „די קאַקעטע דאַמען" — איז דאָס טעאַטער געווען כמעט ליידיק, און אַפילו די, וועלכע זענען יאָ געקומען, זענען גע־בליבן קאַלט, ווייל די פיעסע איז געווען אַן אַ כּאַר און מען האָט גע־רעדט פּשוט „יידיש", נישט קיין „דייטש", ווי אויף די ביז דאַמאָלטיקע יידישע פאָרשטעלונגען. דער נייער דורכפאַל האָט אויף מאָגולעסקאָן גאָר שטאַרק געווירקט און ווען מען האָט דערנאָך אויפגעפירט אָפּענ־באַכס „פעריקאָלאַ", האָט ער זיך איינגעעקשנט, אַז ער וועט נישט מיט־שפּילן. דער קליינער עולם, וואָס איז געקומען צו דער פּרעמיערע פון „פעריקאָלאַ" און האָט געזען, אַז מאָגולעסקאָ שפּילט נישט אינגאַנצן, האָט ערשט ווידער געמאַכט אַ טומל.

דער באַרימטער שוישפּילער דוד קעסלער, וועלכער האָט אויך גע־שפּילט אין יענער טרופּע, דערציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז דער טעאַטער פלעגט יאָ זיין גוט באַזוכט. אַלע פון דער טרופּע זענען געווען צופרידן אויסער מאָגולעסקאָן, וועלכער איז בטבע געווען אַ קאַפּריז־נער. אַזוי האָט ער בעת דער ערשטער אויפירונג פון „פעריקאָלאַ" זיך איינגעשפּאַרט אינגאַנצן ניט מיטצושפּילן, עס איז אַפילו געווען אַן אומ־וויכטיקע ראָלע, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן די ראָלע אין לעצטן אויגנבליק, ווען דאָס פּובליקום האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו־זאַמענצוקלייבן אין טעאַטער. דערקלערט זיין אָפּזאָג צו שפּילן האָט מאָגולעסקאָ דערמיט, וואָס ער איז קראַנק, אָבער די אַקטיאָרן האָבן געוואוסט, אַז דאָס טוט ער דערפאַר, ווייל ער איז אין כעס, ווייל די ראָלע איז צו קליין. אָבער זאָגן עס אָפן — האָט ער נישט געוואָלט. אומזיסט האָט מען זיך ביי אים געבעטן צו שפּילן און דערווייל אָפּ־געהאַלטן דעם אָנהויב. דער עולם אין טעאַטער האָט שוין גענומען פּאַטשן מיט די הענט, קלאַפּן מיט די פיס און שרייען, און באין ברירה האָט מען די ראָלע אין דער לעצטער רגע געגעבן אַ שוואַכן אַקטיאָר, וועלכער האָט זי זייער שלעכט געשפּילט. דער עולם האָט יענעם אָוונט זייער קאַלט אויפגענומען די אַקטיאָרן און גאַרנישט אַפּלאָדירט.

געזען, אַז קיין גרויסן דערפאָלג האָט די טרופּע ניט אין ניו־

יאָרק, האָבן די צוויי דירעקטאָרן פאַרלאַנגט, אַז מאָגולעסקאָ מיט דער טרופּע זאָלן זיך אַריבערטראָגן קיין שיקאַגאָ. מאָגולעסקאָ האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו פאָרן קיין שיקאַגאָ. דאַמאָלט האָבן די טעאַטער־דירעקטאָרן געוויזן מאָגולעסקאָן, אַז זיי האָבן די דעה, נישט ער, וואָרום אין קאָנטראַקט איז בפירוש געשטאַנען, אַז מאָגולעסקאָ ברענגט די טרופּע צו שפּילן אין א מ ע ר י ק ע, אָבער קיין ש ט אָ ט וואו צו שפּילן, איז אין קאָנטראַקט נישט דערמאָנט.

מאָגולעסקאָ איז געוועזן דערפאַר אַזוי איינגעעקשנט נישט צו שפּילן ערגעץ אַנדערש ווי נאָר אין ניו־יאָרק, ווייל פאַר דער קורצער צייט, וואָס די טרופּע האָט דאָ געשפּילט, האָבן מאָגולעסקאָ און די אַנדערע מיטגלידער זיך דערוואוסט, אַז דער בעסטער פּלאַץ צו שפּילן יידיש טעאַטער איז נ י ו ־ י אָ ר ק . דער גרעסטער טייל אימיגראַנטן אין אַמעריקע איז געבליבן אין ניו־יאָרק, און די יידישע באַפעלקע - רונג האָט זיך דאָ פאַרגרעסערט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט. דער עיקר איז אויך געווען דאָס, וואָס ניו־יאָרק האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ גרויסן כרך, בעת אַנדערע שטעט, ווי גרויס זיי זענען נישט געווען אין שטח און ווי שנעל די יידישע באַפעלקערונג זאָל דאָרט נישט האָבן געוואַקסן, זענען געווען פּראָווינץ־שטעט. די דירעקטאָרן האָבן דאַן די גאַנצע זאַך איבערגעגעבן דעם געריכט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין, אַז אָן דער דערלויבעניש פון די צוויי דירעקטאָרן טאָר די טרופּע אין ערגעץ נישט שפּילן. 3 חדשים האָט די טרופּע פאַרבראַכט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, ביז ס'האָט זיך אַריינגעמישט אַן אַדוואָקאַט ליוויי און ער האָט זיי באַפרייט פון דעם פאַרבאָט צו שפּילן. דאַמאָלט האָט ער מיט נאָך צוויי פּערזאָן געדונגען דאָס „נעשאָנעל־טעאַטער", עס אַ נאָמען געגעבן „רומעניען־אָפּערן־הויז", ווייל אין שכנות איז געווען אַ רומענישע באַנק, און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, אין וועלכן ז י ג מ ו נ ט מ אָ ג ו ל ע ס ק אָ ה אָ ט ג ע ש פּ י ל ט אַ באַדייטנדע ראָלע.

8.

די טרופּע, וואָס איז געבליבן שפּילן מיט מאָגולעסקאָן, האָט גענומען פילן אַ מאַנגל אין פּיעסעס. קיין סך טעאַטער־באַזוכער איז נאָך

דאַמאָלט נישט געווען און דעריבער האָט מען אַ פּיעסע נישט געקאָנט לאַנג שפּילן און דער רעפּערטואַר האָט זיך שנעל אויסגעשעפּט. אין דער זעלבער צייט איז אין רומעניען געוואָרן זייער פּאָפּולער אַ נייער דראַמאַטורג — „פּראָפעסאָר" משה הלוי איש הורוויץ. דער דאָזיקער „פּראָפעסאָר", האָט אַפילו געהאַט אַ שטיקל חטא אויף זיך. ער איז אַמאָל געווען אַ משומד, אָבער זיינע פּיעסעס זענען דווקא געווען עכט יידישע. זיין געביט איז געווען די יידישע היסטאָריע. פון דאָרט האָט ער געשעפּט די סוזשעטן פאַר זיינע פּיעסעס. און דעם דאָזיקן „דראַמאַטורג" האָט מאָגולעסקאָ טרופּע געבראַכט קיין אַמעריקע פאַר זייער טעאַטער.

ווען הורוויץ איז געקומען קיין אַמעריקע, איז גראָד געווען אַקטועל די געשיכטע פון טיסאַ־עסלאַר; אַן אונגאַרישער ייד איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַ ריטואַל־מאָרד און איינער פון די הויפּט־עדות קעגן דעם באַשולדיקטן איז געווען גראָד אַ יידיש יינגל, מאָריס שאַרף, וועלכער האָט זיך דערצו געלאָזט איבעררעדן פון די אונגאַרישע אַנטיסעמיטן. די ראָל האָט געשפּילט מאָגולעסקאָ.

געוויינלעך פלעגט זיך פירן אין יידישן טעאַטער (און אין טייל ערטער איז עס אַ מנהג נאָך ביז היינט), אַז ווען אַן אַקטיאָר האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ „שלעכטן" כאַראַקטער, האָט מען אים אויסגעפייפט און אים אַרויסגעוויזן אַנטיפּאַטיע. מעג דער אַקטיאָר ווי גוט שפּילן זיין ראָלע, מעג ער ווי קינסטלעריש פאַרקערפּערן דעם טיפּ, וועלכן ער שטעלט פאָר, דער יידישער טעאַטער־עולם פאַרגעסט פולשטענדיק, אַז דאָס ש פּ י ל ט בלויז דער אַקטיאָר דעם שלעכטן מענטש, אַז פּערזענלעך האָט ער אפשר די זעלבע געפילן פון אַנטיפּאַטיע צום פאַרגעשטעלטן העלד.

עס איז דעריבער געווען אַ סכנה, אַז מאָגולעסקאָ זאָל זיך פאַרשאַפן שונאים ביים שפּילן אַ ראָלע פון אַ יידישן מסור. געשען איז אָבער אַנדערש. לויט בלאַנק דערציילט, אַז מאָגולעסקאָ האָט געהאַט אין דער ראָל ערנסטע דראַמאַטישע מאָמענטן, וועלכע ער האָט דורכגעפירט אויף אַ גלענצענדן שטייגער און ער האָט אויך געהאַט קאָמישע מאָמענטן, וועלכע ער האָט דורכגעפירט אַזוי פיין, אַז דער גאַנצער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער. אין דער ראָלע האָט מאָגולעסקאָ

צוגעשריבן פאר זיך א לידל „שלח-מנות", און אין דעם לידל, פונקט ווי אין אנדערע לידער, האט ער זיך אויף א לייכטן שטייגער אפגע־שטעלט אויף באקאנטע פאסירונגען אין דער יידישער געשיכטע. מאַ־גולעסקאַ האט אלזא באוויזן אזוי צו בארואיקן דעם עולם, אז מ'האט אים מוחל געווען דאס, וואס ער שפילט דעם „שווארצן כאראקטער".

נאך דער דאזיקער פיעסע האט הורוויץ אויפגעפירט זיין היסטאַ־רישע פיעסע „שלמה המלך". מאגולעסקאַ האט דא געשפילט א פאס־טוך שלום, וועלכער איז משוגע פארליבט אין דער שיינער שולמית, אויף וועלכער שלמה המלך האט געווארפן אן אויג און ער נעמט זי אריין צו זיך אין פאלאץ, וואו זי ווערט איינע פון זיינע טויזנט ווייבער. לאגיש וואלט די ראלע, וועלכע שטעלט פאר א ליבהאבער, גע־דארפט שפילן דער ליבהאבער פון דער טרופע, דוד קעסלער, אבער מאגולעסקאַ, דער קאמיקער, האט ממש באוויזן וואונדער אין דער ראַ־לע. ער האט זי אזוי גוט געשפילט, אז דער עולם איז פשוט ווילד גע־ווארן פאר באגייסטערונג. מאגולעסקאַ האט זיך אויך אנגעשריבן א לידל מיט מוזיק, דאס לידל האט אויסגעדריקט דעם געדאנק, אז שלום דער פאסטוך איז אין ליבע מער ערנסט ווי דער קעניג און, אז עס איז בכלל נישט קיין גרויסער יחוס צו זיין די געליבטע פון א קע־ניג, ווייל דער קעניג באדט זיך אין בלוט פון זיינע אונטערטאנען און לעבט אויף זייער חשבון.

אינטערעסאנט איז, אז איינמאל, ווען מאגולעסקאַ איז הייזעריק געווארן און האט דעריבער נישט געקאנט שפילן, און דוד קעסלער, וועלכער איז שוין דאמאלט געווען זייער באליבט, האט אים געוואלט פארטרעטן אין דער ראלע, איז אין טעאטער אויסגעבראכן א סקאנדאל צוליב דער אומצופרידנהייט פון דעם טעאטער־עולם.

נאכדעם ווי דער סעזאן ווערט פארענדיקט אין ניו־יארק, פארט אפ די טרופע קיין פילאדעלפיע. עס איז אינטערעסאנט צו הערן די מיינונג פון דער דאמאלט באדייטנדער יידישער אקטריסע בעסי טאמאשעווסקי וועגן דעם איינדרוק, וואס מאגולעסקאַ האט געמאכט:

„די ערשטע פיעסע האבן זיי געשפילט „די קאקעטע דאמען". ווען איך זאל וועלן איבערגעבן דעם איינדרוק פון אלע שוישפילער, וואס האבן זיך באטייליקט אין דער פיעסע, וואלט איך נישט געווען געטריי

צו די שוישפּילער און נישט צו מיר אַליין, ווייל דער איינדרוק, וואָס איז מיר געבליבן פון דאַן, איז נישט פון דער גאַנצער טרופּע, נאָר פון איין קינסטלער, איין זשעני — זיגמונט מאָגולעסקאָ. מאָגולעסקאָ האָט נישט געשפּילט די ראָלע גאַלמאַן. ער האָט געלעבט אַלס גאַלמאַן. אויף דער סצענע איז אַרומגעגאַנגען אַ יונג, אַ ברען, אַן אַדעסער לעב־יונג, אַ פייער האָט געברענט אין יעדער באַוועגונג זיינער. יעדעס קוקעלע זיינס האָט אויסגעטייטשט אַ נשמה. דאַן איז געקומען דער צווייטער אַקט און עס איז ערשינען שפּרינצע די מעקלערין. בשום אופן איז נישט געווען מעגלעך צו דערקענען, אַז שפּרינצע, וואָס ווערט דאָ גע־שפּילט, איז נישט קיין לעבעדיקע שפּרינצע, געבראַכט אַהער פון דער אַלטער היים. מיט זיין גרויסן צויבער־חן, מיט זיין געניאַלער איינביל־דונגס־קראַפט האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט שפּרינצע, די אַלטע יידענע, וואָס מעקלערט דינסטן. ער האָט געשפּילט מיט אַזאַ איבערצייגונגס־קראַפט, אַז ס'איז נישט געווען מעגלעך אים צו דערקענען נישט נאָר אַלס דעם, וואָס האָט ערשט געשפּילט דעם יונגן פלאַם־פייערדיקן לעב־יונג, נאָר עס איז געווען שווער צו דערקענען, אַז שפּרינצע איז נישט שפּרינצע, נאָר מאָגולעסקאָ. נישט קיין זי, נאָר אַן ער".

די ראָלע „שפּרינצע" און בכלל די אַנדערע פרויען־ראָלן, וועלכע מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט, האָבן אים, מאָגולעסקאָן, זייער באַליבט און פּאָפּולער געמאַכט נישט נאָר ביים טעאַטער־עולם, נאָר אויך ביי דער טעאַטער־קריטיק. אַזוי דערציילט דער באַקאַנטער יידישער דראַ־מאַטורג לעאָן קאָברין: „זעענדיק אים אויף דער בינע אין אַ פרויען־ראָלע, האָט מען דאָך איינפאַך נישט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז ער, זיגמונט מאָגולעסקאָ. מען איז געווען אונטערן איינדרוק, אַז דאָס איז אַ פרוי, וואָס מען האָט אַמאָל ערגעץ געזען, ערגעץ געטראָפן, די אמתע באָבע יאַכנע, די אמתע שפּרינצע, מיט אַלע תנועהלעך, מיט אַלע העויות. אין שמר"ס „קאָקעטע דאַמען" האָט ער געשפּילט גאַנצע דריי ראָלן — צוויי מענערישע און איין ווייבערישע. די צוויי מענערישע ראָלן זיינען געווען אַזוי ווייט איינע פון די אַנדערע, ווי מזרח איז ווייט פון מערב. אין איין ראָלע איז ער געווען יונג און לע־בעדיק און אין דער צווייטער ראָלע — אַלט און צעבראָכן, און אין דערמיט פון די צוויי ראָלן, אין דעם זעלבן אָוונט, אין דער זעלבער

פיעסע, האָט ער געשפּילט די ראָלע פון שפּרינצע די מעקלערן. דריי פאַרשידענע כאַראַקטערס, דריי פאַרשידענע טיפּן און אין יעדן כאַראַקטער איז ער געווען אַ גרויסער און אמתער קינסטלער".

אויף אַן ענלעכן אופן כאַראַקטעריזירט מאָגולעסקאָן אין דער זעלבער פּיעסע דער באַקאַנטער טעאַטער־קריטיקער, רעדאַקטאָר פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", אב. קאַהאַן: „די ראָלע פון שפּרינצע האָט געשפּילט מאָגולעסקאָ, און כל זמן שפּרינצע איז געווען אויף דער בינע — פלעגט דאָס טעאַטער נישט אויפהערן צו שטורמען און צו דונערן. די ראָלע פון דעם יונגן שאַרלאַטאַן אין דעם ערשטן אַקט און די ראָלע פון דעם אַלטן שכור אין דעם לעצטן אַקט פלעגט אויך שפּילן מאָגולעסקאָ. האָט מען אין יידישן קוואַרטאַל נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן די וואונדער, וואָס ער באַוויזט שפּילנדיק אין איין פּיעסע דריי ראָלן. אַ געבוירענער הויך־באַגאַבטער קינסטלער איז ער געווען, אָבער זיין פּערזענלעכער חן האָט געהאַט פּונקט אַזוי פיל צו טאָן מיט זיין דערפאָלג ווי זיין קראַפט אַלס אַרטיסט. ער האָט די טעאַטער־באַזוכער פאַרכישופט מיט זיין זינגען אַזוי גוט ווי מיט זיין שפּילן. זיין שטימע גופא פלעגט עלעקטריזירן זיינע צוהערער, אי בשעת ער האָט געזונגען, אי בשעת ער האָט גערעדט. זיין יעדער קער איז דעם עולם ליב געווען".

מאָגולעסקאָס דערפאָלג אין פילאַדעלפיע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי דער ערשטער פּיעסע. די ווייטערדיקע אויפירונגען פון דער טרופּע זענען געווען הורוויצעס פּיעסעס „יהודה און ישראל" און „דאָס פוילישע יונגל", און אַט וואָס בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט: „די גאַנצע טרופּע האָט געשפּילט, נאָר געזען האָב איך בלויז „שמואל גאָרגל". דאָס האָט געשפּילט מאָגולעסקאָ. דאָ איז שוין אים נישט געווען צו פאַרגלייכן מיט קיין אַנדערן שוישפּילער. ווי אַ טאָפּאָליע צווישן אַגרעס־בוימער, אַזוי האָט מאָגולעסקאָ מיט זיין געניאַלן צויבער־חן געשטיגן העכער פון אַלע יידישע אַקטיאָרן".

נישט געקוקט אויף אַלע דערפאָלגן, איז אָבער באַשערט געווען מאָגולעסקאָן צו האָבן אַביסל עגמת־נפש אין פילאַדעלפיע. דאָרט הערשט זייער שטאַרק דאָס געזעץ פון „בלויען זונטאָג", דאָס הייסט, אַז זונטאָג טאָר מען נישט שפּילן קיין טעאַטער, און, כידוע, הויבט

מען אַן רעכענען זונטאָג פון שבת נאָך 12 ביינאַכט. פּאַסירט אַמאָל, אַז שבת אין אָוונט פאַרציט זיך די פאָרשטעלונג ביז נאָך 12 און, געטריי דעם געזעץ, האָבן די עלעקטריע־אַרבעטער אויסגעלאָשן די עלעקטריע און אָראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג אין מיטן שפּילן. אין טע־אַטער איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל, און כאָטש עס איז געווען קלאָר, אַז די שולד פאַר דער געשטערטער פאָרשטעלונג איז נישט פון די אַקטיאָרן, פונדעסטוועגן האָט דער טעאַטער־עולם באַשולדיקט די אַקטיאָרן און זיי אָנגעהויבן צו באַיקאָטירן.

די ווייטערדיקע קאַריערע פון מאָגולעסקאָ האָט אָנגענומען דעם נאָרמאַלן גאַנג. ער האָט זייער אָפט געטוישט די טעאַטערס, איז אָפט געווען אַ שותּף צו די דירעקציעס, אָבער געשפּילט האָט ער אַלץ אין די זעלבע משונהדיקע „היסטאָרישע" אָפּערעטעס פון לאַטיינער און "פּראָ־פעסאָר" הורוויץ, וועלכע האָבן דאַמאָלט באַהערשט די יידישע בינע אין אַמעריקע.

.9

אַן ענדערונג אין מאָגולעסקאָס קאַריערע איז פאָרגעקומען דעם 13 נאָוועמבער 1891, וואָס איז בכלל אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. אין יענעם טאָג איז אויפגעפירט גע־וואָרן יעקב גאָרדינס ערשטע פּיעסע „סיביריע" און אין איר האָט מאָ־גולעסקאָ געשפּילט דעם ערשטן רעאַלן כאַראַקטער און תיכּף ומיד גע־וויזן, אַז ער איז באמת אַ קינסטלער, און אַז ער נעמט אויס ביים עולם נישט נאָר דורך זינגען און טאַנצן אין עקסטראַוואַגאַנטישע ראָלן, נאָר דורך פאַרקערפּערן אַ לעבעדיקן מענטש פון בלוט און פלייש, ווי עס איז געווען גאָרדינס העלד — דער משרת פענדיק.

אָבער די ערשטע גאָרדין־אויפירונג איז אויך פאַרבונדן מיט אַ סקאַנדאַל, אַרויסגערופן טאַקע דורך מאָגולעסקאָן.

די געשיכטע איז אַזאַ: ביים איינטיילן די ראָלן האָט מען מאָגו־לעסקאָן געגעבן צו שפּילן די ראָלע פון דינער פענדיק. די ראָלע איז געווען איינגאַנצן אַנדערש ווי די ראָלן, וועלכע מאָגולעסקאָ האָט גע־שפּילט ביז דאַמאָלט. ער האָט דעריבער גענומען דרייען מיט דער נאָז

און האָט אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט. יעקב פּ. אַדלער האָט דאָס באַמערקט און ער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער זאָל וויסן זיין, אַז דאָס איז נישט פון יענע פּיעסעס, וועלכע מ׳האָט געשפּילט ביז איצט. דאָס איז — האָט ער אים געגעבן אַ סטראַשע — ליטעראַ־טור. מאַגולעסקאָ האָט אים אויסגעהערט מיט אַ זייער ערנסטער מינע און געענטפערט: „יאָ, דאָס קאָן זיין, אָבער איך האָב מורא, אַז אונ־זער יידישער עולם וועט דאָס נישט כאַפּן און ער וועט זיכער אַנט־שלאָפן ווערן". מאַגולעסקאָ האָט אַלץ אַריינגעטראַכט ווי אַזוי „אויפ־צולעבן" די פּיעסע און ער האָט דעריבער פאַרפאַסט אַ קופּלעטל, מיט וועלכן ער האָט געהאָפט צו ראַטעווען די סיטואַציע. בעת גאָרדין האָט אויף דער פּראָבע דערהערט ,אַז מאַגולעסקאָ זינגט אַ קופּלעט אין זיין פּיעסע, איז ער געוואָרן זייער אויפגערעגט און האָט אים פאַר־ווערט צו זינגען דעם קופּלעט. מאַגולעסקאָ, וועלכער איז געווען אַ שותּף אין דער דירעקציע און דערצו דער באַליבטער אַקטיאָר, איז ניט געוואוינט געווען, אַז מחברים זאָלן אים זאָגן דעות. ער האָט זיך דערוי־בער גאָרנישט געמאַכט פון גאָרדינס באַמערקונג און ווייטער געזונ־גען. גאָרדין איז דערויף אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס, גענומען קלאַפּן מיטן שטעקן און שרייען: „סוואָלאָטש"! דאָ איז מאַגולעסקאָ אַרויס פון די כלים און געגעבן אַ געשריי: „וואַרפט אַרויס די שוואַר־צע באָרד! ווער דאַרף אים דאָ? פאַרוואָס זידלט ער מיך?"

אויסגעפירט האָט מאַגולעסקאָ. ער האָט דאָס לידל יאָ געזונגען, אָבער גאָרדין, וועלכער האָט פיינט געהאַט קאָמפּראָמיסן, האָט אַלס פּראָטעסט אָפּגעטאָן אַ זאַך, וואָס פאָדערט אַ שטאַרקן כאַראַקטער: ער איז צו דער פּרעמיערע פון זיין ערשטער פּיעסע נישט געקומען אין טעאַטער.

זיגמונט מאַגולעסקאָ איז געווען אין בעסטן גלאַנץ פון זיין קינסט־לערישער קאַריערע, ווען אויסערלעכע סיבות האָבן איבערגעריסן זיין גאָרמאַלע אַנטוויקלונג. ער באַגנוגנט זיך נישט בלויז צו זיין אַ שוי־שפּילער. ער ווערט אויך אונטערנעמער. גראָד טרעפט ער אָבער מיט זיין אונטערנעמונג אויף אַ שרעקלעכער צייט. אין אַמעריקע הערשט ראַמאָלט אַ שווידערלעכער קריזיס; מענטשן פלעגן זיך דערנערן דערפון, וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פון שמוץ אין די בלעכערנע פעסער פאַר

די הייזער דאָס אָפּפאַל פון עסן, וואָס מען פלעגט דאָרט אַריינוואַרפן. אין אַזאַ צייט קאָן מען ביי טעאַטער קיין געשעפטן נישט מאַכן. טעאַטער איז אַ מאַסן־אַרטיקל און ווען די ברייטע מאַסן פאַרדינען נישט, ווערט דאָס טעאַטער נישט באַזוכט, און די לעצטע שורה איז— אַ מאַטעריעלע קאַטאַסטראָפע.

אַזוי איז אויך געווען מיט מאָגולעסקאָס אונטערנעמונג. ער האָט פאַרלוירן דאָס גאַנצע ביסל געלט, וואָס ער האָט שוין געהאַט פאַר־מאָגט, אַזוי, אַז צום קומענדיקן סעזאָן האָט ער שוין מער נישט אָנ־געפירט אַליין מיט אַ טעאַטער, נאָר האָט זיך אַנגאַזשירט ביי אַנדערע אָבער דער עגמת־נפש צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין געלט, און וואַרשיינלעך אויך דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרבלייבן ביי זיין זעלבסטשטענדיקייט, האָבן מאָגולעסקאָן געבראַכט דערצו, אַז ער האָט אָנגעהויבן טרינקען אַלקאָהאָל.

וואָס עס האָט געהייסן פאַר מאָגולעסקאָן זיין זעלבסטשטענדיק קאָן מען פאַרשטיין, ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם דאַמאָלטדיקן מצב פון יידישן טעאַטער.

אין יעדן יידישן טעאַטער איז דער סטאַר, דער הויפּט־אַקטיאָר, געווען דער בעל־הבית און ער האָט באַשטעלט אַ פּיעסע פאַר זיך. די פּיעסע־שרייבער האָבן שטענדיק געהאַט אין זינען, אַז זייערע ווערק מוזן האָבן צענטראַל־פיגורן צוגעפּאַסט צו די אייגנטימער פון די טעאַטערס, וועלכע קויפן ביי זיי פּיעסעס. אַזוי האָט גאָרדין געשריבן פּיעסעס מיט הויפּטראָלן פאַר טאָמאַשעווסקי, אַדלער, קעסלער און בער־טאַ קאַליש. אמת, אַז אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט די אַנדערע מיטגלידער פון דער טרופּע האָט גאָרדין נישט. אין יעדער פון זיינע פּיעסעס זענען אויך פאַרהאַן גענוג ראָלן פאַר אַנדערע אַקטיאָרן, און טאַקע אַ דאַנק די ראָלן זענען אויך די אַנדערע קלענערע אַקטיאָרן באַרימט געוואָרן. אָבער פאַרט זענען מער פון אַלע פּאָפּולער געוואָרן די הויפּט־ראָליסטן. מאָגולעסקאָ האָט געהאַט אין יעדער גאָרדין־פּיעסע אַ גוטע ראָלע. גאַנץ אַנדערש וואָלט אָבער געווען, ווען מאָגולעסקאָ בלייבט דער אייגנטימער פון אַ טעאַטער און די דראַמאַטורגן וואָלטן געשריבן זיי־ערע פּיעסעס, האַבנדיק אים אין זינען אַלס הויפּט־ראַליסט. מיר וואָלטן היינט צו טאָג פאַרמאָגט אייניקע אינטערעסאַנטע קאָמעדיעס. אַזוי

אָבער האָבן מיר אייניקע דראַמעס מיט אינטערעסאַנטע כאַראַקטער־ראָלן.

בכלל איז מאָגולעסקאָ נישט געווען פון די פּשוטע נאַטורן, וואָס באַפרידיקן זיך לייכט און נעמען אַלץ פאַר ליב. זיין אינטימער פריינט, דער באַקאַנטער שוישפּילער לעאָן בלאַנק, דערציילט, אַז „איבער דעם, וואָס מאָגולעסקאָס נאַטור איז געווען אַ פאַרפלאָנטערטע, אַ קינסטלע־ריש־קאַפּריזנע, האָט ער, דער גרויסער קינסטלער, קיינמאָל נישט גע־קאָנט ווערן איינגאַנצן צופרידן. אַפילו אין די בעסטע צייטן האָט אים אַלץ ע פּ ע ס געפעלט, אַפילו אין די בעסטע מאָמענטן איז ער נישט געווען צו גליקלעך. דער עולם האָט אים געקאָנט טראָגן אויפן קאָפּ, האָט ער זיך אַלץ געפילט אומגליקלעך. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער איז אַ פאַרשאָלטענער מענטש. ער האָט די מינדעסטע קריוודע גע־פילט צו שטאַרק. ער האָט יעדע איבערלעבונג אויסגעוויטאָקט אין דער טיפעניש פון זיין פיין־פילנדער נשמה. ער האָט אַלע מאָל גע־האַט גרויסע צרות, און אַזוי ווי די צייט איז דאַן געווען זייער אַ שלעכ־טע און מ׳איז נישט געווען זיכער מיט דעם, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, האָבן מאָגולעסקאָן אוודאי קיין צרות נישט אויסגעפעלט, און דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, פאַרוואָס ער האָט פון צייט צו צייט געזוכט זיך צו פאַרגעסן דורך אויסטרינקען אַביסעלע . . . ״

אין דעם פּעריאָד, ווען מאָגולעסקאָ האָט ווידער פאַרלוירן זיין זעלבסטשטענדיקייט און האָט זיך צוריק אַנגאַזשירט ביי עדעלשטיין און אַדלער, האָט מאָגולעסקאָ געאַרבעט איבער די כחות. ווי דער שטייגער איז דאַמאָלט געווען, האָט זיך יעדעס טעאַטער געהאַט זיין מחבר, וועלכער האָט געליפערט די פּיעסעס. דאָס טעאַטער, אין וועלכן מאָ־גולעסקאָ האָט געאַרבעט, האָט געהאַט אַלס מחבר דעם באַרימטן „פּראָפעסאָר״ הורוויץ, וואָס האָט געקאָנט איבערנאַכט אָנשרייבן אַ פּיעסע, וועלכע ער פלעגט אייגנטלעך נעמען פון דייטשן געדרוקטן רע־פּערטואַר און זי „פאַריידישן״. מאָגולעסקאָ איז געווען אַנגאַזשירט אין טעאַטער נישט נאָר אַלס אַקטיאָר, נאָר אויך אַלס קאָמפּאָזיטאָר. זייענדיק באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט גרויסע מוזיקאַלישע פעאי־קייטן און האָבנדיק באַזונדערס אַ נייגונג צו שרייבן לידער און קאָמ־פּאָזיציעס, פלעגט מאָגולעסקאָ פאַרפאַסן די מוזיק צו די פּיעסעס

וועלכע פלעגן געשפילט ווערן אין די טעאַטערס, וואו ער איז געווען אנגאזשירט.

לעאָן קאָברין, דער באַרימטער יידישער דראַמאַטורג, שרייבט, למשל, וועגן מאָגולעסקאָס אַרבעט אויף דעם געביט: „אַ סך פּיעסן אויף דער יידישער בינע האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער גרויסן דערפאָלג מאָגולעסקאָס ליד, זיינע עכט־יידישע ניגונים. גערעדט מיט שרייבער האָט ער דווקא נישט וועגן זיין שפּילן און נישט וועגן זיינע ראָלן, וואָס ער האָט געשאַפן, נאָר וועגן די לידלעך, וואָס ער האָט פאַרפאַסט. און גערעדט וועגן דעם האָט ער מיט אַ קינדערשער התפּעלות. עטלעכע פון זיי האָט ער מיר שטילערהייט פאָרגעלעזן און פאָרגעזונגען מיט זוניקער פרייד אין די אויגן. די מוזיק פון די לידער — זיין מוזיק — איז געווען מעלאָדיש, האַרציק, און יידיש. אָבער די ווערטער פון די לידער, גאָט מיינער, ווען ער, מיט זיין שמייכעלע, האָט זיי פאָרגעזונגען, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי ווי אַ פאָנטאַן פון זון־שטראַלן וואָלט מיט אַמאָל גענומען שפּריצן מיט קויט און בלאָטע".

לעאָן בלאַנק, ריידנדיק וועגן מאָגולעסקאָן אַלס לידער־שרייבער און קאָמפּאָזיטאָר, דערציילט: „אין די מייסטע לידער, וואָס ער האָט געשריבן פאַר דער בינע האָט ער אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו געשיכטלעכע פּאַסירונגען אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, און אַזוי ווי ער איז געווען ווייט פון לומדות, איז געווען נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז ער זאָל אַמאָל אַריינפאַלן אין אַ טעות; אַזוי האָט ער געקאָנט צוטשעפּן די סנהדרין צו דער ערשטער צייט, ווען די יידן זענען פון מצרים אָנגעקומען אין דעם לאַנד כנען. אָבער דאָס איז ביי אים געווען נישט וויכטיק. דער עיקר איז ביי אים געווען נישט דער אינהאַלט פון דעם ליד, נאָר די מעגלעכקייט, וואָס דאָס ליד האָט אים געגעבן קינסטלעריש אַריינצודרינגען אין האַרץ פון יידישן עולם. שרייבנדיק אַ ליד, האָט מאָגולעסקאָ אַלע מאָל אין זינען געהאַט די בינע, ווי אַזוי ער וועט דאָס ליד קאָנען נישט נאָר זינגען, נאָר אויך שפּילן, אַזוי אין ערנסטע לידער און אַזוי אויך אין קאָמישע".

„פּראָפעסאָר" הורוויץ האָט, אַלזאָ, געהאַלטן אין איין פאַרפאַסן פּיעסעס און מאָגולעסקאָ האָט געמוזט פאַר זיי שרייבן מוזיק. אַזוי ווי אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פאַרנומען מיט לערנען די נייע ראָלן, וועל־

כּעַ ער האָט געהאַט אין די דאָזיקע פּיעסעס און אין די אָוונטן האָט ער געשפּילט, האָט ער די מוזיק געמוזט שרייבן נאָך די פאָרשטעלונגען. ער פלעגט דעריבער פשוט נישט האָבן קיין צייט צו שלאָפן און פלעגט זייער אָפט איינשלאָפן, זיצנדיק ביים טיש אינמיטן דער אַרבעט. דערפאַר פלעגט ער זייער אָפט טרינקען און פיל רויכערן, כדי נישט איינצושלאָפן און אויך כדי צו קריגן שטימונג צו שאַפן די ניגונים.

באַלד אָבער ברעכט אויס אַ סכסוך צווישן די אַקטיאָרן און דער דירעקציע. דער דירעקטאָר עדעלשטיין נעמט צו טאָמאַשעווסקין פאַר אַ שותף. דער פאַקט ווירקט זייער שווער אויף מאָגולעסקאָן. ער פילט זיך דערפון זייער געקריוודעט און ער וואַרפט זיך נאָך מער אַריין אין שיכרות. לעאָן בלאַנק דערציילט, אַז „אין זיינע באַציאונגען צו מענטשן איז מאָגולעסקאָ געווען זייער צוגעלאָזן און זייער איינפאַך. ער האָט זיך געקאָנט אָפּשטעלן אַפילו מיטן קלענסטן. אין זיין איינפאַכקייט האָט מאָגולעסקאָ נישט איבערגעקליבן מיט וועמען זיך צו חברן און מיט וועמען נישט, און דאָס האָט אים סוף כל סוף אַריינגעפירט אין אַ קרייז, וואָס האָט זיך פאַר אים אינגאַנצן נישט געפּאַסט".

אויב לעאָן בלאַנק רעדט מיט רמזים וועגן אַ געשעעניש, וואָס האָט געהאַט אַ דעצידירנדע ווירקונג אויף דער קינסטלערישער קאַריערע פון מאָגולעסקאָן, דערציילן אַנדערע די זאַך אַ סך פשוטער: לויט זיי איז מאָגולעסקאָ אַריינגעפאַלן אין אַן אומגליק. ער איז געווען צו חנעוודיק און רייצנד פאַר פרויען, אַז זיי זאָלן אים נישט אַריינציען אין פאַרבאָטענער ליבע. ער איז קראַנק געוואָרן און זיין שעמעוודיקער כאַראַקטער האָט אים געשטערט זיך צו באַראַטן באַצייטנס מיט דאָקטוירים. די קראַנקייט האָט זיך ביי אים וואָס אַמאָל מער פאַרשפּרייט און, דער עיקר, זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין האַלז. ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן הייזעריק.

די הייזעריקייט האָט זיך גענומען פילן ביי מאָגולעסקאָן וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער און ער האָט מער נישט געקאָנט שפּילן. מען קאָן זיך פאָרשטעלן זיין שטימונג און זיין לאַגע. ער האָט זיך אָנגעהויבן „דאָקטאָרן", אָבער איינזעענדיק, אַז זיין קראַנקייט איז אַ דויערנדע און ער וועט אפשר אַ לענגערע צייט נישט קאָנען אַרויס-

טרעטן אויף דער בינע, האָט ער באַשלאָסן זיך אויסצולערנען אַ מלאכה. ער האָט בכלל געהאַלטן, אַז אַ מענטש דאַרף זיך נישט שע־מען צו טאָן די שווערסטע און אומאַנגענעמסטע מלאכה, אַבי נישט צו דאַרפן אָנקומען צו קיינעם נאָך טובות, און דעריבער האָט ער זיך שטילערהייט אָנגעהויבן לערנען שפּילן אויף אַ פּויק, כדי צו קאָנען פאַרדינען זיין ברויט אין טעאַטער אַלס פּויקער, אויב ער וועט נישט צוריק באַקומען זיין שטימע.

לויט דער עצה פון דאָקטוירים איז מאַגולעסקאָ אַוועקגעפאָרן אויף קוראַציע קיין איראָפּע, ער האָט אויך אויסגענוצט די געלעגנ־הייט און האָט אין 1898 גאַסטראָלירט אין רומעניע, אָבער עס איז געשען דאָס, וואָס עס געשעט זייער אָפט מיט אַקטיאָרן. מאָגולעסקאָ, וועלכער האָט נאָך פריער געהאַט אַזאַ גרויסן נאָמען אין רומעניע און וועלכער האָט זיך באמת אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלט אין אַמעריקע. האָט איצט צוריקקומענדיק אין זיין אַלטער היים, באַקומען אַ קאַלטע אויפנאַמע. די ראָלן, אין וועלכע ער איז אויפגעטראָטן, האָבן דורך דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט שוין געשפּילט אַנדערע קאָמיקער, און הגם זיי זענען זיכער געווען קנאַפּערע קינסטלער פון מאָגולעסקאָן, האָבן זיי אָבער דעם טעאַטער־עולם אַזוי צוגעוואוינט צו זיך, אַז ער, מאָגולעסקאָ, איז זיי נישט געפעלן.

עפּיזאָדן פון דעם מין זענען פאַראַן אָן אַ שיעור. לאָמיר דאָ דער־ציילן נאָר צוויי: ווי באַקאַנט, איז דער גאַנצער גאָרדין־רעפּערטואַר געבראַכט געוואָרן קיין איראָפּע אומגעזעצלעך. געזעצלעך האָבן אַלע גאָרדינס פּיעסעס געהערט צו געוויסע יידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע ווי אַדלער, טאָמאַשעווסקי, קעסלער, קאַליש, וועלכע האָבן ביים מחבר אָפּגעקויפט אַלע רעכט אויף דער פּיעסע, וואָס ער האָט פאַר זיי גע־שריבן און וועלכע זיי האָבן אויפגעפירט. אָבער געוויסע יידישע אַק־טיאָרן פון איראָפּע, וועלכע האָבן אין געוויסע צייטן געשפּילט אין אַמעריקע, האָבן פון דאָרט געבראַכט אָפּגעשריבן גאָרדינס פּיעסעס און זיי אויפגעפירט אין איראָפּע. האָבן זיך מיישב געווען קלענערע יידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע, אַז אַזוי ווי מען קאָן מיט גאָרדינס רעפּער־טואַר האָבן אַ גרויסן מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג אין איי־ראָפּע, טאָ צו וואָס דאַרף מען וואַרטן ביז די איראָפּעאישע אַקטיאָרן

וועלן שפּילן די פּיעסעס, האָבן זיי זיך אַליין געלאָזט קיין אייראָפּע מיט גאָרדינס פּיעסעס. איינער פון די דאָזיקע קלענערע אַקטיאָרן איז אין לעמבערג אויפגעטראָטן אין גאָרדינס פּיעסע „דער ווילדער מענטש". די דאָזיקע פּיעסע איז געשריבן געוואָרן פאַר יעקב פּ. אַדלער און ער איז געווען זייער קינסטלעריש אין דער הויפּט־ראָל. מאַכט זיך, אַז איי־ניקע יאָר נאָכדעם ווי יענער האָט שוין געשפּילט די פּיעסע „דער וויל־דער מענטש", איז אַדלער געקומען גאַסטראָלירן אין לעמבערג, און ווען מען האָט אים געפרעגט, אין וואָס ער וועט אויפטרעטן, און ער האָט געענטפערט, אז אין „ווילדן מענטש", האָט מען אים אָפּגערעדט דער־פון: „דאָ האָט שוין אַן אַקטיאָר פון אַמעריקע געשפּילט דעם „ווילדן מענטש" און געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג, אַז איר וועט אים זיכער נישט איבערשטייגן".

אַן ענלעכע געשיכטע האָט ערשט לעצטנס געטראָפן אין דרום־אַמעריקע. איינער פון די מאָדערנסטע און בעסטע קינסטלער פון דער יידישער בינע אין אַמעריקע, יעקב בן־עמי, האָט גאַסטראָלירט אין בראַזיל. איינע פון זיינע גלאַנץ־ראָלן איז „לוי יצחק" אין פּרץ הירש־ביינס קאָמעדיע „גרינע פעלדער". האָט בן־עמי אויך אין בראַזיל גע־שפּילט די זעלבע פּיעסע און די זעלבע ראָלע. און אָט איז מיר אויס־געקומען צו לייענען אַ רעצענזיע אין אַ בראַזיליאַנער יידישער צייַ־טונג, אין וועלכער מען שרייבט, אַז אין אַ פריערדיקער אויפפירונג פון דער פּיעסע דורך ליבהאָבער האָט זיך אַ געוויסער ליבהאָבער בע־סער אויסגעצייכנט אין דער ראָלע „לוי יצחק" ווי יעקב בן־עמי.

סיי ווי האָט מאָגולעסקאָ נישט געהאַט קיין נחת פון זיין באַזוך אין רומעניע און ער איז צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע. דאָ איז פאָרגע־קומען אַ גאַנצע ענדערונג אין זיין פּערזענלעכן לעבן. לעאָן בלאַנק ברענגט עס אַרויס אויסגעצייכנט: „אַ סך מענטשן האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז מאָגולעסקאָ איז אַ שוואַכער אין כאַראַקטער, ספּעציעל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין געזונט. און איך געדענק, אַז נאָך דאַן, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר פערציק, האָט ער איינמאָל פעסט באַשלאָסן, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער מער נישט טרינקען און מער נישט רויכערן און ער האָט דעם באַשלוס געהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון לעבן — נישט געטרונקען און נישט גערויכערט".

מאָגולעסקאָ איז פון זיין הייזעריקייט-קראַנקייט אינגאַנצן נישט אַרויס, אָבער פון צייט צו צייט האָט ער זיך געפּילט לייכטער און אין די דאָזיקע פּעריאָדן פלעגט ער ווייטער שפּילן זיינע קרעאַציעס. אַזוי האָט ער אין 1903 זיך באַטייליקט אין דער פּיעסע „דער נייער דור" פון ראָמאַניסט לעאָן גאָטליב. אין דער פּיעסע האָט ער געשפּילט אַ ראָל פון אַ פּריילעכן חסיד „זעליג-איציק", וועלכער נעמט זיך פון קיין זאַך צום הארצן און וויל נישט וויסן פון קיין זאָרגן. כאָטש אַליין אַ רומעניִשער, האָט מאָגולעסקאָ פאַרשטאַנען, אַז צום דערפאָלג פון דער ראָלע קאָן נוצלעך זיין, ווען ער וועט, געטריי צו דעם כאַראַקטער פון דער ראָל, ריידן מיט אַ פּוילישן יידיש. אין דער פּיעסע איז פאַראַן אַ געוויסע סצענע, אין וועלכער ער דאַרף פרעגן: „איז דאָס אייער קינד?", האָט מאָגולעסקאָ אָבער אַ זאָג געטאָן: „ענקער קינד איז דאָאָס?" דאַכט זיך, אַז פּשוטע ווערטער, וואָס פּשוטער קאָן שוין נישט זיין, אָבער מאָגולעסקאָ האָט זיי אַרויסגעזאָגט אַזוי תמימותדיק און מיט אַזוי פיל חן, אַז דאָס גאַנצע יידישע ניו-יאָרק האָט אָנגעהויבן נאָכצו-זאָגן דאָס ווערטל: „ענקער קינד איז דאָאָס?". עס איז פּשוט געוואָרן אַ מאָדע צו זאָגן אויף טריט און שריט: „ענקער קינד איז דאָאָס?"

אָט אַזאַ צוטריט האָט מאָגולעסקאָ געהאַט צו דער נשמה פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן.

מאָגולעסקאָ האָט בכלל געהאַט מאָדנע איינפאַלן ווי אַזוי אויס-צוטייטשן געוויסע ווערטער. אַזוי דערציילט דער אַקטיאָר לעאָן בלאַנק, אַז אין 1905 האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט אין גאָרדינס פּיעסע „דער אומבאַקאַנטער" די ראָל פון דעם שניידער „שלמה הוז", דער שניי-דער, וועלכער גלויבט אין השגחה און איז איבערצייגט, אַז קיין זאַך טוט זיך נישט אויף דער וועלט אויב עס ווערט נישט פריער אָנגע-צייכנט אויפן הימל. אין דער פּיעסע האָט מאָגולעסקאָ צו זאָגן זייער אָפט דאָס ווערטל: „ווען מען זאָגט אויבן יאָ, קאָן מען אונטן נישט מאַכן ניין". דער מחבר אַליין האָט אויף דעם ווערטל נישט געלייגט קיין גרויס געוויכט, אָבער מאָגולעסקאָן איז דאָס ווערטל שטאַרק גע-פעלן געוואָרן און ער האָט באַשלאָסן צו שטעלן דאַרויף דעם טראָפּ אַזוי, אַז עס זאָל זיך שנעל פאַרשפּרייטן אין גאַס און ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט אַזוי, אַז אין יעדער באַוועגונג זיינער זאָל זיך פילן דאָס

שניידערל, אַז עס זאָל זיך אויסדרוכטן, אַז ער האַלט דערביי אַ נאָדל אין דער האַנט און נייט. עס איז ביי אים אויסגעקומען ווי ער וואָלט געזאָגט: „אַז מען זאָגט אויבן יאָ, קאָן מען אונטן נישט זאָגן נ יי ע ן ״. אַט אַזוי האָט ער אַפילו דאָס ווערטל פֿאַרשניידערט.

אָבער דאָס אַלץ האָט ער געטאָן מיט זיין שטימע, מיט זיין פּנים און הענט. עס איז אָבער געקומען אַ צייט ווען מאָגולעסקאָ האָט בלויז אַ שפּיל געטאָן מיט אַ פּיסל זיינס און ממש איבערגעקערט דאָס יידישע טעאַטער אין ניויאָרק. אין 1908 איז אין טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן יאָזעף לאַטיינערס אָפּערעטע „דאָס יידישע האַרץ״. מאָגולעסקאָ האָט שוין באַוויזן דורך דער צייט אַביסל פֿאַרגעסן צו ווערן. פֿון איין זייט האָט די יידישע דראַמע אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען אַ באַדייטנד אָרט אויף דער יידישער בינע און אין דער דראַמע האָבן זיך אויסגעצייכנט אַזעלכע אַקטיאָרן ווי אַדלער און זיין פֿרוי, קעסלער, קאַליש, מאָשקאָוויטש. דער טעאַטער־עולם האָט צובאַקומען נייע ליבלינגען. די אָפּערעטע, ווידער, האָט באַקומען נייע כחות, געזאַנגלעכע, פֿון אייראָפּע. מאָגולעסקאָ האָט דעריבער געהאַט אַ סך פֿאַרלוירן פֿון זיין גלאַנצפֿולן נאָמען. אָבער אָט האָט ער אַ שפּיל געטאָן די ראָל „למך״ אין לאַטיינערס אָפּערעטע און ער איז ווידער געוואָרן דער טאָג־געשפּרעך ביים יידישן טעאַטער־עולם.

די פּיעסע איז געגאַנגען אַ גאַנץ יאָר און עס איז פֿאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז דעם גרויסן דערפֿאָלג האָט מען צו פֿאַרדאַנקען מאָגולעסקאָן און נישט אַזוי מאָגולעסקאָן ווי זיין פּיסל. „אין יענע צייטן, — דערציילט לעאָן בלאַנק, — פֿלעגט מען זאָגן, אַז דאָס טאַליאַ־טעאַטער, וואו מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט די פּיעסע האַלט זיך אויף מאָגולעסקאָס פּיסל. אין דער זעלבער פּיעסע האָט מאָגולעסקאָ געהאַט אַ ווערטל: „איי, שלעכט״, האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פֿיל חן און עס געמאַכט אַזוי באַטעמט ,אַז עס איז באַלד פֿאַרשפּרייט געוואָרן אומעטום. ווען איינער האָט געוואָלט פֿרעגן ביי אַ באַקאַנטן, צי ער האָט שוין געזען „דאָס יידישע האַרץ״, האָט ער געווינלעך געפֿרעגט אַזוי: „איר האָט שוין געזען מאָגולעסקאָס פּיסל?״ און אויב יענער האָט געענטפֿערט, אַז ער האָט דאָס נאָך נישט געזען, האָט דער באַקאַנטער באַדויערט: „איי, שלעכט״.

אַן אויסגעצייכנטע כאַראַקטעריסטיק וועגן יענעם פּעריאָד ביי מאָגולעסקאָן גיט דער באַקאַנטער דראַמאַטורג לעאָן קאָברין: „די קראַנקייט האָט זיין שטימע אויפגעגעסן, זיינע לעצטע כחות. האָט דער שאַפונגס־גייסט, וואָס האָט אַזוי אין אים געלעבט, זיך אויסגעדריקט דורך זיינער, מאָגולעסקאָס אַ פוס! מאָגולעסקאָ האָט אין דער פּיעסע געשפּילט אַ יידל, וואָס ציטערט פאַר זיין ווייב. דער איידעם רעדט אים איין, אַז ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל ווייזן זיין פרוי, אַז ער איז אַ מאַן. ער לערנט אים ווי אַ טופּע צו־טאָן מיטן פוס. מאָגולעסקאָ, דער שלימזלדיקער מאַן, נעמט צונויף די כחות, וויל פאָלגן זיין איי־דעם, וויל ריכטיק אַ טופּע טאָן מיטן פוס, דערזעט ער אָבער זיין ווייב, טוט זיין פוס אַזוי צעשראָקן און הכנעהדיק זיך אַ טרייסל און אַ בויג, אַז מען זעט ממש ווי די גאַנצע שרעקעדיקע נשמה פון דעם דאָזיקן יידל קאָרטשעט זיך און באַהאַלט זיך דאָרט אין זיין פוס. אַ גאַנצן סע־זאָן איז דאַמאָלט דער עולם געלאָפן אין טאַליאַ־טעאַטער צו זען דעם פוס פון דעם גרויסן קאָמיקער. דער פוס, וואָס האָט מיט אַזוי פיל חן געלאַכט. שווער איז די קראַנקייט אויסגעקומען צו דערשטיקן אינ־גאַנצן מאָגולעסקאָס גייסט, האָט זי זיין שטים דערשטיקט, האָט ער מיט די אויגן געלאַכט און געזונגען מיטן פּנים, מיט זיינע באַוועגונ־גען. האָט זי פון אים כחות אַרויסגעזויגן, האָט אַ פוס זיך נאָך ביי אים באַוועגט און געלאַכט...״

אָבער יעדער דערפאָלג מוז זיך אַמאָל ענדיקן און אויך צו מאָ־גולעסקאָס דערפאָלג אַלס „למך״ האָט געקומען אַן עק. זיין קראַנקייט האָט זיך וואָס אַמאָל פאַרשטאַרקט. ער האָט מיט הפסקות ווייטער גע־שפּילט, אָבער כסדר האָט ער געמוזט איבעררייסן זיין שפּילן, ווייל ער איז נישט געווען בכח אויפצוטרעטן אויף דער בינע.

„קראַנקייט, הייזעריקייט און גלאַט פאַרשידענע צרות און ער־גערנישן האָבן מאָגולעסקאָן שטאַרק אויסגעמוטשעט, — דערציילט לעאָן בלאַנק, — און איבער דעם האָט ער זיך אין די לעצטע יאָר פון זיין לעבן שוין מער נישט אַנגאַזשירט אין קיין שום טעאַטער. עס איז אים איינפאַך שווער געווען צו שפּילן צו אָפט. ער האָט געמוזט מער אַכטונג געבן אויף זיך, מער אָפּהיטן זיין געזונט. קיין אָפּגעשפּאָרטע קאַפּיטאַלן האָט מאָגולעסקאָ נישט געהאַט און אַזוי ווי לעבן האָט מען

דאָך געדאַרפט, האָט ער פון צייט צו צייט, ווען ער האָט זיך געפילט בעסער, געגעבן אַ פאָרשטעלונג אין טעאַטער, אָדער גאָר גענומען אַ בענעפיס, אויפטרעטנדיק אין איינער פון זיינע דערפאָלג־ראָלן, וואָס האָבן אים ביים פובליקום אַזוי באַליבט געמאַכט. דאָס איז געווען זיין הכנסה. פון דעם האָט ער געמאַכט אַ לעבן פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע. דערפון איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ גרויסער עושר מאָגולעסקאָ איז געווען. אָבער נישט קוקנדיק דערויף, האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי, ווי ער וואָלט זיך אין קיין געלט נישט גענויטיקט און ווען אַ גוטער קאָלעגע האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך באַטייליקן אין זיין ערן־אָוונט, האָט ער זיך גערן באַטייליקט און נישט געוואָלט דערפאַר נעמען קיין געלט".

אין פרילינג 1913 איז מאָגולעסקאָ אויפגעטראָטן אין ניו־יאָרקער נעשאָנעל־טעאַטער אין זיינע פאָפולערע ראָלן. די פאָרשטעלונגען זענען געווען אַנאָנסירט אַלס אַפשיד־פאָרשטעלונגען פאַר זיין אָפפאָרן קיין אייראָפע. וואַרשיינלעך האָט ער געפלאַנט צו פאָרן קיין אייראָפע דאָרט זיך צו קורירן. אָבער פון פלאַן איז גאָרניט געוואָרן. ער איז שפעטער ווידער אייניקע מאָל אויפגעטראָטן. אין יאַנואַר 1914 איז מאָגולעסקאָ אויפגעטראָטן צום לעצטן מאָל אַלס „מישקע" און לאַטיינערס „מישקע און מאשקע", באַלד נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אין זיין בעטל אין זיין קליינער וואוינונג אין דער עכט־יידישער געטאָ פון ניו־יאָרק. זיין קראַנקייט האָט דאָס מאָל אָנגענומען גאָר ערנסטע פאָרמען. אפנים, אַז מאָגולעסקאָ האָט געפילט, אַז דאָסמאָל וועט ער זיך שוין נישט אַרויסדרייען פון די הענט פון מלאך־המות. ער האָט זיך ממש נישט געקאָנט באַוועגן, אָבער ווען עס איז אים נאָר געוואָרן אַביסל לייכטער פלעגט ער זיך וויצלען. מבקר־חולה זיינען זענען צו אים געקומען זייער פיל פריינט. איינער פון זיי, וועלכער פלעגט זייער אָפט ביי אים זיצן, איז געווען דער קברן זיגמונט שוואַרץ, אַ ייִד, וועלכער באַגראָבט טאַקע טויטע, און עלטערע מענשן אָדער חולאים ציטערן פאַר אים, אַז זיי דערזעען אים. ער אַליין אָבער איז אַ ליבנסווירדיקער מענטש און אויך זיין אָנקומעניש, וואָלט ער געוואָלט, אַז זיינע פריינט און באַקאַנטע זאָלן אייביק לעבן, כאָטש דאָס שאַדט זיין פרנסה... איינמאָל בעת שוואַרץ האָט באַזוכט מאָגולעסקאָן, רופט זיך

אָן מאָגולעסקאָ צו אים: „זיגמונד, כ׳גיי אויפירן אַ גרויסע פּיעסע אויף יענער וועלט. טאָמער רופט מען מיך, זאָלסטו מיך נעמען אין אַק־טיאָרן־קלוב און געבן מאָגולעסקאָן וואָס ער האָט פאַרדינט ביים יידישן פאָלק".

דעם 4־טן פעברואַר 1914 האַלב נאָך 7 אינדערפרי איז זיגמונט מאָגולעסקאָ געשטאָרבן ביים פולן באַוואוסטזיין, ריידנדיק ביז אין דער לעצטער מינוט.

זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַן אויפריכטיקן טרויער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע. זיין לויה איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. די יידישע פרעסע האָט אים גע־ווידמעט גרויסע אַרטיקלען, אין וועלכע עס איז איינשטימיק אַרויסגע־זאָגט געוואָרן דער געדאַנק, אַז מאָגולעסקאָ איז געווען דער גרעסטער בינע־קינסטלער, וואָס די יידישע בינע האָט געהאַט ביז צו אים.

מאָגולעסקאָס פרוי, אַמאַליע, וועלכע איז אַ שוועסטער פון דער געוועזענער אַקטריסע פּאַולינאַ עדעלשטיין, די פרוי פון גרעסטן יידישן טעאַטער־דירעקטאָר אין אַמעריקע, האָט אַ קורצע צייט גע־שפּילט אויף דער יידישער בינע, נאָך איר מאַנס טויט האָט זי געלעבט דערפון, וואָס יעדעס יאָר פלעגן די גרעסטע יידישע אַקטיאָרן פון אַמע־ריקע איינאָרדנען אַ ספּעציעלע בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַר איר. אויף דיזאָזיקע פאָרשטעלונגען פלעגן אַקטיאָרן קאָפּירן מאָגולעסקאָן אין זיינע באַרימטע ראָלן, מען פלעגט זינגען די לידער און ניגונים, וואָס מאָגולעסקאָ האָט פאַרפאַסט. דיזאָזיקע בענעפיס־פאָרשטעלונגען, וועל־כע פלעגן פאָרקומען אין מיטן וואָך נאָכמיטאָג, פלעגן שטענדיק זיין אויספאַרקויפט. מיטן טויט פון מאָגולעסקאָס אלמנה אין 1929 איז די טראַדיציע פון דיזאָזיקע בענעפיסן פאַרענדיקט געוואָרן.

אין 1927 איז אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, געשטאָרבן מאָגולעסקאָס בן יחיד, דר. מעדיצין, דזשוליוס. אַביסל פריער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דער מאַן פון מאָגולעסקאָס טאָכטער. היינט צו טאָג זע־נען געבליבן לעבן בלויז 2 טעכטער מאָגולעסקאָס — איינע, די פרוי פון אַ שול־דירעקטאָר, די צווייטע — בעסי, וועלכע שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ביז איצט דערשינען פון זלמן זילבערצווייג:

„קין", פיעסע אין 5 אקטן פון א. דיומא (איבערזעצונג)

„איראָפּעאישע בינע", זאמלונג פון 10 איינאקטערס (איבער־זעצטע, באארבעטע און אָריגינעלע)

„הומאָר און סאַטירע", זאמלונג פון אייראָפּעאישן הומאָר.

„חרטה", קינדער־איינאקטער

„חנה און די זיבן זין", קינדער־איינאקטער (איבערזעצונג)

„דער מבול", קאָמעדיע אין 3 אַקטן פון ה. בערגער (איבערזעצונג)

„הינטער מויערן", דראַמע אין 4 אַקטן פון ה. נאַטאַנסאָן (איבערזעצונג).

„הנודד הנצחי", במערכה אחת מאת ה. היארמנס (תרגום)

„דער ליבער פריינט", ראָמאַן פון גואי דע מאָפּאַסאַן (איבערז.)

איינאַקטערס, 40 פארסן, קאָמעדיעס און דראַמעס (פארלאג א. גיטלין, ווארשע).

„הינטערן פאָרהאַנג", (פארלאג ב. קלעצקין)

„טעאַטער זכרונות", (פארלאג ב. קלעצקין)

„וואָס דער יידישער אקטיאָר דערציילט", (פארלאג ב. קלעצקין)

„לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", ערשטער באַנד

„לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", צווייטער באַנד

„טעאַטער - פיגורן", 21 פּאָרטרעטן פון אַקטיאָרן און טעאַטראַלן

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט

דורך ז ל מ ן ז י ל ב ע ר צ ו ו י י ג

ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט

פון י ע ק ב מ ע ס ט ע ל

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן־
יוניאָן אין אַמעריקע

פ אַ ר ל אַ ג „א ל י ש ב ע"

ערשטער באַנד

נ י ו ־ י אָ ר ק 1 9 3 1

אַנטהאַלט די ביאָגראַפיעס, לעבנסבאַשרייבונגען און מאָנאָגראַ־
פיעס פון די אותיות א—ח

א ו י ס פ אַ ר ק ו י פ ט

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט

דורך **ז ל מ ן ז י ל ב ע ר צ ו ו י י ג**

ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט

פון **י ע ק ב מ ע ס ט ע ל**

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן־
יוניאָן אין אַמעריקע

פ אַ ר ל אַ ג „אַ ל י ש ב ע"

צווייטער באַנד

ו ו אַ ר ש ע 1 9 3 4

אַנטהאַלט די ביאָגראַפיעס, לעבנסבאַשרייבונגען און מאָנאָגראַ־
פיעס פון די אותיות **ט** — **ע**

א ו י ס פ אַ ר ק ו י פ ט

דריטער באַנד

פון

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט

דורך **זלמן זילבערצווייג**

ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט

פון **יעקב מעסטעל**

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן־

יוניאָן אין אַמעריקע

פאַרלאַג „אלישבע"

ווערט צוגעגרייט צום דרוק

אַנטהאַלט די אותיות **פ—ת** און הוספות צו די אותיות **א—ע**.

ווענן אַלע ענינים פון „לעקסיקאָן" דאַרף מען זיך ווענדן צו:

LEXICON c/o HEBREW ACTORS UNION

31 E 7 STR., NEW YORK CITY, U. S. A.